STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03266

YOMTEVDIGE SIMBOLN

Isaac Hirsch Ever

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יום־טובדיגע סימבאָלן

עסייען

הרב יצחק צבי צוקער

יום טובדיגע סימבאָלן

עסייען

גערדאנקען און באטראכטונגען וועגן אידישע ימים טובים
און אַנדערע פּראָבלעמען פון אידן און אידישקייט

פארלאג „עברי"
ברוקלין, נ. י.
התש"ז, 1947

פון זעלבן מחבר:

הרב י. ה. לעווענבערג (ביאָגראפיע)

ניו יאָרק, 1939

אין מאנוסקריפּט:

פון אַמעריקאנער אידישן לעבן (דערציילונגען)

Copyright 1947, *by*

RABBI ISAAC H. EVER

1580 St. Marks Avenue

Brooklyn 33, N. Y.

U. S. A.

All Rights Reserved

Printed by

MODERN LINOTYPE CO.

1755 St. Johns Pl., Brooklyn 33, N. Y.

HOLIDAY SYMBOLS

ESSAYS

Thoughts and Reflections on Jewish Holidays and of Israel's world-wide Religious Problems

BY

RABBI ISAAC H. EVER
Rabbi, Saratoga Hebrew Centre
Author, Biography of his Father-In-Law
the late Rabbi Judah H. Levenberg

"IVRI" PUBLISHERS
Brooklyn, N. Y.
1947

מיין זון

יהודא העשל

א דערמאָנונג אין זיין גרויסן זיידן,

הרב יהודא העשל הלוי לעווענבערג, זצ״ל

אינהאלט

א בריוו פון חיים ליבערמאן 13

ריכטיקע אָפּשאצונגען פון וועלט און ציוויליזאציע. — אן אוצר פון תורה־געדאנקען. — פּראָבלעמען וואָס שטייען ברומו של עולם. — הרב עווער און זיין לייכטקייט אין סטיל. — א רב א שרייבער איז א קעניג מיט צוויי קרוינען.

אנשטאָט א הקדמה פון הרב אברהם ביק 15

א בעל הוראה און א בעל אחריות. — דער חותם פון עטישער אצילות. — הרב עווער פאַרקערפּערט אין זיך די מאָראלישע עלעמענטן פון מוסר. — די פּאָעטיש־ליטעראַרישע עסייען איז א נייעס אין דער רבנישער ליטע־ראטור. — א דאָקומענט פון רייכן אינהאלט און יום־טובדיקן סטיל.

א פּאָר ווערטער פון מחבר 18

Some Introductory Remarks - by Rabbi Abraham J. Bick 19

A Letter By Chaim Lieberman 22

A Word By The Author 25

יום טובדיגע סימבאָלן

ראש השנה 27

טעג פון חשבון הנפש און גייסטיקער קאָנטעמפּלאציע. — דער חוט־השדרה פון דער וועלט. — תכלית המועדים.

יום כפור 32

א טאָג פון פיין און אויסקריסטאליזירונג פון גייסט. — דאָס אידישע פאָלק — א „שעיר המשתלח" פאַר דער וועלט. — דער איינדרוק וואָס יום כפור האָט געמאכט אויף א דענקענדיקן קריסט. — דער געפיל פון געמיינזאמער פאַר־פליכטונג.

סוכות 40

דער סימבאָל פון גלות־לעבן און פון שלום און טאָלעראנץ. — די פאראכטונג צו פּאלאצן און תפיסה־ווענט. — דער יום־טוב פון פארשיידענהייטן. — וואָס סימבאָליזירן די ארבעה מינים ?

שמחת תורה 47

א כשוף־וועלטל פאַר אידן. — אש שחורה על גבי אש לבנה. — דער סוד פון קיום היהדות. — אונדזער אייגענע תורה און אייגענע שמחה.

אינהאַלט

חנוכה 53

די ליכט־שטאַפּן פון יהדות. — אייגענע טעריטאָריע און פרעמדע קולטור. — דער געדיכטער בעזים פון די חשמונאים. — די אידישע מארטיראָלאָגיע.

שבת־שירה און חמשה עשר בשבט 61

פון גלויבן צו געזאַנג. — גערטנער און דערציער. — דער איד און די נאטור.

פורים (א) 65

דער דור און זיינע מנהיגים. — גלייכבארעכטיקונג און ברייטע אויטאָנאָמיע. — די גייסטלאָזע אסימילאציע. — פורים, דער יום טוב פון אָפּטימיזם. — כל המועדות בטלים.

פורים (ב) 73

די טראגעדיע פון עם מרדכי. — עמלקיזם, אנטיסעמיטיזם. — „אין אלטע אידישע געשיכטע, וואָס בלייבט תמיד ניי".

פסח 78

דער יום־טוב פון פרילינג. — אין פרילינג פון אידישן פאָלק. — די באפרייאונג פון נשמה־קנעכטשאפט.

שבועות (א) 83

די הייליקע מאָטיוון פון בארג סיני. — לייכטנדיקע קרוינען אויף אידישע קעפּ. — דער אייביקער געטלעכער פלאם. — דער אָפּקלאנג פון „אנכי".

שבועות (ב) 87

די לערע פון מדבר. — דער נאַציאָנאלער און אינטערנאַציאָנאלער מאָמענט. — די מידה פון הסתפקות.

שבועות (ג) 94

נעשה ונשמע. — לעבעדיקע מעשים, ניט בלויז טעאָריע. — דער עיקר זיינען מעשים. — דער באוואוסטזיין פון מוז און נויטווענדיקייט.

תשעה באב 100

אונדזער נאַציאָנאלע קאטאסטראָפע. — טרויער אין מיטן פון זאטקייט און שפע. — די אלטע קינות־בלעטלעך, אן אייביקע טרייסט. — תשעה־באב און שבת נחמו.

געדאנקען און באטראכטונגען איבער תורה און אידישקייט

וואָס וועט זיין אז משיח וועט קומען? 109

יונג און אלט. — דער דור וואָס גרייט די ימות המשיח.

אינהאַלט

די געטליכע תורה און די מענטשלעכע ציוויליזאַציע 112

די וואַסערן פון דער תורה מאכן זיס די ביטערקייט פון לעבן. — תורה א מיטל קעגן גיפטיקע קולטורן.

דער געזאַנג פון אונדזערע קינדער 114

מפי עוללים ויונקים. — די נאָך ניט געבוירענע דורות.

פרילינג 117

פרילינג אויף דער וועלט. — דער פרילינג פון מענטשן. — די נאכט און אירע וועכטער.

די נויטווענדיקייט פון ישיבות 119

קרח׳ס טענות און טרויעריקע פאָלגן. — מחלוקות שלא לשם שמים און ניט פאר „דזשאבס״.

טומאה און קדושה 121

דער צוועק הייליקט ניט די מיטלען. טומאה פארטרייבט מען בלויז מיט קדושה.

אונדזערע פחדנים 122

פחדנות אין אונדזער געשיכטע. — ווען די גוים זיינען אונדז מקנא.

שלום און אמת 123

שלום ניט אויפן חשבון פון אמת. — פאלשע און אמתע נביאים.

תורה אידנטום און רעפאָרם אידנטום 125

גאנצע אידישקייט און פראגמענטארע „אידישקייט״. — תורה און רעליגיעזע דאָגמע.

שלום אָן שווערד און שפיז 127

שטארקייט אָן שווערדן. — שלום ניט דורך באוואפנונג. — אונדזער שטארקייט איז שלום.

זמן חרותינו 129

ניט קיין עפיזאָד. — א פערמאנענטער פראָצעס.

פאַרברעכן און שטראָף 131

דאָס שלעכטע וואָס באשטראָפט. — די אינקוויזיציעס זיינען אָפּגעשפרונגען אויף די אינקוויזיטאָרן.

בויען א גאַנצע אידישקייט 132
א העלפט איז גאָרניט. — דער אידישער טיש דאַרף האָבן א פּנים. — ניט קיין האלבע ליכט.

מאָדערנע שאלות ותשובות צווישן עלטערן און קינדער 135
גוט איז ווען עלטערן ווייסן וואָס צו ענטפערן. — דערציער און דערצויגענע.

די וועגן פון לעבן 136
אויפען שיידוועג. — אידישע „טרעפיק־רעגולאציעס”.

בלינדקייט און אומבאהאָלפענקייט 138
קלינגנדיקע נעמען און מיאוסע מעשים. — מענטשן און מעשים.

גערעכטיקייט 140
צדקה מיט משפט — ניט קיין המן׳דיקע שקלים.

די מצוה פון שרייבן א ספר תורה 142
די עדות פון דער תורה. — אמתע עדות ווערן ניט פאַרגעסן.

שבת 144
דער יום טובדיקער באנקעט פון דער וועלט. — שבת — אן אומענדליכע וועלט.

ג־טס פאָלק 145
א פאָלק מיט אלע קאָסמישע סגולות. — א פאָלק וואָס באשאפט.

ג־טס שפראך פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערן 146
דער משיח גדאנק. — א גאראנטיע קעגן אסימילאציע. — אמת, צדק און רחמים קעגן אימפעריאליזם.

קריטיק, אָפּשאצונגען און מיינונגען וועגן מחבר און
זיין ערשט ווערק פון בארימטע פערזענלעכקייטן 149

א בריוו פון חיים ליבערמאן *)

ב״ה, יום ה׳, ערב ראש חדש סיון, תש״ו

לכבוד הרב המפורסם ר׳ יצחק צבי עווער שליט״א, שלום וברכה!

חשוב׳ער רבי!

איך וויל אייך דאנקען פון טיפן האַרצן פאַר מזכה זיין מיך מיט לייענען אייער ספר „יום טובדיקע סימבאָלן״ נאָך אין כתב יד. איך האָב עס געלייענט מיט גרויס אינטערעס און האָב זיך באַרייכערט מיט א סך שיינע תורה־גע־דאנקען, און בין דורכגענומען געוואָרן מיט א סך איידעלע געפילן וועגן אידן און אידישקייט, און אויך מיט ריכטיקע אָפּשאצונגען וועגן, מישטיינס געזאָגט, „וועלט״ און „ציוויליזאַציע״, לויט זייער ווערט...

אונדזערע ימים טובים זיינען אַזוי אלט ווי אונדזער פאָלק, און וויפיל איז שוין וועגן זיי ניט געשריבן געוואָרן! און דאָך קאָן ניט אויסגעשעפּט ווערן דער קוואל פון זייער שיינקייט. און איר זייט געקומען און האָט נאָך נייע שיינקייטן אויפגעדעקט אין זיי. ס׳איז א מלאכת הקודש, איבערהויפּט דאָ צווישן אונדז אין אמעריקא, וואו אַזוי פיל אידן האָבן, בעוונותינו הרבים, אָנגע־הויבן מזלזל צו זיין אין אונדזערע „גוטע טעג״, און די „עלעקטרישע באלייכ־טונג״ פון דער ציוויליזאַציע האָט זיי אַזוי פאַרבלענדט די אויגן, אַז זיי זעען מער ניט די ליכטיקייט פון קדושה, וואָס באלייכט יענע פינסטערנישן וואָס קיין עלעקטריש ליכט קען אַהין אפילו ניט אריינדרינגען. זיי פאַרשטייען ניט, אַז אָן קדושה איז אַפילו בייטאָג דאָס לעבן פינסטער, און אין קדושה איז ליכטיק אויך אין דער ערגסטער פינסטערניש.

אָבער דאָך נאָר אָן ערך אַ העלפט פון אייער ספר איז פאַרנומען מיט די ימים טובים. אין דער צווייטער העלפט באשעפטיגט איר זיך מיט אנדערע פראָבלעמען, פיל אין צאָל, וואָס שטייען ברומו של עולם. מיט א פיינער קענטניש פון וועלטליכער חכמה זייט איר מסביר פאַרן לעזער דעם חילוק

---

*) ר׳ חיים ליבערמאן איז א באקאַנטער שריפטשטעלער און ליטעראטור־קריטיקער, מיטארבעטער פון „פאָרווערטס״ און מחבר פון וויכטיקע ווערק, וואָס שטייט נאָענט צו דער אָרטאָדאָקסיע.

צווישן תורה און ציוויליזאַציע, צווישן ריינעם גייסט און מאטעריאַליזם, צווישן עבודה און עבודה זרה, וואָס דאָס אַלץ איז דער תוך־אונטערשייד צווישן אידישקייט און, דער אַזוי געראָפענער, וועלטליכקייט.

דערצו זייט איר געבענשט מיט א כוח הסברה, מיט א לייכטקייט פון סטיל, וואָס וועט אפילו דעם געוויינליכסטן לעזער ממש אריינלייגען אין מויל, און זיס מאכן, שווערע ענינים, וואָס ביי אַן אנדער שרייבער וואָלט מען זיך צובראָכן די ציין איבער זיי. עס איז דאָ אַ ליבע געמיטליכקייט אין אייער איצטיגן ספר, וואָס פארבייט די קריגערישקייט פון אייער ערשטן ספר, די לעבנסבאשרייבונג פון אייער שווער הרב יהודא ה. לעווענבערג זצ״ל, כאָטש דאָ, אין אייער נייעם ספר, איז אויך פאַראַן, וואו מען דאַרף, גענוג סאטירע און שאַרפקייט.

בכלל, אין פרט פון סטיל, זעט זיך אין דעם איצטיגן ספר, אַ גרויסער פאָרשריט איבער אייער ערשטן ספר, און דאָס אַליין איז אַ סימן פון א שריפטשטעלער. א שריפטשטעלער אַנטוויקעלט זיך, און ווער ס׳איז ניט קיין שריפטשטעלער יענער קען אַלץ וואָס ער וועט שוין קענען, גלייך אין אָנהויב. איך באַטאָן דעם דאָזיקן פונקט, און איך באַגריס עס מיט באַזונדערער פרייד, דערפאַר וואָס אין אונדזער צייט נויטיקן מיר זיך גאַנץ באַזונדערס אין רבנים וואָס האָבן א פען אין האַנט, אין אונדזער צייט, מער ווי ווען עס איז פריער, זיינען מיר גערופן צו פאַרטיידיקן, ניט נאָר אידן, נאָר אויך אידיש־קייט. און אידן דאַרפן מיר פאַרטיידיקן נאָר לגבי די גוים, אָבער אידישקייט דארפן מיר שוין, בעוונותינו הרבים, פאַרטיידיקן קעגן אידן אויך.

א רב ביי אידן איז אין מיינע אויגן אַ גרעסערע זאך ווי א שרייבער ביי אידן, אָבער א רב א שרייבער איז א קעניג מיט צוויי קרוינען.

און אייך איז באַשערט צו טראָגן די דאָזיקע צוויי קרוינען. און וואָס קען זיין אַ גרעסערער זכות ווי דאָס?

ברענג איך אייך מיינע האַרציקסטע וואונשן אויף אייער וועג. לך בכחך זה און זאָל אייך ג־ט העלפן צו שטייגן תמיד העכער און העכער.

ברגשי כבוד ויקר,

חיים ליבערמאַן

אנשטאָט א הקדמה

פון הרב אברהם ביק *)

מיט א באזונדער נחת־רוח האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג פון מיין פריינט הרב ר׳ יצחק צבי עוזער נ״י, אָנצושרייבן די עטלעכע ווערטער ווי אַן אריינפיר צו זיין נייעם ספר „יום טובדיקע סימבאָלן״.

הרב עוזער איז פון די געציילטע יונגע, ענערגישע רבנים, וואָס ציען ווייטער די גאָלדענע טראַדיציע פון יענע גייסטיקע זיילן אונדזערע, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעשלאָסן אין די ד׳ אמות פון הלכה אליין, נאָר זיך געשטעלט מיטן פנים צו דער וועלט און אין ליכט פון דער תורה געוואָלט לייזן אַלע פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש, פון פאָלק און איד.

ווי א מוסמך להוראה איז ער ניט נאָר קיין בעל־הוראה נאָר אויך א בעל־אחריות. ער איז עוסק אין תורה און מחשבה מיטן טיפן גלויבן אַז עס ליגט א גרויסע אחריות אויף אונדזערע וועג־ווייזער, איצט, מער ווי אין אלע צייטן, צו באַווייזן דעם „המאור שבה״.

און ווי א בעל אחריות מוסרט ער ניט און שטראָפט ניט. נאָר וויקלט אויף פאַר אונדז די מגילות פון די ימים טובים, די פּרשות פון צייט און פון אייביקייט און ווייזט אונדז: זעט וואָס פאַר א ליכט עס שטראָמט פון זיי, א ליכט וואָס אויב מען אנטפּלעקט אים איז עלול צו באַלייכטן דעם גרויסן חושך פון דער וועלט.

זיין ווערק „יום טובדיקע סימבאָלן״ איז ניט פון דעם געוויינלעכן סאָרט שאַבלאָנעם דרוש, וואָס קלאָגט אויף אונדזער טרויעריקן מצב אין דעם לאַנד און איז יוצא מיט דערלאַנגען „סוירמאָן״־שטאָף פאַר א וועכענטלעכער אָדער יום־טובדיקער דרשה. הרב עוזערס עסייען, — וואָס פאַרמאָגן אויך א גרויסן דרוש־מאַטעריאַל, — זיינען טיפע מענטשלעכע שמועסן וועגן עטישן אינהאַלט פון די ימים טובים בפרט און אַלע אידישע סימבאָלן בכלל, אויף וועלכע עס ליגט דער חותם פון עטישער אצילות.

---

*) הרב אברהם ביק, יונגער רב, תּלמיד פון הרב קוק ז״ל, שריפטשטעלער, איז מחבר פון אייניקע ווערק און מיטאַרבעטער פון „טאָג״ און פילע צייטשריפטן.

די געדאנקען וואַרפן שטראַלן ליכט אויפן האַרטן און טונקעלען עלענט אונדזערן און באַווייזן אַז עס איז דאָ א זינען אין לעבן פון ישראל סבא, וואָס קלאַמערט זיך אין זיינע אייביקע קנינים, די ווערטן פון אידישע ימים טובים און אידישע סימבאָלן, דער אינהאַלט פון אידנס יום־טוב און אין אידנס וואָך.

ווי א תלמיד פון די היימישע און אייראָפּייאישע ישיבות, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם עטישן גייסט און די מאָראַלישע עלעמענטן פון מוסר, באַווייזט ער אין זיינע עסייען אַז ער קען דעם מענטשן און זיינע קאָנפליקטן. ער ווייסט אַז דער מענטש, דער איד, דער יחיד, ווי דער קאָלעקטיוו, קאָן זינקען אין חשכות, פאַרשקלאַפט ווערן צו זיינע ליידענשאַפטן, אָבער אַלע זיינע קאָנפליקטן, יעדער מין זינד און שולד, קאָן געלייזט ווערן אויב דער מענטש וועט פאַרשמעלצן זיין ווילן מיט ג־טס ווילן, ווערן איינס מיטן אבסאָלוטן, מיטן אין־סוף. און דער וועג צום העכסטן, מענטשלעכן, איז ניט אין די הימלישע מרחקים, אין די ווייטע אומבאַגרענעצטע האָריזאָנטן, נאָר דאָ אויף דער ערד און אויף דער וועלט, אין די ימים־טובים, אין די תרי״ג מצוות, וואָס זיינען סימבאָלן פון צייט און זיינען מרמז אויף דער אייביקייט.

אָט דער טיפער און דאָך אַזוי פּשוטער אויסטייטש פון אונדזער יום־טוב־פילאָזאָפיע, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין זיינע פּאָעטיש־ליטעראַרישע עסייען, איז א נייעס אין דער רבנישער ליטעראַטור. אויף זיין שרייבן פלאַטערט דער גייסט פון יום טובדיקייט און זיין סטיל איז ליטעראַריש־בילדלעך, ניי און פריש. א סטיל וואָס פּאַסט דעם אינהאַלט.

דער ספר „יום טובדיקע סימבאָלן״ איז שוין ס׳צווייטע בוך וואָס קומט פון דער פּען פונם יונגען רב און שריפטשטעלער און עס איז, אין אַ געוויסן זין, א המשך פונם ערשטן, די ביאָגראַפיע פון זיין שווער הרב הגאון ר׳ יהודא העשל הלוי לעווענבערג, ז״ל, דעם נייעם וועג־ברעכער פאַר תורה און מוסר אין דעם לאַנד.

עס איז א פאָרזעצונג פון דרך המחשבה פון הרב לעווענבערג ז״ל און אַלס אזא דאָקומענט דאַרף עס אויפגענומען ווערן פון די אָרטאָדאָקסישע מאַסן און תורה־טרייע לייענער.

א נ ש ט אָ ט א ה ק ד מ ה

מיר ווינטשן דעם מחבר ער זאָל גייןָ אויף דעם וועג פון ווייטער פארטיפן די אידישע מחשבה און זיך גרונטעוועען צום תוך פון אידישקייט. דערצו פארמאָגט ער ביידע צוויי גרונטיקע מעלות: עכטע רעליגיעזע ליידנשאפט און דעם אמת׳ן עטישן פייער.

הרב אברהם ביק

ניו יאָרק, ראש חודש אלול, התש״ו

אַ פּאָר ווערטער

א טייל פון מיינע פובליציסטישע ארטיקלען און עסייען, געדאנקען און באטראכטונגען איבער תורה און אידישקייט, וועלכע זיינען געווען גע־דרוקט אין דער היגער אידישער פרעסע, האָב איך צונויפגעזאמלט צווישן די טאָוולען פון דעם בוך, אויף דעם פארלאנג פון מיינע פריינט, אין דער זעלבער פאָרם ווי איך האָב זיי געשריבן צו צוואנציק יאָר. מיין ציל איז צו באלייכטן אויף א סימבאָלישן אופן דעם מהות און באַדייטונג פון אונדזערע אידישע ימים טובים, וועלכע איך האָב נאָך אין מיין פריער יוגנט אָנ־געהויבן.

די עסייען זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן ניט נאָר פאָר רעדנער און רבנים, נאָר אויך פאַרן ברייטען עולם. און אויב זיי וועלן געפינען חן אין די אויגן פון די לייענער, וועט דאָס זיין מיין באלוינונג.

איך געפין פאָר נויטיק צו געבן א הארציקן יישר כח די חשובע פּאָר־שטייער פון דער רבנישער און ליטעראַרישער וועלט: הרב ר׳ אברהם ביק, שליט״א און ר׳ חיים ליבערמאַן, נ״י, וועמענס וואַגיקע און סימפאַטישע אריינ־פיר־ווערטער האָבן א סך בייגעטראָגען צו דער דערשיינונג פון דעם ווערק און געגעבן מאָראלישע דערמוטיקונג דעם מחבר.

צום שלוס געפין איך פאָר מיין חוב צו דאנקען אַלע די, וואָס האָבן מיר מיטגעהאָלפען אין אַרויסגעבן סיי מיין ערשט ווערק און סיי דעם איצטיקן ספר.

הרב יצחק צבי עווער

רב פון ברוקלין סאראטאָגא היברו צענטער

מחבר ביאָגראפיע פון הרב י. ה. לעווענבערג, זצ״ל

ראש חודש אלול, התש״ו, ברוקלין, נ. י.

SOME INTRODUCTORY REMARKS

by RABBI ABRAHAM J. BICK *

It is with particular gratification that I accepted the invitation of my friend, Rabbi Isaac H. Ever, of New York, to contribute the following remarks that are to serve as an introduction to his new volume, "Holiday Symbols".

Rabbi Ever is one of the few young, energetic spiritual leaders continuing to weave the golden tradition of those of our spiritual "pillars" who have not confined themselves within the "four corners" of "Halachah" (exposition and interpretation of the law) but have, rather, fearlessly faced the world, endeavoring to solve all problems of world and man, nation and Jew—in the light of the Torah.

As a Rabbi in Israel to abide legal decisions, he is not only giving decisions to cases coming before him, but then, too, Rabbi Ever is a person of responsibility. Active in the field of Torah, he firmly believes that our mentors and trail blazers have a responsibility, now more than ever, of revealing the light of Torah.

And, as a person of responsibility, he neither reproaches nor lectures. Rather, he unfolds before us the chapters of the holidays, the portions of time and eternity, and reveals to us the light that emanates from them—a light that, disclosed, can light up the great darkness of the world.

Rabbi Ever's volume, "Holiday Symbols," is not of the ordinary type of patterned lecture or oration that bewails our sad plight in the land; nor is the book the product of one who feels that he has done

---

* Rabbi Abraham J. Bick, youthful spiritual leader, pupil of Rabbi Abraham Kook (of blessed memory), is the author of a few works, contributor to The Day, Yiddish daily, and a number of periodicals.

his duty by merely passing on sermon material for a weekly or holiday discourse. Rabbi Ever's essays, which are, too, a rich source of discourse material, are profound, humane chats of the Jewish holidays particularly and all Jewish symbols generally, which bear the mark of ethical nobility.

These thoughts brighten our hard and dreary loneliness and prove there's a purpose in the life of Israel the patriarch, which clasps in its own possession. The purpose is: the values of Jewish holidays and Jewish symbols, the content of the Jew's holiday, the Jew's week.

Likened to the European Yeshiva student imbued with the ethical and moral elements of reproof, Rabbi Ever demonstrates, in his essays, that he knows man and his conflicts. He knows that man, Jew, the individual, as the collective, can stoop to darkness and be made slave of his passions, but that all his conflicts, every kind of sin and blame, can be solved if man fuses his will with the will of G-d, become one with the absolute, with the Holy One. The path to the highest, the humane, does not lie in the heavenly vistas, nor in the far limitless horizons, but is to be found here on earth, in this world, the holidays, the commandments and religious obligation that are symbols of time and that are an intimation of eternity.

This profound and yet simple interpretation of our holiday philosophy, revealed in Rabbi Ever's poetic-literary essays, is a new phenomenon in Rabbinic literature. The holiday spirit and mood permeates his writings, and his style is literary and picturesque, new and refreshing. The style befits the contents.

The second volume from the pen of the young Rabbi and author, "Holiday Symbols" is, in a sense, a continuation of his initial volume, the Biography of his Father-In-Law, Rabbi Judah H. Levenberg, of

blessed memory, trail blazer for Torah and reproof in this land. It is a continuation of the line of thinking which Rabbi Levenberg pursued, and the Orthodox Jewish masses and Torah-devout readers ought accept it as such document.

To the author: our wish that he continue to delve into the essence of Judaism. For the attainment of this, he is aided by possession of the two basic qualities: genuine religious passion and the true ethical spark.

RABBI ABRAHAM J. BICK

September 1946
New York

A LETTER BY CHAIM LIEBERMAN*

"With the Help of G-d"
May 29th, 1946

RABBI ISAAC H. EVER, Greetings!

Dear Rabbi:

May I express my profound thanks to you for having afforded me the opportunity of reading your "sefer", "Holiday Symbols", while it was still in script. I read it with intense interest and found it contained a treasure of Torah-thoughts. Indeed, the book is replete with reflections concerning Jews and Judaism, and contains, too, proper evaluations of the world and civilization alike.

Our Jewish holidays are as old as Israel itself. So much has been written about them! And yet, the fountainspring of their beauty cannot be tapped dry. You came along, revealing still greater beauty inherent in these observances. It is a "holy work", particularly here, amongst us in America, that so many Jews have, in this sinful generation, begun to make things unholy in our "good days" and that the glow of civilization has so blinded them that they no longer see the light of holiness which lights up every dark nook and corner. As a matter of fact, no electric light of civilization can even penetrate there. These folks fail to realize that, without holiness, life is dark even by day, and that where there is holiness, there is light even in the midst of the most intense darkness.

Yet, but about half of your "sefer" is devoted to the holidays, while the balance deals with other problems, many in number, that

* Chaim Lieberman is a noted author and literary critic, a member of the editorial staff, Jewish Daily Forward, who has penned many important works and is closely allied with the Orthodox camp in Jewish religious life.

confront the higher world. Possessed of a fine knowledge of wordly wisdom, you can explain the reader the difference between Torah and civilization, pure spirit and materialism, divine service and idolatry—all of which denote the basic differences between Judaism and the so-called worldliness.

In addition, you are blessed with talent of exposition, along with lightness of style, so that the matter discussed becomes simple and clear—even to the ordinary reader. You handle with ease—difficult subjects with which other writers would but wrestle in despair. A warm good-naturedness permeates your present "sefer", replacing the satire that prevailed in your debut-volume, the Biography of your Father-In-Law, Rabbi Judah H. Levenberg, of blessed memory, though satire may also be found in your new work, in a number of instances.

Generally speaking, insofar as style is concerned, your present "sefer" represents a marked stride forward, as compared to your first volume, and that alone indicates one is an author. An author develops, and one who isn't an author, knows all he'll ever know at the very outset. I emphasize this point, and rejoice particularly at your style-progress, for, in our day, we are especially in need of Rabbis who are authors, since today, more than ever before, we are being called upon to defend Jews and Judaism alike. As to Jews, we have to defend them only with regard to the gentiles; as to Judaism, though, we, the sinful generation, must defend it against Jews, too.

A Rabbi amongst Jews is, in my opinion, of much greater value than is an author amongst Jews. However, a Rabbi who is also an author, is a king bearing two crowns. And what can be worthier than that?

And so, I bring you my heartfelt best wishes, as you proceed along

your literary path. Go forth with that strength which is yours, and may G-d aid you in reaching one milestone after the other—ever forward.

With great admiration and devotion,

CHAIM LIEBERMAN

A WORD BY THE AUTHOR

This volume includes a collection of some of my articles and essays on all Jewish Holidays, thoughts and reflections concerning Torah and Judaism, that had been printed in the Yiddish press. Assembled at the request of my friends, they appear in this book precisely as they had been written in my youth—at the age of twenty. My object: to reveal, symbolically, the nature and significance of our Jewish Holidays.

These essays were originally written not merely for speakers and Rabbis, but also for the general public, and should they meet with favorable reader approval, I will deem it adequate reward.

I should like to take this opportunity to voice my deep thanks and appreciation to two representatives, respectively, of the Rabbinic and literary camps: Rabbi Abraham J. Bick and Chaim Lieberman, whose weighty and sympathetic introductory remarks have aided in publication of the volume and have lent moral stimulation to the author.

Finally, I should like to thank everyone who has aided me in publishing both my debut-volume and the present book.

RABBI ISAAC H. EVER
Rabbi of Saratoga Hebrew Center and
Author of the Biography
of his Father-In-Law, the late
Rabbi Judah H. Levenberg

September 1946
Brooklyn, N. Y.

W. GOTTESMAN

ראש השנה

א.

די ימים טובים, די פייערטעג פון א פאָלק, טראָגן אויף זיך א באזונדער שטעמפּל פון דעם כאראקטער פון פאָלק. אין אנדערע ווערטער: מ׳קען דערקענען, אורטיילן, בעסער פארשטיין א פאָלק, ווען מען קען זיינע ימים טובים, ווען מען באקאָנט זיך מיט די צערעמאָניעס פון זיינע פייערטעג.

גאנץ אנדערש זיינען אָבער ביי אונדז די ימים־נוראים ווי די ימים־טובים.

ימים־נוראים זיינען די ערשטע פייערטעג פון יאָר פאַרן אידישן פאָלק. זיי זענען געווידמעט צו גייסטיקער קאָנטעמפּלאַציע, צום חשבון הנפש, ווען יעדער אידישער יחיד נעמט אויף זיך צו פאַריכטן יעדעס אומרעכט, אויס־צובעסערן און פארשענערן אין דער צוקונפט זיינע מעשים און זיטן, וועלכע זאָלן זיך צופּאסן צו די געזעצן פון צדק, מוסר און יושר, און זאָלן זיין אין איינקלאנג מיט די תורה־געבאָטן. דאָס הייסט, אז די ימים הנוראים זיינען די יום־טובים פון נשמה אויסבעסערונגען, פון גייסטיקער דערהויבונג, וואו דער אידישער פּרט זאָל אריינדרינגען אין די אינווייניגסטע קעמערלאך און צעלן פון הארץ און מוח.

אין דער וויטער וואנדערשאפט, וועלכער דער איד מאכט דורך זייט טויזנטער יאָרן, האָט ער מיטגענומען זיינע ימים־נוראים. די ימים־נוראים, די רייפע טעג פון הארבסט, ווען ישראל סבא גלויבט, אַז ער איז שוין, דאכט זיך, אלט און שוואך, אַז ער וועט שוין לאנג ניט קענען אריבערטראָגן די גרויסע רדיפות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען זייט הונדערטער דורות, קומען די ימים־נוראים, וואָס אנטהאלטן אין זיך א זעלטענע מאָראלישע מאכט, און דערהויבן דעם אידישן גייסט, מאכן אים שטארק צו טראָגן אלע שווערע יאָכן פון גלות, גיסן אין אים אַריין נייע שטראָמען פון ענערגיע, נייעם מוט צו פירען ווייטער דעם קאמף פאַר ליכט און אמת. און אַזוי ווערט, אין דעם סעזאָן ווען די נאטור שטאַרבט אָפּ, די אידישע נאציע ווי פון דאָס ניי געבוירן, פול מיט פרישע קרעפטן, ווידער יונג, ווידער בליענד און פול מיט נייע האָפנונגען.

ביי אידן איז: „תכלית המועדים ראש השנה" — אנשטאָט וואָס ביי אנדערע פעלקער ווערט ניי־יאָר געפייערט דורך לײדנשאַפטליכע אָרגיעס און שכרות־וואַקכאַנאַליעס ביז צו זעלבסט־פאַרגעסענהייט, איז ביים אידן דער צוועק פון ימים־טובים, און בפרט פון „ראש השנה", צו מאַכן דעם סך־הכל פון זיינע מעשים אין ליכט פון דער פאַרגאַנגענהייט און נעמען אויף זיך אויס־צובעסערן אין דער צוקונפט.

ראש השנה זיינען טעג וואָס וואָרצלען טיף אין דאָס לעבן פון אונדזערע רעליגיעזע אידישע מאַסן. טעג, וואָס מאַכן יעדן ניכטער און גיבן אים א קלאָרן באוואוסטזיין, דערהויבן און דערנענטערן איין מענטשן צום צווייטן; טעג פון גלויבן אין אונדזערע כחות, טעג, ווען איין האַנט ווערט צו א פריינדס אַקסל צוגעשמידט און אלע — ווי איין מענטש...

די גרויסקייט פון א אידן באשטייט אין דעם, וואָס ער זוכט צו פּראַקטיצירן דעם פּרינציפּ פון „ואהבת לרעך כמוך" אויף אַ גרויסן פאַרנעם.

זיין קראַפט פון פאַסיווען ווידערשטאַנד, פון בייצוקומען דאָס ברוטאַלע און נידעריגסטע אין דער מענטשלאַכער נאַטור: „לכבוש את יצרו", און צו פאַרצוימען און איינשטילן די לײדנשאַפטליכע שטורמען פון מענטש — ווערט ביים אידן דורכגעפירט מיט רואיקייט, גלאַסענקייט און גוטמוטיקייט.

און דורך דער פייערונג פון דעם אידנס ניי־יאָר, ראש השנה, ווערט בולט דער געוואַלדיקער אונטערשייד פון צוויי באַזונדערע וועלט־אַנשויאונגען: דער צוועק פון לעבן און די מיסיע פון מענטשליכקייט, ווי פעלקער האָבן עס באַנומען און די אידישע באַציהונג צו גוטס און שלעכטס, יושר און טיראַניי.

ב.

אז העלדישקייט זאָל ווערן א טייל פון טאָג־טעגליכן לעבן, איז אַזאַ גרויסער נס פון וועלט־געשיכטלאַכער באַדייטונג, וואָס נאָר מיר אידן האָבן דאָס באוויזן.

עס איז פאַראַן א תפילה מיט וועלכער אידן רייסן איין די הימלען אין די ימים־נוראים׳דיקע טעג: „זכור לנו עקדת יצחק". און די תפילה האָט א טיפע באַדייטונג.

אייגענטליך פאַרלאַנגט דען דער רבונו של עולם פון אונדז, אַז מיר זאָלן אַ גאַנץ יאָר פּראַווען עקדות? צו בעטן א גוט יאָר איז גענוג מען זאָל קומען

מיט די זכותים פון מצוות, פון היטן דעם שולחן ערוך, טאָ וואָס פאַר א שייכות האָט עקדת יצחק צום שולחן ערוך? אָבער וואָס איז אַזוינס דער שולחן ערוך? דאָס איז דאָס געזעץ־בוך, וועלכער צוימט און רעגולירט די הפקרות פון לעבן. יעדער איד טראָגט אויף זיך א יאָך, וואָס רופט זיך „עול היהדות", און דורכלעבן מיט דעם עול דאַרף מען זיין א העלד, מען דאַרף קענען העלדיש לעבן. און דעריבער, ווען מיר קומען צום יום הזכרון, יום הדין, און מיר ווייסען דאָך, אַז מיר זענען שוואכע העלדן אין לעבן, מיר האָבן דעם יאָך פון שולחן ערוך לייכטער געמאכט, בעטן מיר: רבונו של עולם, טאקע מיר לעבן ניט העלדיש, אָבער זכור לנו עקדת יצחק! יצחק איז דאָך דער סימבאָל פון העלדיש לעבן.

דערפאר ווען עס קומען די ימים נוראים איז וואו מען גייט און וואו מען שטייט הערט מען זיפצן, — עס דאכט זיך עפעס, די גאנצע וועלט איז באלאס־טעט מיט איין גרויסער שווערער זאָרג אויפן הארצן און זיפצט און ציטערט...

די אָפטע געפאַרן צווינגען דעם אידן צו שטענדיקער וואכזאמקייט און אָפוּוער. דער איד דערפילט ערשט, מיט וויפיל טויזנטער פעדים ער איז צונויפגעבונדן מיט דער דאָזיקער וועלט. אין אַנבליק פון טויט הויבט ער ערשט אָן אויף אַן אמת צו שעצן דאָס לעבן, דאָס רעאַלע לעבן. און ניט נאָר זיין לעבן, נאָר אויך אַלץ ארום אים. די וועלט איז מער ניט אָפהענגיק פון זיין „איך". פארקערט: דער איד דערשיינט ווי א סכום איינדרוקן פון דער ארומיקער וועלט.

די שרעק פאַרן טויט רופט ארויס א מעכטיקן פארלאנג צו לעבן, א ווילן זיך צונויפצוגיסן מיט דער ארומיקער וועלט, וועלכע איז אַזוי שיין און אומ־שטערבליך.

פון אַנהויב רעאַגירן אויף דעם אידן די געשעענישן און טרויעריקע פאקטן, מיט וועלכע ער באגעגענט זיך אין גלות. אין יעדער זאך, אין יעדער ערשיינונג, זעט ער זיך, אַן אָבגלאנץ פון זיין „געטליכן איך".

דער איד דערפילט, אַז הינטער אלץ, וואָס איז פאראן אויף דער וועלט, ליגט א געטליכע קראפט. זי איז דער חוט־השדרה פון דער וועלט. זי בינדט צוזאמען די אָפגעריסענע יחידים און דערשיינונגען.

די מענטשליכע נשמה ברענגט אריין דאָס געטליכע אין דער יצירה. דעם מענטשנס אויפגאבע איז צו שאַפן — ג״ט.

דער איד איז געווען דער ערשטער דורכצופירן די מיסיע פון ג״ט־באַשאפונג. ער האָט דערצו פארמאָגט א נאטירליכע מתנה, גרעסערע מאָראלישע און עטישע כחות, ווי וועלכער ס׳איז אנדערער עטנישער כלל. דער איד האָט דער ערשטער א ג״ט באשאַפן.

די גשמיות׳דיקע וועלט? געוויס אי זי פאַראן. זי איז א יש. אָבער מען דארף זי קינסטלעריש־אינטואיטיוו באַנעמען, דורך און דורך ארומנעמען. מען דארף דערזען איר תוך, איר נשמה, כדי זי צו באַגרייפן. יהדות איז אַ מין סינטעז און קאָמפּראָמיס צווישן ראָמאנטישן מיסטיציזם און דעם ערדישן רעאליזם. און דורך אידישקייט קאָן דער מענטש זיך שאַפן, אין אַ געוויסער מאָס, אַן איינהייטליך בילד פון דער וועלט.

דערפאַר „תכלית המועדים — ראש השנה״, ווייל דאָס איז דער צענטראלער פונקט צו וועלכן עס שטרעבט און פירט די תורה: אוועקצושטעלן דעם מענטשן העכער פון דעם גאנצן באשאַף דורך גוטע מדות, וואָס גיבן כבוד דעם מענטשן, מאכן אים פאַרן בחיר־היצורים, ער זאָל ניט פארשעמען זיין באשאַפער אין וועמעס געשטאַלט דער מענטש האָט זוכה געווען געפורעמט צו ווערן.

ג.

ראש השנה — דער יום טוב פון חשבון הנפש.

דער אמת׳ער איד האָט שטענדיק געוואוסט צו לעבן מיט חשבון, מיט רעכנונג, ווייל אזא איד האָט אויסגעפונען דעם ריכטיקן ווערט פון לעבן. און דערפאַר ווען עס קומט ראש השנה מאכט ער זיך זיין חשבון הנפש, וועגט זיינע מעשים לזכות ולחובה. דער מענטש אנאליזירט זיך אַליין, דערקענט זיינע אייגענע פעלערן, זיינע שוואכקייטן, און דאַן איז ער אימשטאַנד ווייטער צו לעבן מיט רעכענונג.

דער איד מאכט זיין חשבון הנפש לויט ווי ער קען זיך. ער הערט זיך ווייניג צו וואָס אנדערע דענקען וועגן אים. ער דאַרף נאָר וויסן, וואָס ער אַליין טראכט וועגן זיך, ווייל זיך קען א מענטש ניט נארען, ווען ער וויל נאָר לעבן מיט זיין אייגענעם געוויסן, און געטריי צו זיין אייגענער הארץ.

„תכלית המועדים — ראש השנה". אומקערן זיך מיטן גאנצן הארצן פון דעם פארדאָרבענעם וועג צו דרך הישר, פאַרטרייבן פון מענטשנס הארץ די שלעכטע געפילן, פאַריאָגן דעם פאַלשן פאַרמאסקירטן שונא, וואָס דורך חניפות און גוטע ריידעלאך פירט ער דעם מענטשן אין אַ תהום פון אומגליק און פאַרטרייבט אים פון ביידע וועלטן.

חשבון הנפש — פארטיפן, אנטוויקלען און אויפקלערן די גרויסע רעיונות פון דער תורה, ווי אַזוי א מענטש דאַרף לעבן, צו וואָס ער איז געבוירן און וואָס אים שטייט פאָר אין דער וויטערדיקער, אייביקער צוקונפט. איבער זיך אַליין, איבער די באציאונגען פון איינעם צום אַנדערן, צום אידישן פאָלק.

חשבון הנפש — ראמט, אויסוואָרצעלט ביי דעם מענטשן שנאה, קנאה, פאלשקייט, קפּדנות, גאוה און אויף דעם פּלאַץ פלאנצט אמת, גערעכטיקייט, גוט־הארציקייט און שיינע געפילן. צום אייביקן בורא און יוצר און אויך אַ חשבון הנפש איבער די באציהונגען צום אלמענטשליכן, צום אלוועלטליכן, צום גאנצן קאָסמאָס.

ראש השנה סימבאליזירט די קראפט פון אונדזער עקזיסטענץ און גיט אונדז אַן ענטפער אויף אלע לעבנס־פּראָבלעמען. לאָמיר זיך אַליין דיסציפּלינירען, דערפילן אונדזערע פליכטן צו זיך זעלבסט און דאָס וועט פאַרזיכערן אונדזער ווייטערדיקן קיום אַלס מענטשן, אַלס אידן, אַלס פאָלק.

ווייל, תכלית המועדים איז — ראש השנה!

יום כפור

„עצמו של יום הכפורים מכפר".

א.

אלע ימים טובים סימבאָליזירן אויף א וואונדערליכן אופן דעם געדאנק, אַז דאָס אידישע פאָלק קלאָגט אויף דער פאַרגאנגענהייט און פרייט זיך מיט דער צוקונפט, באדויערט דאָס שלעכטע וואָס איז געשעען און האָפט מיט א פולן גלויבן, אַז אין דעם גרויסן בארג צרות פון דעם יאָר איז דאָ אַ קערנדל פון טרייסט פאַר די ווייטערדיקע יאָרן.

ווי לאנג דער איד בלייבט אָבער אין גלות, איז יום כפור א טאָג פון פיין, יללות.

ווער געדענקט ניט דעם יום כפור אמאָל, אין דער אלטער היים? ס'ארא טיפן, ערענסטן איינדרוק עס פלעגט מאכן אפילו אויף דעם גלייכ־גילטיגסטן?

ווען מ'האָט אָנגעפאנגען זאָגן דעם מי יחי' ומי ימות, מי ינוח ומי ינוע, פלעגן זיך דערהערן בכיות, יללות. אָבער היינט וויינט זיך ניט, ווען אפילו מען זאָל וועלן. און דער וואָס וויל שעמט זיך גאָר. אמאָל פלעגט מען הערן, היינט מוז מען גיין זעען. אמאָל פלעגט מען דערמאָנען, היינט טוט אפילו דער גייסטיקער פירער מיט זיינע רייד ווינציג אויף אָרויסצורופן געוויין, הרהורי־תשובה.

די פראגע איז, פארוואָס? אמאָל האָבן דאָך אידן געלעבט א לעבן פון צער, זאָרג. פינסטער איז געווען דער לעבן. אַזוי לאנגווייליק, אלעס גראא, טריב, ליידיק, אומעטום האָט געהערשט אָרימקייט, פינסטערניש, א חושך מצרים אָן א ליכטיקן שטראַל, און פארוואָס זיינען זיי דאָך געווען אַזוי צוגע־בונדן צום לעבן, האָבן געזאָרגט און מורא געהאט פאַרן טויט?

די היינטיקע, וועלכע לעבן א צופרידענעם, רייכן לעבן און זאָרגן זיך ניט פאר נאָכן טויט; די היינטיקע מאטעריאליסטישע וועלט־אנשויאונג, די תקופה פון פראָגרעס און ציוויליזאַציע, ווען דער מענטש האָט אלע באקוועמ־ליכקייטן, באָדט זיך אין ים פון פאַרגעניגענס, טרינקט עמערוויין פון לעבנס־

בעכער, די גאַנצע נאַטור שמייכעלט צו אים און די זון פון הצלחה שיינט, וואַרימט און באַשטראַלט אים מיט גאָלדענע זונען־שטראַלן און דאָך זיינען זיינע תפילות געווידמעט צו לעבן? „זכרנו לחיים; כתבינו בספר החיים, וכתוב לחיים", פאַרוואָס?

דער ענטפער איז פשוט.

עס איז ניט געווען די שרעק פאַר טויט, וואָס מ'האָט תמיד געזען פאַר די אויגן, ווייל אידישקייט לערנט: „גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע; אם תחנה עלי מחנה לא ירא לבי", עס איז אָבער געווען אַזאַ געפיל וואָס היינט פאַרשטייען מיר אים מער ניט. ווייל ביי אונדז הייסט לעבן געניסן, אויס־טרינקען דעם כוס פון לעבנס־גליק ביז צום ענדע און ווען מען האָט דאָס שוין דערגרייכט דאַן ווערט דער לעבן איבערדריסיק. דערפאַר זעען מיר טאָקע צוויי לאַגערן. איינע וואָס טונקט זיך אין שטראָם פון לעבן, לעבט און געניסט, און די אַנדערע, די פאַרצווייפעלטע, די וועלכע טרינקען פון ביטערן כוס זיינען אַ מחנה זעלבסטמערדער.

אָבער אויב הנאה האָבן, געניסן הייסט לעבן, — דאַן איז דער לעבן דעם לעבן ניט ווערט. דאַן בלייבט דער לעבן אַ פוסטע פאָרם אָן אינהאַלט, אַ פינסטערער שטאָף אָן ליכט.

ניט אַזוי איז עס אָבער מיטן „באור פני מלך חיים", די וואָס האָבן געלעבט אין די ליכט־שטראַלן אין אנגעזיכט פון דעם וועלט־הערשער. זיי האָבן געליבט דאָס לעבן, ווייל זיי האָבן געהאַט אַן אינהאַלט אין לעבן. דער געפיל האָט באַהערשט זייער גאַנצן לעבן. אַזאַ לעבן האָט אויפגעמונטערט, אויפגעהייטערט דעם מענטשן, פאַרטריבן די פינסטערע שאָטענס, געטרייסט אין אַלע ליידן און פיינען. אין דער צייט, וואָס אַ מענטש האָט געטאָן גוטעס פאַרן אַנדערן, יוצא געווען פאַר ג־ט, איז דער מענטש ניט געווען גלייכגילטיק. דער „יאָ יאָ, ניין ניין"; „אויך מיר אַ דאגה", — האָט אבסאָלוט ניט עקזיס־טירט אין לעבן.

ב.

דער ציל צוליב וועלכן די נשמה האָט אַראָבגענידערט פון אַזאַ הימל־הויכער הייליקייט אין אַזאַ ערדיש־נידעריקער וואָכעדיקייט, איז נאָר, ווייל דאָ, אין דער וואָכעדיקייט האָט די נשמה די מעגליכקייט קונה שלימות זיין,

דורך טאָן מצוות און מעשים טובים צו שטייגן אַלץ העכער און העכער, אַליין דערגרייכן קדושה, און צוריק קומענדיק, ווען די צייט קומט, ארויף צום כסא־הכבוד, זאָל די נשמה ברענגען גייסטיקע פאַרדינסטן, ערוואָרבענע דורך מי און יסורים.

דער תכלית און צוועק פון דעם מענטשן אויף דער וועלט, איז רוחניות, נשמה׳דיקייט — אויסאיידעלונג און אויסקריסטאַליזירונג פון גייסט.

יום כפור איז דערפאַר געבליבן א טאָג ווען די זינד ווערן פאַרגעבן. א טאָג, ווען דער מענטש קען און דאַרף זיך דערפילן ניי־געבוירן, באנייען זיין בונד מיט ג־ט און מיט זיין געזעץ — די תורה.

אפילו די אטמאָספערע פון יום כפור איז א הימלישע. אטעמענדיק די יום כפור־לופט ווערט דער מענטש דורכגעדרונגען מיט הייליקע התלהבות און עקסטאז אויף אַזוי ווייט, אַז ער ווערט מסוגל צו רעוואָלוציאָניזירן זיין נשמה. דער ערגסטער מין איד, וואָס די זינד איז ביי אים שוין ווי אַ צווייטע נאטור, וועמען עס ציט שוין ניט ווילענדיק צו זינדיקן, ווערט אָבער באנייט, אין דעם יום כפור טאָג. ער באקומט א ניי הארץ, א נייעם ווילן מיט נייע געדאנקען, הייליקע געפילן און שטרעבונגען, דער „עצמו של יום״, באהערשט זיין גאנצן וועזן און עס בלייבט ניט קיין שפור פון זיינע אמאָליקע זינד, קיין צייכן פון זינדיקן לעבן, „עצמו של יום״, אָן א ספעציפיש באזונדערער פראָצעדורע פון תשובה, אָן שום גייסטיקן קאָנטראָל און רעוויזיע, — ווערט דער איד א ניי געבוירענער, ער געפינט זיך אין דער זעלבער פאזע ווי פאַר די זינד.

דער מענטש מוז האָבן א טאָג, כדי זיך צו דערמאָנען, ווי ער האלט אין דער וועלט. א טאָג אין וועלכן ער זאָל זיך אָפּשטעלן אין זיין ווילדן גאלאָפּ, אין הא־הא און טראכטן: מענטש וואו לויפסטו? וואָס טוסטו? וואָס רעדסטו? הויב נאָר אויף דיין בליק אין דער הויך, ווייס, אַז עס איז דאָ א משגיח איבער דיר, אָן וועמעס באפעל דו קענסט זיך ניט א ריר טאָן!

דער איד ווערט טאקע צובראָכן מיט חרטה־געפיל. זיין הארץ איז אָנגעפילט מיט באדויערן פאַר די עבירות. עס ערוועקט צו תשובה. א טרער פון חרטה העלפט אומבאדינגט דעם זינדיקן מענטשן. „די טויערן פון טרערן זיינען קיינמאָל ניט פארשלאָסן״. אָן אויפריכטיקע זודיקע טרער, א חרטה

טרער בויערט דורך אַלע הימלען און דערגרייכט צום כסא־הכבוד, פון וואנען זי גייט שוין ניט אַוועק אָן א פולשטענדיקער כפרה.

וואָס איז אין אַלגעמיין דער ציל און צוועק פון מענטשנס לעבן?

אנדערע פעלקער, ווען זיי בויען זייער שטאאט, זאָרגן זיי צום ערשט פאַרן קערפער: בויען שטעדט, בילדן ארמייען, א. א. וו. ווען דער קערפער איז שוין פארזאָרגט, דאַן טראכט מען וועגן גייסט, שולן, ליטעראטור, קונסט, א. א. וו.

ביים אידישן פאָלק אין אנדערש.

די טעמי המצוות האָבן געלערנט, צו שלאָגן דעם באציל פון עגאָאיזם, פון פארגרעבטקייט, דערמאָרדן די נידעריקע אינסטינקטן, אויסוואָרצלען נייגונגען צו אויסגעלאסענהייט, אויפֿעפענען די פארשטאָפּטע מוחות און ווייך מאכן די שטיינערנע הערצער. אין אַלגעמיין, אויסאיידלען און אויס־בילדן א גייסטיק ציל־באוואוסטן פאָלק, איידער ער בויט זיין לאנד.

יום כפור דערוועקט די חושים און געדאנקען, וואָס זענען געווען פאַר־זונקן אין איין אײנציקן באגער אָנצוזאמלען וואָס מער געלד, מיינענדיק, אז נאָר דאָס געלד איז די איינציקע עקזיסטענץ בארעכטיקונג פארן מענטשן און אָן דעם איז די מענטשהייט א פארלאָרענע, — ניין! דער עיקר איז דער בטחון אין ג־ט און אנשטאָט דעם מגושם׳דיקן פנים, טראָגן דעם צלם אלקים. ווייל אין דעם טאָג איז אַלץ מעגליך, „עצמו של יום הכפורים מכפר״.

ג.

פון לאנגן גלות זיינען שוין ישראל׳ס גלידער צעשיטערט געוואָרן, פונקט ווי די גמרא (יומא, ס״ז) זאָגט אויפן שעיר המשתלח: „לא הגיע לחצי ההר עד שנתפרקו עצמותיו ונעשה אברים אברים״, — איידער דער שעיר האָט דערגרייכט א האלבן בארג איז ער שוין געווען צעגלידערט אויף איינ־ציקע גלידער. און אַזוי ווי דער שעיר־המשתלח פון יום־הכפורים אזוי איז דעם אידישן פאָלק באשערט צו לעבן אין גלות.

פון וואנדערן אליין וואָלט נאָך ישראל־סבא ניט אזוי מיד געוואָרן, נאָר די מורא פאַר די קלעפּ, די „ידי עשיו״, פאַר פּאָגראָמען, דערשיטערן אים ביז זיינע טיפענישן. געלינגט דעם אידן זיך צו דערשלאָגן צו א מנוחה׳דיקן פלאץ, וואו מען לאָזט אים רוהיק ארבייטן, פראָדוצירן, באַלעבן און באַרייכערן דאָס

לאנד, דעמאָלט לויבט ער און דאנקט ג־ט, כביכול, ווי יעקב האָט געטאָן: „ויבא יעקב שלום עיר שכם ויצב שם מזבח ויזבח זבח תודה", — אזוי טוט ישראל אין די גלות לענדער...

און דאָס בעטן מיר יום הכפורים, אַז מיר ווען שטייגן אין לעבן און מיר וועלן האלטן אין מיטן זאָל מען אונדז ניט צוריקשטויסן. צוגלידערן, ווי דער שעיר־המשתלח. ווי דער כהן גדול אמאָל, אַזוי בעטן מיר אויך, „בני חיי ומזוני". און ווי דער כהן גדול האָט געבעטן פאַר כלל ישראל, בזכות השבטים, דאַרפן מיר אויך האָבן אין זינען דעם כלל. מיר האָבן א סך צו בעטן פאַרן כלל. ווי שווער עס זענען די עבירות שבין אדם לחבירו, זענען די עבירות פון יחיד צום כלל ישראל נאָך שטארקער.

* * *

„עצמו של יום הכפורים מכפר".

עס איז דאָ א בוך מיטן נאָמען: „דער אומבאקאנטער היכל", געשריבן פון א פראנצויז וואָס הייסט עמעי פאלליער, וועלכער האָט זיך אין זיין יוגנט געגרייט צו ווערן א קאטוילישער גלח און האָט זיך שפעטער מגייר געווען פאַר א איד. אין דעם בוך דערציילט אונדז דער שרייבער, ווי איינמאָל זייענדיק נאָך א סטודענט אין א גלחים־שולע, איז ער פאַרבייגעגאנגען א שול אין ליאָן, פראנקרייך, דערזען די טירן אָפן איז ער אַריינגעגאנגען, געווען איז עס יום כפור. די הייליקע שטימונג פון גרויסן עולם מתפללים האָט אויף אים געמאכט א שטארקן איינדרוק. דער שרייבער דריקט זיך אויס אין די פאָלגענדע ווערטער: —

„דאָס וואָס האָט זיך אנטפלעקט פאַר מיר אין דעם מאָמענט איז ניט געווען די אידישע רעליגיע. עס איז געווען די אידישע נאציע. מיטאמאָל האָט ישראל זיך פאַר מיר פאַרגעשטעלט, ווי ער לעבט נאָך זיין אייגענעם לעבן פול מיט דינאמיק, וויטאליטעט, אָן א צייכן פון אָבגעלעבטקייט פון לעבנס־מידקייט. איך האָב דערזען דעם גלות־אידנטום ווי א שטאַרק אָרגאניזירטע קערפערשאפט, וואָס פאַר גאנצע ניינצען הונדערט יאָר, להכעיס דעם פאַרלאנג פון דער וועלט זיי אומצוברייגגען, זעצן זיי פאַר זייער עקזיס־טענץ, אָ זאך וואָס איך אליין האָב עס ניט געקאָנט באגרייפן".

דאָס איז דער זין פון יום כפור. אין דעם טאָג ווערט אנטפּלעקט דער כח פון א פאָלק, א קשה עורף, וואָס איז געלייטערט געוואָרן אין טיגל פון פּיין און יסורים, יסורים וואָס קיין שום אומה ולשון וואָלט ניט געקענט איבערלעבן. דאָס היטן און רעספּעקטירען פון דעם יום הכפורים, פון יעדן, אָבגעזען פון וועלכער שאַטירונג, אין יעדער טייל פון דער וועלט, ערוואַכט און וועקט אין די הערצער דעם געפיל פון אייניקייט, אַז דער איד געהערט צו אַן אָרגאַניזם, וואָס קלאַפּט און פּולסירט, און איז א פאָלק וואָס איז פעסט אנטשלאָסן ווייטער פאָרטצוזעצן זיין עקזיסטענץ.

ס׳איז דאָ א מיינונג, אַז דער געדאַנק האָט מאָטיווירט, באַוועגט די ווער־טער וועלכע פירען אַריין צו כל נדרי. די ערלויבעניש פאַר די זינדיקע אנטייל צו נעמען אין די תפילות פון יום הכפורים איז פארפאַסט געוואָרן פאַר דעם נוץ פון די מאראנען פון דער מיטעלאַלטערלעכער־שפּאַניע, וואָס זיינען געצוואונגען געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן מיט א שבועה פון זייער רעליגיע אונטער די ליידן פון די פּייניגער, יסורים און טויט. די השערה ווערט אָנגעגעבן אַלס אַ היסטאָרישע ערקלערונג, אָבער איז ווירקליך סימבאָליש און קען אָנגע־ווענדעט ווערן פאַר אונדזער היינטיקן צייט־גייסט.

די מאראנען, וועלכע זיינען דורך אַ גרויזאַמען שיקזאַל אָפּגעטיילט, אָפּגעזונדערט געוואָרן פון זייערע ברידער אַ גאַנצן יאָר, געצוואונגען געווען צו פאַרזיכערן זייער טרייהייט צו אַ גלויבן, וואָס איז זיי געווען פרעמד. האָבן עובר געווען אויף דער שבועה און ריזיקירט מיט זייער לעבן כדי צו פאַר־אייניקן זיך מיט זייערע ברידער אמוייניגסטנס איין טאָג, יום הכפורים, און זיינען פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן פון אידישן קהל אנטייל צו נעמען אין די **תפילות.**

אויך אין אונדזער צייט זיינען דאָ אידן, וואָס צוליב פארשידענע אור־זאַכן, וואָס א דאנק ג־ט זיינען ווייט פון האָבן דעם זעלבן גורל ווי די מאראנען אין שפּאַנישען מיטעלאַלטער, אָט די אידן וואָס דער שטראָם פון צייט און אומשטענדן האָט אוועקגעפירט אין א גייציקער וועלט פון מסחר, פון מאַטע־ריאַליזם, אָבער דאָך פילן זיי אַן אינערליכן דראַנג, אמוייניגסטנס איין טאָג, יום כפור איינגעשלאָסן צו ווערן אין דער אידישער פארזאמלונגס־געמיינדע, אין די שולן און בתי מדרשים. מיר נעמען זיי אויך אויף מיט א גרויסן ברוך

הבא! מיט דער האָפנונג, אַז ענדליך וועט קומען די צייט, וואו זיי וועלן זיך אויסגלייכן און שלום מאכן מיט „בין אדם למקום" און „בין אדם לחברו"; אַז זייער אַנוועזנהייט דאָ וועט נאָך פירן צו באפעסטיקן און נאָך מער פאַרשטאַרקן און מאכן דויערהאַפט זייער צובונד צום אידישן כלל.

אין דער אידישער ליטעראַטור פאַרנעמען די מאָדערנע מאַראַנען אַ גרויס אָרט. ספּעציעל ווערן זיי מייסטערהאַפט געשילדערט פון איזראַעל זאנגוויל, אין זיין „קינדער פון דער געטאָ", אין דעם שלוס־קאַפּיטעל איז דאָ א פּרעכטיקע יום־כפור־סצענע. אסתר אנסעל, געבוירן און ערצויגן אין די לאָנדאָנער געטאָ, אויפגעבראַכט אין א שטרענג אָרטאָדאָקסישער היים, איז מיטאמאָל געוואָרן פריי פון די רעליגיעזע מנהגים, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר שווערעקייטן און צוואַנגען, און נאָך דעם ווי איר משפחה האָט זיך אריבערגעצויגן אין דער „וועסט ענד", פון לאָנדאָן, האָט זיך אסתר אָפּגעפרעמדט פון איר פאָטערס טראַדיציעס און דאָגמעס. נאָך פילע וואַנדערונגען קומט אָבער אסתר צוריק צום פּלאַץ פון איר יוגנט. צופעליק איז געווען יום כפור און זי איז אַריין אין א קליינער, געפּאַקטער שול, וועלכע זי פלעגט באזוכן נאָך אַלס קליין קינד. נאָך תפילת־נעילה האָבן די אידן מיט א צוקאָכטען געמיט אין א וויינענדיקער שטים אויסגעשריגן: „שמע ישראל..." און אָט דער איינדרוק, וואָס דער „שמע" האָט געמאַכט אויפן מיידל ווערט אַזוי לעבעדיק באשריבן:

„די מאַגנעטיש־ציטערענדע באוועגונג, וואָס איז דורכגעלאָפן די שול האָט דורכגעדרונגען דער איינזאַמער אסתר ביז צום הארצן. ווידעראמאָל האָט די אינערליכע פוסטקייט דערוואַכט. אירע אור־עלטערן, וועלכע האָבן זיך ניט אָפּגעטרייסעלט פון אידישקייט, האָבן געלעבט און געוואַנדערט מיט איר... און דאָ... די גאַנצע היסטאָריע פון איר וואונדערלעך אומגליקלעך פאָלק האָט דורכגעבליצט אירע געדאַנקען אין א שטראָם פון הילפלאָזן געפיל. זי איז געוואָרן פאַרשטאַרקט מיט דעם געדאַנק פון יענע זין, אין יעדן ווינקעל אויף דער ערד, אַז זיי האָבן ערקלערט און באקאַנט געמאַכט דעם גלויבן, פאַר וועלכן דורות האָבן געלעבט און געשטאָרבן".

דאָס איז איינע פון די פונדעמענטאַלע כונות פון יום כפור — די צויבערקראַפט און מאכט פון א צייט פון מחילה — אויפצואוועקן אונדזער אידישן

באוואוסטזיין, צו פּראָדוצירן די איין־איינציקייט־שייכות צווישן יחיד און די געזעלשאַפט. דערפאַר זיינען טראַדיציאָנעלע אידן אויף א גאנצע נאכט יום כפור, צו ווייזן, אַז אין אָט דער צייט ווערן מיר מונטער און וואך צו דער באדערפעניש פון אונדזער פאָלק; וואך צו אונדזער גלאָררייכער פארגאנגענהייט, וואָס רופט צו אונדז, און פילבאר צו די נויטווענדיקייטן פאַר דער געגנוואַרט און צוקונפט.

אויב די תורה האָט אונדז געגעבן איין טאָג יעדן יאָר צו באַוועגן די טיפעניש פון אונדזער באוואוסטזיין, דעם „איך" אונדזערן צוריק צו רופן, איז וויפיל טיפער דאַרפן מיר זיך באוועגן פאַר דעם זעלבן צוועק אין די היינטיקע פאסירונגען, וואָס האָבן ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאַרגאנגענהייט. איצט, ווען דער ניגון פון כל נדרי איז אין פילע ערטער פון דער וועלט אויסגעמישט מיט זיפצן, מיט די קלאָגן פון הילפלאָזע, שוואכע, הימלאָזע אידן, וועמעס היימען זיינען צעבראָכן, צוריסן, פארוויסטעט און זיי שטייען פאַרן אונטערגאנג, ח"ו; ווען א גרויסע צאָל מחזורים וועלן זיך אָנזעטיקן מיט די טרערן פון מוטער־אלמנות, פון פאַרקריפּעלטע, צעבראָכענע, אויף אייביק אונטויגליכע קינדער...

דער הייליקסטער טאָג פון יאָר, יום כפור, דאַרף אויפלעבן אין אונדז דעם געפיל פון א געמיינזאמער פארפליכטונק, אונדז אָנפילן מיט ליבע און רעספעקט פאַר אַלץ וואָס אונדזער פאָלק האָט שטענדיק געהאלטן ליב און טייער ווי זיין לעבן.

מיר האלטן טאקע הויך מיט שטאָלץ אונדזער ספר תורה, די אייביק־ברענענדע ליכט פון אונדזער ליטעראטור, קולטור און טראדיציע. מיר קענען, אין א יענע שמחה של מצווה שטימונג זאָגן: „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה" (תהלים, צ"ז). אלע שווארצע כמארעס, די בערג אָנגעזאמעלטע עצבות ווערן דורך דעם אייביקן „אור" פונאנדערגעבלאָזן צו א ליכט, וואָס וועט וואַרפן פאסן ליכטיקייט. עס וועט שטראלן, לייכטן און ענדליך וועט ארויס־שפּראָצן יענע פארזייטע ליכט־קערנדל אין דעם ערוואכטן איד צו — א קול־טורעל און גייסטרייך לעבן.

סוכות

דער יום־טוב־סוכות דערמאָנט אונדז די אמאָליקע גליקלעכע צייטן, ווען דאָס אידישע פאָלק, איז געווען א זעלבסטשטענדיק פריי פאָלק אין זיין לאנד און האָט צוליב זיין איינזאמלען די פעלד־פרוכט געפייערט דעם פריילינכן חג האסיף.

עס איז דער יום־טוב פון אוֹמאָפּהענגיקייט, פון זיכערקייט, ווען מען פילט זיך באשיצט פון בייזע צופאלן. און דערפאַר זיינען אונדז אויך טייער די דאָזיקע זכרונות און עראינערונגען, ווייל זיי פירן אונדז אַריבער צוריק צו די צייטן פון זייער גלענצענדער פארגאנגענהייט און גיבן אונדז אויך האָפנונג אויף א בעסערע צוקונפט, ווען מיר וועלן זיין צוריק א געזונט און גליקליך פאָלק.

סוכות דערמאָנט אונדז אויך אונדזער גלות־לעבן. סוכות איז ניט נאָר דער יום־טוב פון אונדזער פאַרגאנגענהייט, נאָר אויך פון אונדזער געגנווארט. מיר וואלגערן זיך שוין איבער צוויי טויזנט יאָר אין לייכטע, ווינטיקע, אויף־גיך־אויפגעבויטע סוכות, וואו מיר האָבן מער שאָטענס ווי זונענשיין.

דער סימבאָל פון דער אידישער נאַציאָנאלער דירה איז — די סוכה. זי דערמאָנט אונדז אָן אונדזער געזונט לעבן, ווען מען טרייבט אונדז פון איין אָרט צום צווייטן, און מיר ווייסן ניט וואָס עס וועט מיט אונדז זיין מאָרגן, מיר זיינען אמת׳ע וואָגלער, תמיד אין איילעניש, האָבן ניט קיין שטענדיקע דירה און מיר מוזן זיך תמיד גרייטן אין וועג אַריין...

וואָס איז דער ציל פונקט פונעם דאָזיקן וואונדערליכן תורה־געבאָט, וואָס הייסט אונדז פייערן דעם חג הסוכות?

די סימבאָלישע אייגנשאפטן און עמבלעמען פון דער סוכה, ווערט פארשטענדליך דורך דעם געלונגענעם העברעאישן אויסדרוק: „סוכת שלום״, ווייל סוכות איז ווירקליך דער סימבאָל פון שלום, ברידערלאכקייט, גלייכהייט, פשטות און טאָלעראנץ.

און דער יום־טוב־סוכות צווינגט אונדז א סך נאָכצודענקען, ווייל שוין בלויז דער אויסערליכער בילד פון יום־טוב־סוכות לערנט אונדז גאָר א סך.

שטעלט זיך פאַר א בילד פון סוכות, פון דעם סוכות, וואָס איז ערשינען פאַר אונדז אין זיין גאנצן פראכט און גלאנץ בזמן הבית אין ארץ ישראל, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט זיך אויסגעלעבט פריי, זעלבסטשטענדיק, פיזיש און גייסטיק.

...ירושלים ווערט פארפולט פון די עולים לרגל פון גאנצן לאנד. יעדערער, ווער ס׳האָט נאָר כח צו גיין, האָט זיין גאנצן פארמעגן געלאָזן און איז געקומען צו פוס אויף יום־טוב אין ירושלים. ס׳זיינען אויפגעשטעלט צענדליקער טויזנטער סוכות, אין די געצעלטן זיצט דאָס גאנצע פאָלק, אַלע אידן פון גאנצן לאנד וואוינען אין ביידלאך, סיי ארים, סיי רייך. אַלע, אפילו, אויך די ירושלים׳ער איינוואוינער. מענער און פרויען, קליין און גרויס. אלע אָן אונטערשייד האָבן זיך אריבערגעצויגן אין די צייטווייליקע געצעלטן, אין די סוכות.

א וואונדערבארער שיין בילד ענטפלעקט זיך פאַר אונדז אויף די ירושלים׳ער גאסן. א פרעכטיק פייערליך בילד, וואָס וויזט אויף עפּעס טיפערס, וואָס וועקט אונדזער געדאנק אויף גרינדליכערע באטראכטונגען.

ניט ווילענדיק מוזן דאָך די מענטשן, וועלכע האָבן פארלאָזן זייערע דירות קבע, זייערע אלטע פעסט־איינגעפונדעוועטע הייזער און אַריין אין די שוואכע ביידלאך, אין די דירות ארעי, אויך ווערן שענער, בעסער. דער באגריף פון אייגנטום, פון מיינע — וועלכער איז דער גאנצער גורם צו אלדאָס בייז, — ווערט דאַן אינגאנצן פאַרפאלן. די מחיצה צווישן מענטש און מענטש, ווערט נאָר אָפּגעטיילט מיט א דינער ווענטעלע. מענטשן ווערן נענטער צו דער ערד, נענטער צום הימל, און נענטער צום — מענטשן. ניט ווילענדיק מוז דער מענטש ווערן אָפּגעריסן פון זיינע אלטע געוואוינהייטן, צו וועלכע ער איז געווען צוגעבונדן, צוגעשמידט, ביז יענעם טאָג.

דער מענטש הערט אויף, פאַר א ווײַלע, זיך צו בוקן צו דער עבודה־זרה, וועלכע הייסט — פאלאץ, סאלאָן, געפּארבטע דילן, געפּוצטע ווענט און סופיט. ער איז שוין מער ניט אונטערטעניק צו די שיינע קליאמקעס און טירן. ער ווערט באפרייט פון קנעכטשאפט צו די אַלע קלייניקייטן, צו וועלכע ער איז

משועבד. ער גייט אַרויס פון די תפיסה־ווענט אין וועלכע ער איז געפאנגען. איז דאָך דער מענטש געפאנגען צווישן זיינע אייגענע מויערן, אַלץ איינס צו חורבות און פאלאצן. ער איז געפּענטעט דורך אַלץ וואָס ארום אים געפינט זיך, סיי דאָס לעבעדיקע און סיי דאָס טויטע.

אום כדי דעם מענטשן צו באפרייען פון דער קנעכטשאפט, אין וועלכער ער האָט זיך אַליין ארייננעצוואונגען, זיינען געקומען די טעג פון סוכות. אמווייניגסטנס אויף א וואָך צייט, זאָל דער מענטש פארלאָזן זיין האָב און גוטס, זיינע אָקאָרשט אָנגעפילטע שייערן און שפייכלערס מיט תבואה און פרוכט, און וואוינען אין ביידלאַך. אראָפּוואַרפן פון זיך דעם גאנצן יאָך פון דער טאָג־טעגליכקייט, אראָפּטרייסלען פון זיך די עבדות צו די מאטעריאלי־זירטע לעבנס־פאָרמען און באַפרייען זיין גייסט און פאראייניקן אים מיט'ן מקור.

און ווער ווייסט, וואָס פאַר א חלק די סוכות פלעגן האָבן, אין דער גרוי־סער אלגעמיינער פאַרברידערונג און משפחהדיקייט, וועלכע פלעגט אלעמען באהערשן אין משך פון דער גאנצער סוכות וואָך. אפשר דערפאַר איז געווען מעגליך דורכצופירן דעם „ושמחת בחגיך" — פייערן מיט שטאָלץ די הער־ליכסטע ימים טובים, ווירקליך גוטע טעג, וואָס זיינען באַגרינדעט אויף היס־טאָרישע פאקטן, אַלס זכר צו די שענסטע, ערהאבענסטע מאָמענטן אין דעם אידנ'ס געשיכטע אַלס פאָלק, — סוכות מער ווי אלעמאָל, ווייל נאָר ביי דעם מענטשן, וועלכער איז באפרייט געוואָרן פון דער צוגעבונדענקייט צום חומר, קען הערשן אמת'ע שמחה.

סוכות איז אפשר די שענסטע לערע, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פאַר דער גאנצער מענטשהייט געגעבן, ווייזענדיק איר א מוסטער פון לעבן אין סוכות — פון א זעלבסט באפרייאונג פון דער קנעכטשאפט צום אייגענעם ערדישן לעבן — און וועט אויך זיין די מאָס, דער קריטעריום, צו מעסטן און וועגן די מאָראלישע הויך פון פעלקער לימות המשיח, ווען די אומות העולם וועלן, לויט די מסורה, אויסגעפּרובירט ווערן נאָך זייער אויסדויער אין קיום המצוה פון סוכות.

און ניט נאָר די סוכה, נאָר אויך די ארבעה מינים פון אתרוג־בענטשן,

וואָס מיר נעמען אין דעם יום טוב פון סוכות, באַווייזט מענטשנליבע צו אַלע מיטגלידער פון אידישן שטאַם.

סוכות — איז דער יום־טוב פון פאַרשיידענהייטן.

ס׳איז דער יום־טוב אין וועלכן עס ווערן געקליבן צווייגן און פּירות, א פּרוכט פון דער ציטראָנען־פאַמיליע, וואָס איז באַוואוסט מיט דעם אַראָמאַט, ריח ניחוח, וואָס זי גיט אַרויס אין איר בלי־צייט, אָן אַראָמאַט, וואָס שטאַרקט די גלידער און דערהויבט די נשמה; א צווייג פון א טייטעל בוים, א פּאַלמען־צווייג, אויף וועלכן עס וואַקסן טייטלען, מירטען, ווערבעס.

אַלע דאַרפן זיין פריש. פאַרוועלקטע, פאַרוויאַנעטע בלעטער זיינען ניט שיין. זיי דערמאָנען אָן אַלטע, אָפּגעלעבטע, צוריקגייענדיקע באַשעפענישן...

ס׳האַלטן זיך נאָענט, ס׳גיבן זיך די הענט און קוקען זיך ברידערליך אָן, געוויקסן פון הויך און נידעריק, ערצויגענע דורך זון און געפּלעגט דורך וואַסער. פון ווייטע באַזונדערע ערטער האָט זיי א האַנט געבראַכט, זיי צוזאַמען באַהעפט און איין באַציהונג גילט פאַר זיי אַלעמען. דער זעלבער האַנט־ציטער רירט אַלעמען אָן און אויך איין רוהיקייט איז אויסגעגאָסן אויף אַלע.

וואָלט עס טאַקע מעגליך געווען, אַז די אַלע נאַטור איינצעלהייטן זאָלן זיך אַזוי נאָענט האַלטן, ווען ניט די הערשענדע האַנט פון דעם מענטשן? וואָלט טאַקע דער שמעקעדיקער, זאַנפטער אתרוג, — וואָס מוז זיין א שיינע (א מהודר), איינע פון די שענסטע (א מהודר שבמהודרים), טאָר ניט האָבן קיין פּגימה, אפילו ניט קיין קריץ אין דעם גרויס פון א שפּילקע קעפּעל, מוז האָבן א געזונטע, קרעפּטיקע, נאַטירליכע פאַרב, — וואָלט דער אתרוג געוואָלט פאַרלאָזן זיין פון ג־ט געבענשטן ווינקעל, וואו ער דעמאָנסטרירט ג־טעס וואונדער און זיך גיין אויפנעמען מיט דער נידעריקער „הושענא" וואוקס, זיין א „לנוע על העצים"? וואָלט דער שטאָלצער פּאַלמען־צווייג, —וואָס מוז זיין גרין (א ירוק), אין זיין רעכטער יוגנט־שיינקייט; מוז זיין גאַנץ (שלם), די זאַפטיקע, לאַנגע בלעטער, וואָס וואַקסן פּאַראַלעל, איינע קעגן די אַנדערע, מוזן אין צענטער, אין אויבערשטן רוקן־טייל פון דעם צווייג, זיין באַהעפט איינע צו די אַנדערע; מוזן זיין פאַראייניקט און ניט געשפּאָלטען, ווייל א צושפּאָלטענער צווייג, וואו די בלעטער גייען זיך פאַנאַנדער יעדער אין א באַזונדערן וועג, איז ניט אַזוי שיין און קרעפּטיק... — וואָלט אָט דער שטאָל־

צער פּאַלמען־צווייג זיך אָפּגעריסן פון זיין שטאַם, פאַרשטייפען דעם האָניק־וועג, און זיך לאָזן בינדען מיט קליינע דינע ריטלאך? אָדער וואָלט דער דריילינג־הדס, מיט גרינע בלעטער, וואו די בלעטער זיינען סימעטריש, האַרמאָניש, דריי בלעטערדיקע (תלתא) און די דריי בלעטלאך, וואָס רינגלען ארום און ארום דעם שטייגעל פון די מירטען זיינען אַלע גלייך ארויסגע־שפּראָצט פון איין נעסט (בקן אחת), וואָלט זי זיך געוואָלט חבריש אויפנעמען, שטיין פונקט קעגן איבער דער ערבה און ניט קענען אַרויסווייזן זיין באזונדער וואונדער־דופט? צו וואָלטן אַט די אלע מינים ניט אויסגעזוכט איינער ביים צווייטן זיין חסרון און קיין חברותא ניט געשלאָסן, נאָר פאַרקערט, דערמאָנט אים זיין פעלער און זיך דערווייטערט? איז ניט צו גלויבן, אַז אפילו די ערבה, וואָס איז ביים מענטשן ניט אזוי געהויבן, האלט זיך אָבער יחסנות׳דיק, אַז אויך זי וואָלט ניט געוועזן מסכים געוועזן צו די פאַרבינדעטע?

אָבער דער מענטש מיט זיין ווילן, קוקט נישט אויף די חשבונות פון די געוויקסן. ער דאַרף די גאנצע נאַטור האָבן אין האנט, און די ווייטע ווערן מיט זיין הילף נאָענטע. ער געפינט זיי שוין אויס יעדערן אין זיין אָרט, שניידט זיי אָפּ פון זייער שטאַם און בינדט זיי צוזאמען.

א דאנק דעם באקומט זיך טאקע א העכערע זאך. וואָלטן די אלע מינים געוואקסן יעדערע אויף זיין אָרט, וואָלט קיין מענטשליכע מחשבה ניט אויס־געקוקט פון זיי; וואָלט עס געווען בלויז א שמועס פון בוימער וואָס זעלטן ווער עס פאַרשטייט עס. אָבער איצטער רעדט דער מענטש דורך זיי; זיין נשמה היינגט אויף די בלעטלאך און ס׳הערן זיך וואונדערליכע טענער. ער, דער מענטש, איז דער מושל פון דער בריאה, דער פירער פון דער יצירה. אויף אויפצוקלערען זיין אינערליכער וועלט, אויף צו העלפן די התגלות פון זיינע געדאנקען, שטייען אלע גרייט אים צו העלפן. זיי העלפן אים געבן זיין לעבנס־וועג.

און דער מענטש אַליין איז שוין טאקע אומאָפּהענגיק פון וועמען עס איז? איז ער אפשר דער מקור פון דער יצירה? דאַרף ער שוין ניט דעמאָנסטרירען קיין ווילן פון א העכערן פון אים? — עס וועט קיינער דאָס ניט זאָגן און דאָך זיינען די מעשים ווייט פון דעם כלל; די מעשים זיינען דער אויסדרוק פון פולער אומאָפּהענגיקייט.

יעדער איינער ווייס צו דערציילן אייגענע מעלות און אויסצוגעפינען דעם צווייטנס חסרונות. קיינער וויל ניט זיך צונויפבינדן מיט דעם צווייטן, צונויפריידן, צו שאַפן איין פּלאַטפאָרמע און דעמאָנסטרירן דעם ווילן פון אלערהעכסטן פון דעם העכערן איבערן מענטשן.

איז דען ניט ג־טס רצון, אַז עס זאָל הערשן אחדות, ברידערליכקייט צווישן איינעם מיט׳ן צווייטן און זיך ניט רעכענען מיטן אנדערנס — פּאַר אונדזער אויג — חסרונות? צו וואָלטן מיר מיט אונדזער איינקייט ניט פאַר־געשטעלט דאָס דערנענטערונג פון ציל? וואָלט עס ניט געווען א טריט נענטער צו דער דערפילונג פון דער תפלה „ויעשו כולם אגודה אחת״?

מער פון אלץ און פאַר אלעמען פאלט טאקע דער פּאַרוואורף אויף די בעסערע פון אונדז, אויף די, וואָס שטעלן זייער יסוד אויף די תורה. פאַרוואָס זאָל הערשן א פּרוד הדעות און הלבבות אין אזא טראגישע צייט פאַר׳ן אידישן פאָלק? פאַרוואָס זאָל מען דאָך ניט קענען קומען צו א שלום, צו א געוויסער מסקנא און יעדערער זאָל זיך מוזען קליגלען פאַר זיין אמת? וואָלט נאָר דער ווילן געווען דערצו, וואָלט א וועג, ווי אַזוי דער אמת זאָל אויפגעקלערט ווערן מסקנא און יעדערער זאָל זיך מוזן קליגלען פאַר זיין אמת? וואָלט נאָר דער תורה, אויסקלייבן מענטשן פון צווישן זיך, און זיך מתוכח זיין לשם־שמים טאקע אויף צו דערגיין דעם אמת; ניט לשם יענעם צו פארצאמען, דערדריקן מיט א זאאלאגישער שנאה, קנאה, און ניט בעת מעשה אין זינען האָבן קיין „פּובליסיטי״, ניט ריידן פאַר די אויערן פון דער וועלט, נאָר טאקע בכובד־ראש, צווישן זיך, אפשר האָט ווער א טעות; אפשר קען מען מיט עפּעס פאַרריכטן, אפשר וועט זיך געפינען אַן אויסוועג, אַן אויסגאנג פון דעם לאבירינט, פון דעם פּלאָנטער.

פאַרוואָס זאָלן די פאַרשיידענע אָרטאָדאָקסישע ריכטונגען ניט האָבן דעם מוט זיך צונויפצוקומען און דן זיין ווי געהעריק, וועגן די סתירות צווישן זיי — און געפינען א מעגליכקייט צו אייניקייט? זאָלן זיי אויסקלייבן מענטשן פון צווישן זיך און פון צווישן אומפּארטייאישע און צוזאמען די שאלות ותשובות באטראכטן.

מען קריגט זיך פאַר ג־טס וועגן, און מעגליך, אַז האָבענדיק א נביא, וואָלטן מיר קלאָר געהערט, אַז ג־ט וויל ניט אידן מיט אידן, לומדים מיט

לומדים, בני תורה מיט בני תורה, זאָלן זיך קריגן פאַר אים... ער וויל עס זאָל הערשן שלום און אחדות און צוזאמען זאָל מען באמת עפּעס אויפטאָן צו פארשטארקן דעם כבוד פון „מלכות שמים".

עס פעלט אונדז אַ פרישער וואָרט פון דעם נביא. אָבער צו זיינען די אלטע ווערטער פון די אלטע נביאים פאַר אונדז וויניק?! צו שרייען זיי וויניק אויף דער עולה פון מחלוקת? צו פריידיקן זיי וויניק וועגן שלום?!

מעגליך, אַז אלע וויסען דאָס, אלע פילן עס, אָבער עס פעלט דער מענטש, וואָס זאָל די איניציאטיווע נעמען, וואָס זאָל זיין מוליך ומביא, דער צוזאמענ־ברייננגער פון די צדדים. דער שטן האָט נאָך געגוג כח און קונסט אויף צו פארהאלטן אזעלכע גוטע זאכן. עס איז די פראגע: וואו געפינט מען אזא, וואָס זאָל אים שטויסן דערצו און זאָל האָבן אווירקונגס־קראפט צו איבער־צייגן, צו מונטערן און דערפירן ביז שלימות, וואו געפינט מען אים?!...

אָבער אין דעם יום טוב סוכות, דער יום־טוב פון אחדות, אייניקייט, דארפן זיך אָבער אויפזוכן אזעלכע און זאָלן זיי זיך נעמען צו דער הייליקער אויפגאבע. עס וואָלט די אידישע וועלט באמת אויפגעלעבט געוואָרן און געקענט בפה מלא זאָגן — „ושמחת בחגיך".

סוכות — דער יום־טוב פון אייניקייט סימבאָליזירט אונדזער צוקונפטיקע ארבייט!!!

אריגינעל
פון ז. רבן
ר. גאטעסמאן

שמחת תורה

וויל מען וויסן דעם כאראקטער פון א פאָלק, דארף מען ארייַנקוקען טיף אין זיין נשמה. זיך באקענען מיט זיינע פריידן און ליידן — אָט דאמאָלט, ווען ער איז פריי, ניט געצוואונגען, און יום־טוב׳ט און וויטאקט, ווי ער פילט אַליין, אָן דער ארייַנמישונג פון פרעמדע, זייטיקע אומשטענדן.

שמחת תורה איז דער טאָג ווען עס ווערט ביי יעדן אידן גוט און פריילאך אויפן הארצן. עפּעס פילט זיך אַזוי זינגענדיק, אַזוי לייכט אויפן האַרצן און יום־טוב׳דיק אויף דער נשמה.

שמחת תורה דערגרייכט די שמחה די העכסטע מדרגה. עס זעט אויס, ווי די גאנצע פרייד פון דעם גרויסן און לאנגן יום־טוב־סוכות דערגרייכט דעם קלימאקס.

עס ווערט געשאפן אַן אטמאָספערע פון פריילּיכקייט. דער איד פאַרגעסט אַלע זיינע צרות און רדיפות, זיינע דחקות און זאָרגן, פאַרגעסט אלעס אום ער זאָל קענען ארייַן מיט לייב און לעבן אין דער שמחה פון זיין תורה, ווייל יעדער שטיף און יעדער לאַך, יעדער תנועה און יעדער העויה, איז געמיינט אויף אויסצודריקן אמבעסטן די פרייד פון דער תורה.

שמחת תורה איז אַ עולם בפני עצמו, א כשוף־וועלטל פאַרן אידן. מענטשן ווערן פריי ווי דער ווינט, שטיפעריש ווי די יונגע שטראלן פון דער זון און די געזונטע פריילּיכע שטימען פון געלעכטער און געזאנגען זענען אָן א שיעור. עס איז עפּעס שמחת תורה׳דיק! דער עולם באנוגענט זיך ניט מיט רייסן די העלדזער, נאָר מען קלאפּט מיט די הענט און מיט די פיס אין טאקט, און ביי יעדער אתנחתא אין דעם ניגון סטארעט זיך יעדער ארייַנצוגעבן עפּעס א קונדס׳דיקן בויג אין קויל, א ווייס־חברה׳שער קוויטש, און וואָס קונדס־דיקער און ווייס־חברה׳שער דער אויפטו איז, אַלץ גרעסער ווערט די שמחה און שטארקער ווערט געהערט די פּאטשערייען מיט די הענט און דער טאנץ פון די פיס.

שישו ושמחו בשמחת תורה!

אין דעם טאָג ענדיגט מען לייענען די תורה, זי ווערט אָבער באלד אָנגעהויבן צוריק, כדי צו ווייזן, אַז פון „בראשית״ ביז „לעיני כל ישראל״ איז די גאנצע תורה ווי איין קייט, אין וועלכער יעדעס וואָרט איז אַ רינגעלע און דער סוף איז איינגעקייטעלט אינם אָנהויב. ס׳איז פארזאָגט געוואָרן אָנצוהויבן אויף דאָס ניי די תורה באלד ווי מען ענדיגט זי, כדי די גוים זאָלן ניט קענען זאָגן: „אָט האָבן די אידן געענדיקט די תורה, אָבער אָנהויבן צוריק וועלן זיי זיכער ניט!״...

די תורה איז דער שענסטער שטראל אויף וועלכע עס רוען אלע אונדזערע ימים טובים. אונדזער סצעפטער איז צובראָכן געוואָרן, ירושלים האָט געגעבן דעם לעצטן זיפץ, ווען דער פיינט האָט צובראָכן די טויערן פון ציון, אָבער אונדזער אור־אַלטע תורה גיט נאָך אַרויס וואונדערלעכע פרישע טענער און יענע געטליכע מעלאָדיע פון סיני. דאָס געזעץ פון מענטשן־ליבע און רחמנות מיט וועלכע מיר שטאָלצירן — איז אייביק יונג. — און ווי לאַנג אונדזער ערד וועט זיך דרייען ארום איר אקס; ווי לאנג די זון וועט שיינען, וועט די תורה אָנפילן די לופט מיט דעם הויך פון ציוויליזאציע.

שישו ושמחו בשמחת תורה! די הייליקע אידעאַלן, וואָס דאָס אידישע פאָלק פאַרקערפערט אין זיך, זיינען אייביק, אונזיגבאר, און ווי שווארץ די אידישע גלות־נאכט זאָל נישט זיין און ווי לאנג זי זאָל נישט דויערן, מוז זי סוף כל סוף פארשווינדן פאַרן אויפשיינענדן מאָרגענשטערן, ווייל ליכטיקייט און אמת, אויף וויפיל זיי זאָלן נישט באקעמפט און אונטערדריקט ווערן, מוזן זיך סוף־כל־סוף דורכברעכן זייער וועג, מוזן פריער אָדער שפּעטער פון דער וועלט אנערקענט ווערן; מוזן ערשיינען אין זייער גאנצער פראכט און גלאנץ.

אָבער ווי האָבן אונדז די פעלקער באלוינט פאַר דער מתנה וואָס מיר האָבן זיי געגעבן?

זיי האָבן אונדז באצאָלט אין אַלע צייטן מיט אנטיסעמיטיזם־שנאה — א שנאה פון וועלכער די גאנצע מענטשהייט איז ניט פריי, אין אַלע צייטן און אין אַלע דורות, האָבן זיי געזוכט וואָס שנעלער אָפּצוואווישן פון דער עטנאָגראַפישער מאפּע דעם אידישן פאָלק.

וואָס זענען די סיבות פון דער פעלקער־שנאה צו אידן? פאַרוואָס אזוי־פיל האַס, אזויפיל אכזריות, צו אַ פאָלק וואָס איז שטענדיק דער לעבעדיקסטער און נוצליכסטער טייל ביי פעלקער? א פאָלק, וואָס דער ענד־ציל פון זיין געשיכטע איז, אַז דער גייסט פון אן אמת׳דיקער ג־ט־אנארקענונג זאָל באהערשן די וועלט! א פאָלק וואָס איז דורך דער תורה געלייטערט געוואָרן זייט טויזנטער יאָרן דורך בלוט און פייער, א פאָלק וואָס פירט אַ לעבן, וועלכע האָט באוויזן צו זיין דער שענסטער צניעות׳דיקער פאַמיליען־לעבן, דער שטאַרקסטער לעבעדיקסטער קולטורעלער לעבן, דער ערליכסטער אמת לגבי די פאלשע טארקוועמאדעס, יעזואיטן, פאשיזם אָדער נאציזם.

פאַרוואָס?

ווייל, ווען מיר גיבן אַ בליק אין אור־אלטערטום זעען מיר, ווי די גאנצע וועלט איז דאַן געווען פאַרזונקען אין חושך און עס האָט זיך קוים געקענט גלויבן, אַז עס זאָל ווען עס איז נעמען אַ סוף צו דער שווארצער כמארע. כביכול האָט אָבער דערקענט די שטים פון די יחידים וואָס ביינקען נאָך ליכט. און פלוצים האָט זיך אין שטאַרק־חושך׳דיקן רוים אריינגעריסן א קול: „יהי אור״! בליץ־שנעל האָט זיך פאַרשפרייט איבער דער גאנצער וועלט די ליכטיקע בשורה. די פינסטערע געצענדינער האָבן אין דעם פאַנאנדער־געפראַלטן הימל דערזען דעם אור־הגנוז פון אלקים חיים, דעם אבסאָלוטן מאַ־נאטעאיזם פון א בורא־יחיד.

נאָר פארשידן איז געווען די ווירקונג — פון דער בלענדענדיקער ליכט, וואָס געפאַלן איז אומערוואַרטעט. יחידי סגולה האָבן מיט ערפורכט דעם קאָפּ געבויגן, ניט וואגענדיק צו קוקען אין „פני אלקים״, אָבער די מיט בעלמעס פאַרצויגענע אויגן האָבן דאָס געטליכע ליכט אינגאנצן ניט געזען.

די יעניקע, ווידער, וואָס האָבן זייער קאָפּ פאַרריסן, אנשטרענגענדיק די ראיה אריינצוקוקען אין די הימלען און וויסן „מה למעלה״ — זייער פינאל איז געווען אַ טראגישער, „הציצו — ונפגעו״. ניט קענענדיק פאַרנעמען דעם „אור־אין־סוף״, זיינען זיי פון די שכינה־ליכט בלינד געוואָרן.

אַ געוויסער טייל — ליידער אַ גרויסער — האָבן געזען דאָס ליכט אין זיין גאנצער פראכט אָבער זיי זיינען דערציטערט געוואָרן. דערשראָקענע, האָבן זיי זיך באהאלטן אין די לעכער און נאָרעס, היילן און פעלזן. וואָס איז

דאָ געשען? זיי האָבן דערזעען אין דער ליכטיקייט זייער גרעסטן שונא... די ליכט וועט אויפדעקן זייערע פינסטערע נשמות. דער שיין פון טאָג, וועט זיי דעמאסקירן, ניט לאָזענדיק זיי טאָן „בחשך מעשיהם״... זיי האָבן דער־פאַר מיט אלע פינסטערע כחות ארויסגעבראכט קינסטליך געשאפענע גאַז־כמארעס, כדי צו פארשטעלן די שיין פון טאָג, מען זאָל זיי ניט אַרויסזען.

בלויז די ערשטע אויסדערוויילטע יחידים, וואָס האָבן ביסלאכווייז אויפ־געהויבן זייערע אראָפּגעבויגענע קעפּ, זיי איז נאָך געלונגען צו זעען דעם אָפּשיין פון דער פארגעענדער זון־שכינה. די זון־שטראלן זיינען איצט געווען צוגעפּאסט צו זייער מענטשליך באַגרעניצטער ראיה. די דאָזיקע „זעער״ מיט פאַרקלעפּטע אויגן האָבן דערזען „את האור כי טוב״, און האָבן די ליכט־שיריים טיף אין זייער הארצן באהאלטן...

די נאכט האָט זיך ווידער אָנגערוקט, די פינסטערע עלעמענטן האָבן זיך שוין געפרייט, טראכטענדיק, אז אַזוי וועט שוין אייביק בלייבן. אויסנוצענדיק די פינסטערע געלעגנהייט האָבן זיי געטאָן מה שלבם חפץ, מיינענדיק, אַז זיי וועלן בלייבן אומבאמערקט און במילא אומבאשטראָפט (ווי א שטייגער די נאצישע קאניבאלן). דאן האָבן זיך פון צייט־צו־צייט באוויזן די נאַכט שומרים מיט די נר־תמיד׳ס אין די הענט, וואָס זיי האָבן נאָך באהאלטן ביי זיך פון דער גרויסער ליכט. א פאָס ליכט האָט דורכגעריסן דער וועלט־חושך און ניט דערלאָזן, אַז די וועלט זאָל צוריק פאַרזונקען ווערן אין אייביקער פינסטערניש. און דאַן האָבן די קליינע צאָל ליכט־פאַרשפּרייטער דערזען דעם געוואלדיק גרויסן כח, וואָס עס באזיצט א קליינע ליכטל. איין שטראל ליכט איז בכח צו פארטרייבן א גאנצע כמארע פון פינסטערניש.

* * *

עס פירט זיך שוין זייט טויזנטער יאָרן א קאמף אויף לעבן און טויט, פון דער גרויסער פינסטערער וועלט, באגלייט מיט שווארצע כחות — קעגן דער קוואליטאטיווער כמות קליינער אומה הישראלית, וואָס איז געווען און וועט בלייבן די שטענדיקע פאקעל־טרעגערן און ליכט פארשפּרייטערן איבער דער גאָרער וועלט, און אין דער דאָזיקע מלחמה, דאכט זיך אָפּטמאָל, אז דאָס פּייערל צאנקט, עס לעשט זיך, גייט אויס, — אָבער גאנץ אומערוואַרטעט

צופלאקערט זיך פון דאָס ניי א שלהבתיה, אַ אור ד׳, וואָס באלייכט די גאנצע ערד.

אין שמחת תורה פרייט זיך דער איד מיט זיין תורה, דער איד באַגריסט שמחת תורה מיט פרייד, מיט געזאנג און דאנקבארקייט, ווייל דער איד ווייסט, אַז זיין תורה איז די ערשטע און די בעסטע קאָנסטיטוציע וואָס ישראל האָט געגעבן דער וועלט.

דאָס איז דער סוד פון דעם קיום היהדות. דער ערנסטער רוף „שמע ישראל" איז מציל אונדזער נשמה און גוף, אפילו ווען ישראל געפינט זיך שוין צווישן די ברוטאַלסטע כוואַליעס. קיין פייער פאַרניכטעט אונדז נישט, קיין שווערד און קויל טויטעט אונדז נישט, ביי אַלע צרות און ליידן, ביי אַלע אויסערגעוועגליכע אומשטענדן, רופט ער ג־ט צו הילף. רופט אויס הויך און שטאָלץ דעם אלטן גוט באקאנטן דעוויז: „שמע ישראל"...

פארטראכטן מיר זיך טיפער איבער דער תורה אין איר גאנצן פארנעם, און די קעגנזייטיקע באציהונגען צווישן תורה און לומדי־תורה פארשטייען מיר דאַן, אַז אין דער ווירקלעכקייט אנטפלעקן זיך דאָ פאַר אונדז ניט קיין צופעליקע פון טיילן־צוזאמענגעזעצטע ערשיינונגען, וואו איינער דינט נאָר אלס מיטעל צום ציל פון צווייטן, נאָר מיר זעען דאַן פאַר זיך איין גרויסע און גאנצע שאפונג. תורה אין איר פיל־פארביקייט געשטאַלטעט.

די תורה האָט אין אונדזער וועלט פון הימלישע ספערן אראָפּגענידערט— „תורה מן השמים".

אַליין איז זי א הימליש וועזן, מיט שווארץ פייער אויף ווייס געשריבן: „מאש שחורה על גבי אש לבנה".

די תורה לעבט אין הימלען און וועלטן. פאַרקערפּערט זיך אין פאַר־שידענע געשטאַלטן. געשטאַלטעט זיך אין פאַרשידענע פאָרמען. אַליין איז זי א זעלבסשטענדיק אבסטראקטער הימלישער וועזן, אין וואָס עס פאַרקער־פּערט זיך מאכט עס א טייל פון זיך אַליין, מעג דאָס זיין הימלישער פייער, פארמעט, שריפט, אָדער מענטש — איר טרעגער און פארמיטלער — אַלץ ווערט איר באשטאַנדטייל, אַלץ — אטריבוטען פון איין גרויסער אייביקער מציאות, וועלכע הייסט — תורה.

שישו ושמחו בשמחת תורה — וואָס גייט אונדז אָן די אומדאנקבארקייט פון די פעלקער? וואָס קימערט אונדז דאָס וואָס מיר זיינען ניט באלוינט איצט נאָך אונדזער ווערט? באצאָלן מיר דען דער זון פאר וואָס זי שיינט? אויך דער איד טוט ווייטער זיין ארבייט פאַר ציוויליזאַציע. ער ווישט אָפּ א טרער און זינגט: „שישו ושמחו בשמחת תורה״.

אמת, די וועלט איז ארעם, די מענטשן אזוי מיטל־מעסיק און אַזוי קליין אין מעשים און נישט ווילענדיק ווערן מיר אַריינגעשלעפּט אין אַלגעמיינעם שטראָם, טאָרן מיר אָבער נישט זיין אין דער בחינה פון א גוט־געשליידערטן שטיין, וואָס לויפט שוין אַליין „בארג אראָפּ״ מיט׳ן כח פון ערשטן שטויס... מוזן מיר דאָך די אויפמערקזאמקייט אָנווענדען אויף דער בלום און איר אַרויס־ציען ווי אַן אידעלע רויז פון צווישן שטעכיקע דערנער...

די היינטיקע יונגע דורות, וועלכע דארפן שפּינען ווייטער דעם היסטאָרישן פאָדים פון טראדיציאָנעלן „ישראל סבא״, די פּיאָנערן, וואָס ווערן געשיקט אין געטליכער שליחות צווישן „גלות ביי פעלקער״ און „גלות ביי אידן״ — אין זייערע הערצער מוזן מיר אָנצינדען דאָס אייביקע ליכט פון „חורב״, וואָס לייכט פאַר אונדז אייביק ניי און פריש... אַז אלע זאָלן מיט שטוינונג קוקען אויף די נאָכפאָלגער פון יענע העלדישע מאַרטירער, וועלכע האָבן זייער בלוט פארגאָסן בכדי צו דערהאלטן דעם אייביקן פונק פון „נר־תמיד״ — אין דער באלויכטונג פונעם יהדות — דאָס צארטע אייביקע ליכט פון הר־סיני...

שישו ושמחו בשמחת תורה — עס איז אונדזער אייגענע תורה, אונדזער אייגענע שמחה!

ווי ווייט טייער עס איז אונדז די תורה באווייזט אונדז דער פאקט, אז קיין פאָלק האָט ניט באשטימט קיין טאָג צו פייערן דעם אָנהויב און סוף פון זייער רעליגיעזע קאָדעקסן, ווי דאָס אידישע פאָלק האָט „שמחת תורה״. נאָר א פאָלק וואָס באגרייפט דעם כבוד פון גייסט קען אַזעלכע ימים־טובים שאפן.

שמחת תורה — דאָס איז די אנערקענונג פון דער גרויסער קראַפט פון גייסט. וואָס פאַר א שיינער יום־טוב שמחת תורה איז ביי אידן!

עם ישראל חי
װ. גאטעסמאן

חנוכה

א.

אין דעם יום־טוב נאכט פון חנוכה דערמאָנט זיך דער איד אָן פינסטערן, חומר׳שן, העלעניסטישן גייסט, וואָס האָט פארטונקעלט א וועלט, און ווי קעגן אָט דער וועלט פאַרכאפּענדן, יונ׳ישן קולטור־שטראָם, האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט א קליינע גרופּע כהני־הדת, וואָס האָבן משמש געווען אין היכל־התורה, און זעט ווי וואונדערבאר! די קליינע מינדערהייט האָט באזיגט דער גרויסער מערהייט. דער נצחון פון מעטים, טהורים, איבער רבים, טמאים; דער זיג פון חלשים, עוסקים בתורה ומצוות, איבער גבורים, זדים, ווייל דאָס איז דער כח פון א קולטור וואָס פארשפּרייט ליכט, אַז „מעט מן האור דוחה הרבה מן החשך״!

מיט די קליינע חנוכה ליכטעלאך, וואָס מיר שטעלן אוועק אין פענסטער צו דער גאס צו, סימבאָליזירן מיר אונדזער וואכזאמקייט, אונדזער טעטיקייט צו באלייכטן די ערטער, וואו קיין שטראל ליכט דרינגט ניט אריין. אונדזער אידישער נר־תמיד, אונדזער הייליקער מיסיע, אונדזער קולטור־היסטאָרישע אויפגאבע, האָבן מיר נאָך ניט געענדיגט. אויב בייזע ווינטן ווילן אויסלעשן דעם אור־היהדות אין רוסלאנד, דייטשלאנד, פּוילן, רומעניע און אונגארן, פלאקערט זיך פאנאנדער א אש־דת ביי די דערווייטערטע, פון אידישן שורש אָפּגעפרעמדעטע, אמעריקאניזירטע אידן. אין מערב־אייראָפּא פאַרגייט די תורה־זון און אין מזרח־אייראָפּא שיינט זי אויף פון דאָס ניי.

„כשנכנסו יונים להיכל״. ווען די יונים זיינען אַריין אין היכל — דער סימבאָל פונעם יהדות — האָבן זיי ניט געבראָכן, ניט געברענט, ניט פאוויסטעט, ווי ס׳האָט געטאָן נבוכדנצר, נאָר: „טמאו כל השמנים״, טמא געמאכט אַלע בוימלען, אנשטאָט צו פארניכטן די לייכט־שטאָפּן פונעם יהדות, האָבן זיי אָנגענומען א געפערליך מיטל: זיי האָבן מטמא געווען מיט זייער קולטור אַזוי, אַז זייער ליכט איז שוין ניט געווען קיין ריינס, קיי אידישס, דאָס פאָלק איז שוין געווען פארכאפּט פונעם טמא און כפירה־ליכט, פון דער

העלעניסטישער לערע, דאָס איז שוין ווירקליך געווען א געפאַר פאַרן קיום העם.

אָט די דאָזיקע סכנה האָבן אָבער באצייטענס באמערקט די חשמונאים און דערקלערט א קאמף.

און אָט דורך דעם נישטיקן הייפעלע איז געראטעוועט געוואָרן דער קיום פונעם אידישן פאָלק, ווייל נאָר א דאנק דעם, האָט מען ווייטער אין דער וועלט דאָס אייביקע געטליכע ליכט אָנגעצונדן.

ב.

קוקט איר זיך אָבער צו צו די חנוכה־ליכטלעך, ווי זיי ברענען, קומען אייך פאַרשיידענע געדאנקען אין קאָפּ.

א סך פון זיי ווייט ניט קיין יום־טוב׳דיקע: עפּעס האָבן זיי אין זיך פון דער פאַרגייענדיקער שיין, פון דעם שטילן אומעט, וועלכע דערמאָנען אין צאנקענדיקע שטראלן פון א פאַרגייענדער זון...

* * *

שוואכע ליכט־שטרייפלאך ציען זיך פון חנוכה־לאָמפּ פאר׳חלום׳ט, פאַר׳חושך׳ט, לאנגזאם; פון צייט צו צייט נעמט זיי דורך א לייכטער נערוועזער ציטער און זיי הויבן אָן פלוצלונג אומרוהיק צו צופּען, דערמאָנענדיק אָן קאָנוואולסיע באַוועגונגען פון עפּעס דערשראָקענע ברואים׳לעך; גייט זיי פאַרביי דער ציטער, קערן זיי זיך באלד אום צו זייער פריערדיקן פוילן, פלעגמאטישן ברענען און זעצן פאָר האלב פארשלאָפענדיק זייער ארבייט, מאָמענטענווייז, דערהויפּט, ווען זיי בלייבן שטיין ווי פאַרגליווערט, דוכט זיך גאָר אויס, אַז קוים וואָס זיי זשיפּען, קוים וואָס זיין אָטעמען...

און אָט די קוים לעבעדיקע ליכט רייסן זיך דאָס כביכול דורכצודרינגען די דיקע פענסטער אין דער שטרייגער ווינטער־נאכט!!... און דאָך: אייניקע דורכגענומענע שטראלן, קורצע און דינע, ווי שפּילקעס, און אַרום זיי א העלער פלעק, די גרויס פון אַ קינדער פויסט, פון שיטערע צוגאָסענע ליכט...

שטעלט איר זיך פאָר דעם „רושם" וואָס אַזעלכע ליכט מאכן אין גאס? פּאַסט איר אויף זייער „גוואַלדיקן כח" קעגן דער שליטה פון דער נאכט?

* * *

פרעגט זיך: אָט די ליכט זיינען דאָס באַרופן צו באַצייכענען אונדזער באפרייאונג פון די גריכן? אָט די ליכט דאַרפן פראָקלאמירן דעם גרויסן נס, וואָס האָט דאַן פאסירט?...

איז דען מעגליך, אַז די באשיידענע ליכט, צו וועלכע — אום זיי צו באַמערקען — דאַרף מען זיך אומקערן אין גאנצן מיטן פנים, — איז אָט זיי דאַרפן עס וועקן און דערציילן וועגן דער גרויסער רעטונג פון אונטערגאנג, פארשקלאפונג און חורבן, וואָס ס'האָט אמאָל געדראָעט אונדזערע עלטערן?

וואו איז — פרעגט זיך — דער עקסטאז, וואו זיינען די היץ, דער ברען, דער פייער, מיט וועלכן ס'דאַרף זיין דורכגעדרונגען די געשיכטע פאַר דורות וועגן העראָאישע מעשים, איבער נסים ונפלאות, וועלכע האָבן אָפּגעראטעוועט א פאָלק, זיין לאנד, זיין זעלבסטשטענדיקייט און זיין צוקונפט?...

וואו איז דער דורכדרינגענדער טאָן, וואו זיינען די שטאָלצע, מעכטיקע קלאנגען, וועלכע זאָלן פאנאנדערטראָגן איבער א שטח פון טויזנטער יאָרן הערליכע זכרונות פון אַ ווייטן עבר און מונטערע האָפנונגען אויף ווייטער?

* * *

ס'איז באמת צו באוואונדערן די קאַלטע באציהונג מצד אונדזערע עלטערן און חז"ל צו דער גרויסער געשעעניש, וועלכע האָט זיך געלייגט אין גרונט פון חנוכה.

א מאָדנע קארגשאפט און איינגעהאלטענקייט פון געפילן מערקט זיך אין באַצוג צו דעם יום־טוב; עס שאפט זיך אַן איינדרוק ווי, ביי יעדע באַרירונג מיט אים, ביי יעדן שמיר מיטן פענזיל, כדי צו געבן א פארב, האָט מען זיך געהאלטן אין איין שרעקן, טאָמער וועט מען חלילה איבערכאפּן די מאָס.

ס'איז דאַריבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס חנוכה האָט זיך אויסגעגאָסן אין א וואָכעדיקער פאָרם, וואָס דער יום טוב איז אויסגעוועבט מיט פראָסטע פעדים, ניט ווי ס'פּאסט פאַר אזא גרויסער פאָן.

די סימבאָלן פון חנוכה: חולינדיקע, מ'מעג האנדלען, וואנדלען, ארבייטן: א טיש — א וואָכעדיקער, אָנגעטאָן — וואָכעדיק.

אָט למשל, שטייט עטוואָס אָבגערוקט פון חנוכה, איר שוועסטער: פורים; לויט חנוכה'ס יחוס און מעלות, לויט דעם פארמעגן, וואָס זי האָט אונדז אריינ־

געבראכט, שטייט זי, — דוכט זיך — ניט נידעריקער פון איר שכנ׳טע, — און דאָך ווי זעט זי אויס קעגן פורים?...

ווי ניט ווי פילט זיך אין באַצוג צו פורים א מער יום טוב׳דיקער לבוש: א מגילה, שלח־מנות, א סעודה, — אַלץ פייערליכע מלבושים.

און איר — חנוכה — האָט מען אפילו אָט די האלב יום־טוב׳דיקע ברעקלאך ניט צוגעוואָרפן... שפּאָט־ביליק, ממש אומזיסט האָט מען איר אָבגעהאנדעלט: לאטקעס, אַ דריידל, „על הנסים״, „הלל״ — און יוצא...

* * *

איז דער נס־חנוכה קלענער און מינדערווערטיקער ווי דער נס־פורים?

וועט זיך דען וועמען לייגען אויפן שכל, אַז די פאנאנדערגעוואָרפענע אידישע קהלות ביי אחשורוש׳ן אין גלות זיינען אונדז טייערער, ווי דאָס גאנצע אידישע פאָלק — א צוזאמענגעשמאָלצענס, א צוזאמענגענומענס — אויף זיין אייגען לאנד, אין זיין היים, ביי אַ אייגענע מלוכה, ביים בית־המקדש?!

* * *

ס׳איז געווען כמעט אויבערפלעכליך אָפּפרישן אין זכרון די תקופה, וועלכער האָט געבאָרן חנוכה, אום צו זעען, אז חנוכה האָט אראָפּגענידערט אויף אונדזער עולם השפל ווייט ניט אין קיין זיידן העמדל.

אין צימער, אין וועלכן דאָס געבורט איז פאָרגעקומען, האָט מען, ווייזט אויס פאַרגעסן אויפהייגען שיר־המעלות׳ן און רוחות־רעות האָבן דורך אים טייוולאָניש דורכגעטאנצט.

דער „בן זכר״ אַליין — דער נס־חנוכה — איז ווי ס׳איז ניצול געוואָרן, דאקעגן די קינפעטאָרן איז אַרויס שווער געטראָפן...

און — ווי ליב און טייער דאָס קינד זאָל ניט זיין, קען דען די שמחה זיין פול, אויב די מוטער איז ר״ל „געכאפּט״ געוואָרן?...

ג.

דער דור חנוכה האָט די אינערליכע גאנצקייט ניט אַרויסגעוויזן: ביי א טייל פאָלק, דער עיקר, ביי די „העכערע״ שיכטן, האָט דער טערמאָמעטער נאָך מיט א צייט פריער אָנגעהויבן סכנה׳דיק שטייגן, אַן אָנזאָג אויף א געפערליכע קרייַנק.

פילע אברים האָבן זיך אַרויסגעוויזן ניט געגוג פעאיק פאַר א ווידער־שטאַנד קעגן דער „העלעניסטישער" פילאָזאָפיע, וועלכע האָט, ווי א פיאווקע, איינגעזויגן זיך און דורשטיק געצויגן פון זיי די זאפטן פון הארץ און מוח.

דאָס, וואָס מיר האָבן זיך דאַן געפונען אויף אונדזער לאַנד, איז ניט געווען בכח אָט דעם געפערליכן פראָצעס אָפּהאַלטן.

אַן „אייגענע" טעריטאָריע — זעט אויס — איז נאָך זייער א שוואכע גאראַנטיע פאַר א פאָלק, אויב מ׳דינט אויף איר א פרעמדע קולטור...

מעג דער עפּעל הייגגען נאָך אויף זיין גרינע צווייגעלע, מעג ער נאָך זיין, דורך דער פאַרמיטלונג פון בוים, באהאפטן צו דער ערד, קוים באקומט ער פון „דער זייט" א וואָרים, איז דער עפּעל איגגאַנצן אָדער טיילווייז פארלאָרן...

יאָ, דורך די גרעניצן פון אייגענעם לאַנד האָט זיך אַריינגעכאַפּט די געפערליכע קרייגק, וואָס איר נאָמען איז: אסימילאַציע!...

קיין גריכישער שטיוול האָט נאָך דעם באָדן פון ארץ ישראל ניט באַ־טראָטען — און די הרי־יהודה האָבן שוין אויפגעכאַפּט די בלאָזענדע ווינטן פון די אָלימפּישע בערג.

געפערליכע אינסעקטן האָבן מיט זיך די דאָזיקע ווינטן געטראָגן און זיי האָבן אָפּגעסמ׳ט די לופט ארום.

און אין דער פאַרפעסטעטער לופט, אין דער שטיקענדער טעמפעראַטור, האָבן זיך אויסגעשיילט פון זייער טונקעלן שאָלעכץ דער חלאת מין האדם, די מתיונים, — אָט די „גריכישע מאָשקעס", אָט דער שמוציקער אָפּפאַל, פאַר וועלכן ס׳איז אוממעגליך אויסצוגעפינען אָ פאסיקן נאָמען...

און אָט דאָס ביסל מיסט איז געבליבן ליגן אויף די ירושלים׳ער גאסען אויך נאָכדעם, ווי מ׳האָט די גריכן פאַרטריבן פון לאַנד.

דער געדיכטער בעזים פון די חשמונאים האָט די מיסט מענגעס געריי־ניגט, דאָך איז אָ טייל פון איר פאַרבליבן אין די שפּאַלטן צווישן די בריק־שטיינער...

ווי פעך האָט עס זיך דאָרטן געקלעפּט, — און אַזוי ארום האָט זיך די אַטמאָספערע באלד ווידער אָנגעהויבן אָנזאַפּן מיט שפּריצן טומאה...

* * *

מיט א שווערן געמיט — ווייזט אויס — איז מען צוגעטראָטן פאַרמירן חנוכה.

ניט קיין לייכטע אויפגאַבע האָט מען געהאַט פאַר זיך: פון איין זייט א נס־חנוכה, וואָס איז מיט זון באַגאָסן, פון דער אַנדערער זייט א שאָטן פון א נייער התיונות, וואָס דראָעט ווידער מיט געפאַר...

„מאי חנוכה?" — פרעגט די גמרא, ווי שטייענדיק פאַר א פּראָבלעם און קומט צום אויספיר: „פך אחד של שמן וכו'".

אונדזער נצחון איבער די יונים, דאָס באַטעוועןן דאָס לאַנד און דעם גייסט פון א שרעקליכן חורבן, ווערט דערביי נאָר דרך־אגב דערמאָנט.

עס איז ווי זיי וואָלטן אונדז דערמיט געזאָגט: ריכטיק טאַקע, איינגע־היט דאָס מאָל דאָס לאַנד, אמת טאַקע אָפּגעראַטעוועט דאָס מאָל פון גלות — צו איז עס אָבער אויף לאַנג... ווי לאַנג נאָך קען מען ציען?...

און עס דערשפּירט זיך מיט אמאָל אין זייערע רייד עפּעס פון אַ שוידערליכן פאָרגעפיל, פון צווייטן חורבן, פון חורבן בית־שני.

עס שפּירט זיך, אַז זיי האָבן דאַן געזען, ווי די האַמערס, וועלכע פאַר־שלאָגן אַנטיוכוס'ס טרונע, שמידן גלייכצייטיק די שטול פון טיטוס'ן, ווי דורך די זיילן שטויב, אויפגעהויבן דורך האַלז און נאַקען — אַנטלויפנדע יונ'ישע־רייטער, קוקן אַרויס די געשפּענסטן פון די רוימישע לעגיאָנערן...

און דעריבער — מן הסתם — האָבן זיי באַשלאָסן פון גרויסן נס א קליינעם יום־טוב מאַכן...

מעג דאָס געשעעניש אַליין גלאַנצן און לייכטן, ווי די צאַרטע, געבענשטע לבנה, קוים אָבער האָט עס ביי די „זייטן" פּגימות, קוים האָט עס ביי די „עקען" קאַרבן, שפּרינגט מען ניט צו הויך.

יאָ, מ'האָט אונדז קליינע ליכטעלעך געגעבן, ווייל קיין גרויסע האָבן מיר ניט פאַרדינט... מיר האָבן גאָרניט, ווייזט אויס, אַזוי שיין גע'דרש'נט, אַז מען זאָל אונדז באַגיסן מיט ליכט...

ד.

וואַרפן מיר א בליק אויף דער היינטיקער וועלט, דערזעען מיר זיך אויפן ראַנד פון יאושדיקן תהום.

מחשבות, טרויעריקע געדאנקען קומען אַרויף: וואָס פאַר א פירוש, וועגן דער גרויסער חנוכה באַדייטונג וועלן האָבן די שפּעטערדיקע דורות, שעפּט דאָך די היינטיקע יוגנט איר קולטור פון מעכאַנישע אייז־קאַלטע פרעמדע פייערן? וואָס וועט זיין מיט דער יוגנט אין דער שפּעטערדיקער צייט?

מיט אייביקער באַגייסטערונג שמידן די ליכטלעך פון חנוכה אונדזערע אויגן און פאַנטאזיעס צו א פאַרגאַנגענהייט פון רומפולן נצחון. זיי ווייזן די לייכטענדע געזיכטער פון די אמאָליקע מכבי׳ער; דערציילן ווי דער אַלטער חשמונאי האָט מיט זיינע קינדער ליידנשאַפטליך געקעמפט ביזן לעצטן אָטעם קעגן די אויסערליכע נשמה־כאַפּערס, וואָס זייער אייביקער ציל איז: „להשכיחם תורתך ולהעבירם מחקי רצונך״.

א גרויסער אומדערשעפּליכער אוצר פון הויכער אידישער פאָלקס־ענערגיע איז געבליבן נישט אויסגענוצט, מיר קאָנען פון אים שעפּן גרויסע מאָסן אידישע התלהבות און אמונה אין דער גאולה־העתידה. און די פייער־לאָך פון די קליינע חנוכה־ליכטלעך, מאכן אונדז מונטער און דערמוטיקן אונדז צום וויטערדיקן קאמף פאַר א פולשטענדיקער באפרייאונג פון די רעליגיע־שענדער און „פריצים״, וואָס צופרעסן דעם אינערליכן אידישן פאָלקס־אָרגאַניזם און מאכן אים אומווירדיק פאַר דער מענטשלאכער וועלט.

אָבער נישט אין נאציאָנאַלן אטענטאַט, וואָס די מלכות־הרשעה האָט געוואָלט אויספירן איבערן כבוד פון דער אידישער אומה, — דורך פאַר־וואנדלען ארץ ישראל אין א פראָווינץ פון דער גריכישער אימפּעריע און דורכן אונטערוואַרפן דאָס שטארקע פאָלק יהודה אונטער דער הערשאַפט פון גריכישן עפּיפאַנוס — האָט דער אור־אַלטער „ישראל־סבא״ אין דער חשמונאים־עפּאָכע געזען דאָס גרויסע אומגליק, וואָס ס׳געשעט דעם אידישן פאָלק, און די שרעקליכע סכנה וואָס דראָעט אים, און אויך נישט אין די גראַנדיעזע נצחונות פון די חשמונאים, וועלכע האָבן באַזיגט די פרעמדע גריכן און זיי פאַרטריבן פון ארץ ישראל, איז באַשטאַנען די גרויסע ישועה, וואָס איז געשען דעם אונטערדריקטן און צובראָכענעם פאָלק יהודה, נאָר, די גרויסע סכנה איז געלעגן אין דעם אטענטאַט אויפן בית המקדש, און ווי נאָר די דאָזיקע סכנה איז באַזייטיקט געוואָרן, איז דער היסטאָרישער פאָלקס יום־טוב פּראָקלאמירט געוואָרן לדור דורות, אויף אייביק.

ה.

אָט דאָס דערציילן אונדז די חז״ל: דאמאָלס ווען דער העלעניזם האָט טיף, טיף אריינגעדרונגען אין אידישן אָרגאניזם און „טמאו כל השמנים שבהיכל״, די גריכישע קולטור, און אירע אָנהייגער, וואָס האָבן פאַרנומען דעם כהונה־גדולה אמט, און ווי נאָר ס׳איז געקומען דער מאָמענט ווען מ׳האָט געוואָלט ישראל׳ס נשמה אָפּטויטן, איז מתתי׳ אַרויסגעטראָטן מיט א רוף: „מי לד׳ אלי״, און לײדער האָט זיך אָפּגערופן בלויז א גאַנץ קליין הייפעל מענטשן — ולא מצאו אלא פך אחד של שמן — און געדאכט האָט זיך, אז אָט, אָט, צאנקט אויס דאָס אידישע פאָלק, נאָך א קליין ווינטעל, און דאָס אידיש ליכטעל וועט ח״ו אויף אייביק אויסגעלאָשן ווערן, „נעשה נס״, א וואונדער האָט כביכול זיין פאָלק באוויזן, און טריאומפירענדע האָבן זיך די אידישע העלדן אומגעקערט נאָך ירושלים, צוריק אָנגעצונדן די מנורה הטהורה, דער בית־המקדש איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף זיין קדושה־יסוד, און די כהנים האָבן זיך צוריק גענומען צו די הייליקע עבודות, ס׳האָבן זיך ווידער דער־הערט די טענער פון „לוים בשירם ובזמרם״, און די תורה האָט געוואונען די געהעריקע הויך, אַלע גייסטיקע אוצרות האָבן צוריק באקומען זייער אמאָ־ליקן גלאנץ, און אָט צוליב דעם גייסטיקן זיג פייערן מיר דעם חנוכה יום־טוב. אָבער דער גרעסטער מאָנומענט זיינען די קליינע ליכטלעך, וועלכע דערמאָנען אונדז זייער העלדישקייט, און דעם קאָפּ בויגן מיר פאַר זיי, פאר אָט די קליינע פלעמלאך.

דער איד ערשיינט פאַר אונדז תמיד ווי דער אייביקער שטאָלצער איד מיט א ליכט אין האנט, דער אייביקער חשמונאי, וואָס האָט אזוי זיגרייך אויס־געשליפן די אידישע מארטיראָלאָגיע און באשטראלט יעדן אידישן הויז מיט ליכט־פלאמען ווי אַן עראינערונג אין די געטליכע קאמפן, פאַרן דערהאלטן אונדזער אייגענע לעבנס־השקפה אינעם טרויעריקן גלות...



וואלף גאטעסמאן

שבת-שירה און חמשה עשר בשבט

„א״ר נחמיה לא זכו ישראל לאמר שירה
על הים אלא בזכות אמנה, שנאמר ויאמן
העם וכתיב ויאמינו בד׳״.

(מדרש רבה)

שבת־שירה ווערט דעם אידן פריילאך אויפן הארצן.

דאָס אידישע געזאנג הערט ניט אויף אפילו אין די קריטישסטע צייטן פון גלות, טראכטענדיק תמיד פון דער צוקונפט, וואָס איז דעם אידנס איינגע־שטעלטער נוסח, — דער ריכט־שנור פון אידנטום.

פון גלויבן, — צו געזאנג.

דאָס גלויבן שפילט זיך אָפּ ביים אידן אין דער פארבאָרגעניש, אין די חדרי־חדרים פון זיין נשמה. דורכן דרויסן קאָנען מיר זעען וואָס ס׳קומט פאָר אינעווייניק, אין זיין נשמה.

מיט גלויבן און האָפנונג האָט דאָס אידישע פאָלק געזיגט. ניט בלויז האָט עס איבערגעלעבט די וועלט־אימפעריעס, אין דער אמתן האָט ער גייסטיק באזיגט די וועלט־אימפעריעס.

די אידן זיינען דורכגעדרונגען מיט לעבנס־פרייד און לעבנס־לוסט. זיי האָבן א חוש פאר שיינקייט, ווי מיר קענען עס זעען פון די פּאָעטישע פראַג־מענטן וואָס זיינען פאַרבליבן פון דער אלטער אידיש־וועלטליכער ליטעראטור.

דער איד פארמאָגט געפילן פאר ריטם, פאַר קלאנגען און פארבן, פאַר שטימונגען פון אלערליי ניואנסען און שאַטירונגען, וואָס מאכט די נשמה אינהאלטסרייכער, שענער און רייכער. דער כח פון דער אידישער רעליגיע, מיסטיק, מענטשן־ליבע און פון זיינע מסירת־נפש־פירענדיקע אידעאלן, ליגט אין דעם, וואָס זיי לאָזן די נשמה־גלוסטונגען דורכגענומען ווערן מיט אן אומ־ענדליכקייט, מיט אן „עפעס״, וואָס איז נישט צו דערקענען און נישט צו דער־גרונטעווען, און וואָס דורך דעם שאפן זיי די אילוזיע פון אייביקער אָנגע־האלטענקייט און אומאונטערבראָכענקייט.

אָט דער דאָזיקער גייסטיקער ציטער, וועלכער באַרייכערט, פאַרשענערט און פאַרטיפט זיין נשמה, וואָס שטייגט אַלץ העכער און העכער, גיסט זיך אויס אין א פּאָעטישער פאָרם.

דער גרעסטער טייל פון דעם אידנס שאפן, איז דיכטעריש אויסגע־פורעמט.

איר דערקענט ביי א אידן אַן איינגעבאָרענע פעהיקייט און באדערפעניש צו לאָזן ארויסשטראָמען דעם איבערמעכטיקן אינערליכן תוך פון זיין נשמה; זיין דבקות און באהעפטונג מיט דער נאטור. דער איד לעבט מיט דער נאטור. שפּירט דעם אָטעם פון דער יצירה.

* * *

ניט אומזיסט קומט שבת־שירה מיט חמשה־עשר בשבט.

ראש השנה לאלנות (ראש השנה, פ״ה), ראש השנה ביי די בוימער.

דער חודש שבט פיגורירט אלס חודש פון פלאנצן בוימער. אזוי איז די מצווה פון ג־ט, ווי דער פסוק פראָקלאמירט: „ונטעתם", — איר זאָלט פלאנצן. „וכי תבואו אל הארץ ונטעתם כל עץ מאכל" ווען איר וועט קומען קיין ארץ ישראל, זאָלט איר פלאנצן בוימער צום עסן. און מיר לערנען זיך אָפּ פון ג־ט, ווי ער האָט געטאָן, „ויטע ד׳ א׳ גן בעדן". מיר זיינען ווייט, באזונדערס די אידן פון חוץ לארץ, פון אָט דער שמחה פון פלאנצן, אָבער אין ארץ ישראל יום טובן אונדזערע ברידער מיט גרויס פייערליכקייט אָט דעם יום טוב פון פלאנצן, באזונדערס די קליינע קינדער, מ׳פלאנצט בוימער און מ׳טיילט זיך מיט פרוכט.

אַזוי ווי די בוימער, וואָס מען פלאנצט, דארפן האָבן א געניטן גער־טענירער, אַזוי דאַרפן אונדזערע קינדער האָבן די ריכטיקע ערציער און ניט נאָר די יוגנט נאָר אויך די אלטע דארפן פלאנצן, ווי די געשיכטע דערציילט וועגן חוני המעגל און וואָס לערנט, אַז עס ליגט א פליכט אויף א מענטשן צו פלאנצן, אויב אַפילו ער אַליין וועט עס ניט געברויכן, זאָלן כאָטש די קינדער, די דורות נאָך אים, הנאה האָבן.

אונדזערע חז״ל האָבן פאַרגליכן די פלאנצונג פון בוימער צו גייסטיקער פלאנצונג. אויף „ונטעתם כל עץ מאכל", — האָבן די חכמים געזאָגט, — „הה״ד עץ חיים היא למחזיקים בה". אויב ס׳איז ניטאָ די מעגליכקייט צו

פלאַנצן פאַר זיך דעם עץ חיים, איז די פליכט אויפצוהאַלטן די יעניקע וואָס פלאַנצן. מיר זיינען אויך פול מיט פרייד און האָפנונג, אַז אונדזער אַרבייט וועט זיין געקרוינט מיט הצלחה, עס זאָל בליען, וואַקסן און טראָגן גוטע פרוכט און מיר ווערן אויך ניט פאַרצווייפעלט, אויב אַמאָל, ווערט א בוים ניט געראָטען. אויב עס וואַקסן אָן ווילד גראָזן, רייסען מיר זיי אויס.

נאָך א טיפער סימבאָל פון חמשה עשר:

נאָכן ווינטער, ווען די בוימער זיינען טויט, שטייען זיי צוריק אויף צום לעבן און בליען ווידער. און מיר ווערן ניט נתפעל, אפילו פון דעם וואָס עס געפינען זיך אַזעלכע, וואָס רייסען אַרויס די פאַרפלאַנצונגען... מיר פלאַנצן. דאָס לערנט אויך, אַז אויך דער מענטש, וואָס איז דער עץ השדה, איז ניט מצליח, מוז ער פונדעסטוועגן ווייטער פלאַנצן און נאָכמער „ביתר שאת ויתר עז"...

חמשה־עשר בשבט, אין אַלגעמיין, איז אין ארץ ישראל דער סעזאָן, ווען דער פרילינג פאַנגט זיך אָן. דער ווינטער, דאָס מיינט די רעגן צייט, איז שוין לאַנג אַריבער, די בוימער הויבן אָן בליען, די נאַטור ערוואַכט, און דער איד, דער נאַטור־מענטש, נעמט זיך מיט ליבע צום פלאַנצן.

די אידן האָבן אַלע יאָרן פון זייער זעלבסטשטענדיקייט געפירט א נאַטור לעבן.

דער איד האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט אַנצוערקענען די קרובה'שאַפט צווישן מענטש און נאַטור, די אומאונטערבראָכענע באַציהונג צווישן אַלעס וואָס לעבט און בליט.

קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט ניט געליבט אַזוי שטאַרק די פּראַכט פון דער נאַטור ווי דער איד; קיינער האָט ניט געוואוסט אַזוי ריכטיק אָפּצו־שאַצן די ליבע צו דער נאַטור און די אַרבייט פון לאַנד, וואו ער האָט געפונען ניט נאָר עקאָנאָמישע זיכערקייט, נאָר אויך גייסטיקן פאַרגעניגן.

ביי דעם אידן האָט די ערד גאָר אַנאַנדער פּנים. זי זעט אַנדערש אויס, ווי נאָר ער ווערט נאָענט צו איר, הייבט זי אָן באַאַרבעטן.

איז דען דאָ א פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל ליבע פאַר דעם לאַנד ווי מיר? די אידן זיינען די פעהיקסטע צו קאָלאָניזירן א לאַנד, ווייל א חוץ די אַרבייט,

וואָס זיי זיינען וויליק צו לייסטן, ברייגנען זיי ליבע און געפיל, וועלכע קיין נאציע איז ניט בכוח צו ברענגען.

דאָס אידישע פאָלק וואנדערט אויפן וועג צו זיין היים, שווער איז דער קאמף פאַרן דערהאַלטן זיין לעבנס־השקפה אין די גלות לענדער, אָבער עס לעבט אין אים א טרייסט און א האָפנונגס־אינסטינקט.

פון גלויבן צו דער מדרגה פון געזאַנג. דאָס געזאַנג פון א חמשה־עשר בשבט יום־טוב׳דיקייט, איז דער גרעסטער באדייט פון דעם אידנס אויפלע־בונג, פאַר זיין האָפנונג, אַז ער וועט סוף־כל־סוף דאָך דערגרייכן לאנד...

ווי אַזוי קענען מיר אָבער זינגען דאָס געזאַנג פון דער נאַטור אויף פרעמדער ערד?

דער איד איז אָבער מיט געזאַנג אויפגעשטאַנען און אַ גרויסע שבועה געשוואָרן — די שבועה פון אייביקן קיום. עס ציטערט ישראל׳ס טרייער וואָרט: —

„פאַרגעסן זאָל ווערן אונדזער רעכטע האנט, אויב מיר וועלן דיך פאַרגעסן, ציון; איינגעוואקסן די צונג זאָל ווערן צום גומען, אויב מיר וועלן נישט דערמאָנען דיך, ירושלים, אין אונדזערע פריידן!“.

ויהי בימי אחשורוש
מרדכי
וואלף גאטעסמאן

פורים

א.

יעדעס פאָלק פאַרמאָגט אירע ספּעציפישע נאַציאָנאַלע ימים טובים, וועלכע ווערן געפייערט אין אָנדענק פון א גלענצענדן אָבגעהאַלטענעם נצחון, זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז עס ווערן געפייערט נאָר די טעג וועלכע האָבן אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט.

צוליב וואָס האָט פורים זוכה געווען צו ווערן אַזוי הערליך פאַראייביגט ביים אידישן פאָלק שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר? וואָס פאַר א באַדייטונג האָט פורים פאַר אונדז, פאַר דעם כלומרשטן צוואַנציק יאָרהונדערדיק „ציווי־ליזירטן דור״?

ווען מיר ווילן אַן ענטפער אויף די פראַגן מוזן מיר טיפער אריינ־דרינגען אין די געשעענישן פון פורים, וועלכע טראָגן אויף זיך אַן אַלעגאָרישן שלייער, און אין וועלכע ס'שפּיגעלט זיך דייטליך אָפּ די דאַמאָלסדיקע עפּאָכע.

* * *

טויזנטער יאָרן האָט דאָס אידישע פאָלק געליטן פון דעם פאַנאַטיזם, פון גייסטיקער קנאה שנאה, שנאת־הדת, האַס פון אַנדערע גלויבנס.

די פעלקערליכע שנאה צו אידן — איז א שנאה פון דער גאַנצער מענטשהייט צום אידישן פאָלק, אין אַלע צייטן און אין אַלע דורות, כדי אים אָפּצואווישן פון דער ערד־מאַפּע.

מיר דאַרפן אָבער דעם פעלקער האַס צום אידישן פאָלק אביסל טיפער פאַרשטיין, ווייל דער איז דער עקסטראַקט פון אידישן לעבן. אַלע עפּיזאָדן און איבערלעבענישן פון אידישן פאָלק אינעם משך פון טויזנטער יאָרן, טוען זיך אָפּשפּיגלען אינעם דאָזיקן פּראָצעס.

מיר געפינען אין דער גמרא (ערכין, י״ז) א מיינונגס־פאַרשידענהייט צווישן תנאים, עס האַנדעלט זיך נעמליך: צי איז דער דור לויטן פרנס, דאָס הייסט, א גוטער זשעניאַלער פירער ערציט זיך אין אַ גוטן באַרימטן דור און אַלעס איז אָפּהענגיק פונעם פרנס („מעלי פרנס, מעלי דרא״) אָדער פאַר־קערט — אַ גרויסער געבילדעטער דור פּראָדוצירט געניאַלע פירער („מעלי

דרא, מעלי פרנס״). יעדנפאלס זעען מיר אַן ענגע שייכות צווישן דור און פירער, און פון דעם דאָזיקן שטאנדפונקט איז דער פעלקער־האס צום אידישן פאָלק פארשטענדלעך.

* * *

ווען דאָס אידישע פאָלק איז קיין בבל פארטריבן געוואָרן, האָבן זיי פאַר אַ לענגערע צייט געשמאכטעט אונטער דער בבלישער הערשאפט און טיראַניי, געלעבט אין עלענט און פיין. די בבלישע הערשאפט איז אָבער צוזאמענ־געבראָכן געוואָרן דורכן זיג פון כורש מלך פרס, און א נייע־גליקליכע עפּאָכע האָט זיך פאַרן אידישן פאָלק דאן אָנגעהויבן.

פארטיפענדיק זיך אין דער אלגעמיינער געשיכטע זעען מיר, אַז ווען א הערשענדיק פאָלק האָט עראָבערט א לאנד, האָט עס אינזינען געהאט, אז דאָס באזיגטע פאָלק זאָל שוין מער קיין תחיית המתים נישט אויפשטיין. די זיגער האָבן פארשקלאפט די באזיגטע, צוגענומען פון זיי יעדער פאָליטישע פרייהייט, אוועקגערויבט ביי זיי די אבסאָלוטע רעכט, די באזיגטע האָבן גע־מוזט אנערקענען דעם זיגער אַלס אבסאָלוטן הערשער און זיך אונטערוואַרפן זיין יוריסדיקציע, און אַזוי ארום אויסצוואָרצלען יעדן געפיל און פאַר־לאנג צו ווערן זעלבסשטענדיק.

אנדערש, גאנץ אנדערש איז אָבער פאָרגעקומען מיט דער פערסישער אימפעריע.

די פעלקער וואָס זיינען אונטער זייער הערשאפט ארונטערגעפאלן גע־וואָרן, זיינען ניט אויס׳געהרגעט אָדער בארויבט געוואָרן. אלע איינוואוינער פון די איינגענומענע לענדער זיינען געבליבן אויף זייערע פּאָזיציעס און זייער אייגנטום איז ניט געמינערט געוואָרן. די פערסישע הערשאפט, דורך זייער מילדקייט און טאָלעראנץ, האָבן אפעלירט צו דער דאנקבארקייט און געטריי־שאפט פון די עראָבערטע.

די אידן האָבן פון קעניג כורש באקומען גלייכבארעכטיקונג. א פריי־הייטס־דעקלעראציע איז פון קעניג אַרויסגעגעבן געוואָרן צו אַלע אידן, דורכדעם וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאטיע און מיטהילף ביי דער דעראבערונג פון בבל פאר פרס. כורש האָט חוץ דעם אויך אין דער אידישער

רעליגיע דערקענט א קרובה׳שאפט צו דער רעליגיע פון די פערסיער, דער־פאַר האָט ער געהאט א באַזונדערן גרונט די אידן אַרויסצואווייזן מער סימפאַטיע.

דער קעניג כורש פון פערסיע האָט זיך איבער אלע שכנישע מלוכות צושפרייט; די „גלתה יהודה״ האָבן באקומען א נייעם, א גוטן הערשער אויפן אָרט פונעם פריערדיקן בארבאר און דעספּאָט נבוכדנצר און — מיט זיין הילף איז געשעען די גרויסע ישועה פונעם פאָלק.

די „גולה״ קערט זיך צוריק אינעם ארץ־האבות, א ברייטע אויטאָנאָמיע ווערט זיי דאָרט געגעבן און — זי בויט אויס אפילו דעם בית המקדש.

דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס א פאָלק קאָן וועו ס׳איז טרעפן און אויך די גרעסטע ישועה וואָס א צושטערט און פאַרטריבן פאָלק האָט ווען ס׳איז געקאָנט חלום׳ען!...

די טאָלעראַנץ פון דער פערסישער אימפעריע האָט געבראכט דערצו, וואָס די אידן האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פון זייער תורה און נאַציאָנאלער אייגנארטיקייט. זיי האָבן שוין בעסער געוואָלט איינבירגערן אין פרס, ווי צוריקקערן זיך צו זייער היימלאנד און אויפצובויען זייער חרוב לאנד.

געמישטע הייראטן זענען געוואָרן פון טאָג־טעגליכע ערשיינונגען ביי אידן. די אַסימילאַציע־כוואליעס האָבן אָנגעהויבן צו בושוועון מיט א שנעלן טעמפּאָ. די שטימען פון די תורה־לערנער אין די בתי מדרשים זיינען שוואַ־כער געוואָרן. אַלעס אידישעס איז שוין געווען פאַרטרונקען, פאַרפּלייצט. דאָס אידישע פאָלק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, וועט, איצט, אינגאנצן פערסיע־נעפיצירט ווערן און פון אידישן גייסט און אידישע טראַדיציעס וועט קיין שפור ניט בלייבן.

אַזוי האָט זיך געדאכט, ס׳איז אָבער ניט געשעען.

עס האָט געפעלט אַן אויסערליכער דרוק, וואָס זאָל אויפוועקן דעם אידישן פאָלק און אים געבן דעם אויסוואל: פאַרראַט צו דער אידישער נאַ־ציאָנאַליטעט, אָדער טויט, מסירת נפש פאַרן אידישן פאָלק!

ס׳איז געקומען א צייט ווען די איינוואוינער האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן שנאה און האס צו אידן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו פאַרנעמען גרעסערע פּאָזיציעס. זייערע מנהגים זיינען זיי פרעמד געווען, ביז ס׳איז געקומען

צוערשט דער אומגליקליכער רעליגיעזער־האַס און נאָכדעם דער טרויעריקער ראַסן־האַס.

דאָס טרויעריקסטע אין דער געשיכטע איז געווען, וואָס צוליב דעם האַס צו איין אידן, דעם ערשטן מיניסטער, האָט מען געוואָלט אומשולדיק פאַרניכטן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וועלכע האָבן געוואוינט ווייט פון שושן הבירה און האָבן גאָר קיין אנונג ניט געהאַט פון די אינטריגעס אין קעניגליכן הויף.

און אָט דער שרעקליכער דעקרעט פון המן און קעניג אחשורוש צו פאַרניכטן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, אָט די אויסראָטונג־גזרה האָט אויפ־געוואכט דאָס פאָלק און פון זיי צוריק געמאכט א גרויסע מאָראַלישע קראַפט.

קיין שרייענדיקע, אויסערליכע נסים זיינען ניט געשען, אָבער עס האָט געלעבט דער אַלטער נס פון דער טיף איינגעוואָרצעלטער אידישער נאַטור. דאָ און דאָרטן — אין דער שטיל פונעם לעבן, האָט דער אידישער קוואל געשלאָגן און געשפרודעלט און, ווי פריער, זיינע לויטערע שטראַלן מיט דעם אָפגלאַנץ פון הימל־בלוי איבערן לאַנד געשפרייט.

פון די טונקעלע אנונגען, פאַרשטיקטע שטרעבונגען אין הארצן פון פאָלק האָט זיך אַ גרויסער, מעכטיקער, באוואוסטזיניקער ווילן אַרויסגעריסן, און זי ווי א מעכטיקע פאַרפלייצונג, ווי א ריזיקער וואולקאַנען־אויסברוך די גאַנצע אסימילאַציע אראָפּגעשווענקט, ווייט מחוץ למחנה פאַרטראָגן. און דאָס פאָלק איז צוריק צו זיך געקומען.

* * *

פורים ווייזט אונדז די אייגענאַרטיקייט פון א פאָלק אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ; סימבאָליזירט, מערסטענטייל, פאַר אונדז דעם אָפּטימיזם פון אידישן פאָלק.

פורים לערנט אונדז, אז מ׳מוז אלעמאָל האָפן, מ׳טאָר זיך קיינמאָל ניט מיאש זיין. ווען אַפילו גזירות דראָען אָפּצומעקן דאָס אידישע פאָלק פון דער וועלט, זאָל ער ניט אויפהערן צו האָפן אויף אַ בעסערע צייט.

פורים — איז דער יום טוב פון פריילעכקייט, די צייט פון אמת׳ער אידי־שער פרייד. עס ווישט אָפּ יעדע טרויעריקע אומעטיקע מחשבה און מאכט יעדן פריילך, מונטער און האָפנונגספול.

פורים — דער יום־טוב פון אָפּטימיזם!

דאכט זיך אַז דאָס פאָלק דערוויטערט זיך פון זיינע טראַדיציעס, פאַר־לירט די אכטונג פאַר זיך אַליין און קרימט נאָך די שטאַרקערע, רייכערע, גליקליכערע, די, וועלכע, אויב זיי האָבן ווייניק אינהאַלט, האָבן זיי דערפאַר מער אויסערליכן גלאַנץ, און אָט, דאכט זיך, אַז דער סוף איז שוין נאָענט.

דאכט זיך, — אָבער ס׳איז ניט אַזוי. טיף אין האַרצן פון פאָלק פליסט תמיד דער שטראָם פון אידישן פילן און דענקען; טיף, אונטער דאָס חיצוניות׳דיקע שקלאַפּישע נאָכמאַכעריי, אונטער דאָס שיינענדיק פרעמדע, לעבט און גליט דאָס אייגענע און די געטריישאַפט צו זיך אַליין.

קיין אויסערגעוויינליכע נסים זענען ניט געשעען, אָבער דער אַלטער נס פונעם פאָלק, וואָס ווערט טויזנטער יאָרן אין אַלע פייערן געוואָרפן און ווערט דאָך ניט פאַרברענט, לעבט נאָך. די אָפּגעקילטע הערצער ווערן דערוואַרעמט און איינגעשלעפערטע ניכטערן זיך אויס און דערוויטערטע קומען צו נאָענט און די אסימילאַציע כוואַליע ווערט שוואכער, די זעלבסט־אנערקענונג שטאַרקט זיך, ווערט קלערער, העלער און וואַרפט ליכט אַרום און אַרום.

דער פורים־נס איז ניט נאָר א נס פון אמאָל, נאָר פון אונדזערע טעג; ניט קיין נס פונעם פאַרקערטן סדר עולם, נאָר דער וואונדער פון דער טיפער אידישער נשמה.

אמאָל פלעגן די פורים־טעג זיין „נעשים״, מען פלעגט מאכן פורים פאַר א גליקליכן יום־טוב, מען האָט געפילט דעם יום־טוב: אין שוהל, אין הויז, אין גאַס, אין לעבן. די פורים שפּילער האָבן אויך פיל בייגעטראָגן צום יום־טוב. יונגע קינדער האָבן דאַן געוואוסט פון אידישע פרייד.

היינט, ליידער, מען פילט ניט ריכטיק דעם יום־טוב, נאָר מען גע־דענקט ווי אמאָל, אין דער אלטער וועלט, פלעגט פורים געפייערט ווערן. עס בלייבן בילדער פון פאַרצייטן, עראינערונגען פון אמאָל. עס איז ניט מער נעשים נאָר — נזכרים. מען געדענקט וואָס אמאָל איז געוועזן.

מיר לייענען אין דער מגילה, אַז ווען אסתר, מרדכי׳ס פלימעניצע האָט דערקלערט פאַרוואָס זי קאָן ניט קומען פאַר אחשורש׳ן צו בעטן גנאָד פאַר איר פאָלק, האָט מרדכי איר געזאָגט: אויב דו אנטזאַגסט זיך צו גיין צום קעניג, דאַן זיי וויסן, אַז דו וועסט אומקומען, אָבער דאָס פאָלק וועט זיין

גערעטעט. ווארים דאָס אידישע פאָלק קאָן ניט אומקומען, ווייל „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר״.

איז עס ניט קיין וואונדערלעכער טאאט פון אסתרן, וועלכע איז ניט פאר׳כשופ׳ט געוואָרן פון דעם בליאסק פון גאָלד און דימענטן. גאָלד און בריליאנטן האָבן איר ניט פארבלענדעט די אויגן, עס האָט איר ניט געלאָקט צו די פארשיידענע פארווילונגען, וועלכע זיינען אינהאלטסלאָז און מאָראליש נידעריק, נאָר זי האָט מקריב געווען איר לעבן, איר גליק פאַר דעם קיום פון אידישן פאָלק.

עס פרעגט זיך: פון וואנען נעמט זיך צו אַ פרוי אזא כאראקטער, אזא אָפּערווילִיקייט? איז דער ענטפער: ווייל זי איז ערצויגן געוואָרן אין גייסט פון תורה ומסורה, זי האָט אויף זיך גענומען די מיסיע, ווייטער צו פלעכטן די גאָלדענע קייט פון אירע פאָרקעמפּעריגס.

אונדזער פאָלק וואָלט ווייט ניט געגאנגען און וואָלט לאנג ניט געקאָנט אָנהאלטן זיין ביטערן שווערן קאמף קעגן די אונצאָליקע המנ׳ס, וואָס האָבן שטענדיק קעגן אים געפּלאנט הריגות, געזוכט אָפּצואווישן פון דער ערד, ווען מיר וואָלטן ניט פארמאָגט מערערע אסתר׳ס מיט אָן ענליכען פאטריאָטיזם.

ווען מיר אנאליזירן די אידישע געשיכטע און באוואונדערן דעם פעלזן־פעסטן כח פון פרויען העלדינס, וועלכע פאַרנעמען אזא בכבוד׳יקן אָרט אין אונדזער געשיכטע, ווילט זיך פרעגן: צו קאָנען מיר האָפן אויף עפּעס ענליכעס פון דעם היינטיקן דור אידישע טעכטער? מיר קאָנען זיין שטאָלץ מיט דער פאַרגאנגענהייט, אמאָל, אָבער מיט דער צוקונפט? דאָס איז אַ פראגע. פארשידענע ווינטן בלאָזן און רייסן זיך אַריין אין דער אידישער מחנה און נישט געוואונשענע עלעמענטן ווערן די שפייזער און פאַרזאָרגער מיט אלערליי שעדליכע טעאָריעס. פון טאָג צו טאָג, אַלץ מער ווערן אויסגעלאָשן די אידישע פונקען און ביסלאכוויז הערט אויף צו פולסירן דאָס אמת׳דיקע אידישע הארץ.

און אָט דאָס לערנט אונדז דער יום־טוב פּורים. אַז ווען די אידן זיינען געשטעלט געוואָרן צום אויסוואַל: פאררעט, וואָס מיינט זיך אַסימילירן, אָדער מסירת נפש פאַר מאנאטעאיזם און נאציאָנאַלן סעפּעראטיזם, דאמאָלסט זיינען זיי שוין ניט געבליבן מער פאסיוו. פונקט אַזוי דאַרפן מיר זעען איינפלאנצן

אינגעם יונגן דור א פעסטע אידישע, גייסטיקע ערציהונג. אָנווייזן זיי די תורה ומסורת אבות, דעם גייסט פון טראַדיציאָנעלן היסטאָרישן אידנטום, ווייל נאָר אַזוי קאָן ערמעגליכט ווערן דער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק.

אין זיין לאנגן וואנדערן אין גלות, אין זיין טויזנט יאָריקן קאמף פאַר זיין עקזיסטענץ, האָט דער איד געהאט אלערליי צייטן, אלערליי פעריאָדן, ליכט און פינסטערניש, פרייד און לייד, זונענשיין און גֶדיכטע וואָלקנס; וואָס פלעגן זיך פאַרקלייבן אויף זיין הימל; ניט נאָר אויסערליכע שונאים, נאָר אויך אינערליכע שונאים, וואָס האָבן געוואָלט אונטערגראָבן זיין עקזיס־טענץ. פאלשע נביאים האָבן געפּרעדיקט צום אידן: אַז ער זאָל זיך לאָזן אסימילירן, אַז ער זאָל ווערן חבר'יש מיטן גוי, ער זאָל עסן מיט אים און זיך מתחתן זיין מיט אים, אָבער דער איד האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט פאַרפירן פון זיינע פאלשע נביאים. פעסט האָט דער איד זיך שטענדיק געהאלטן ביי זיין גלויבן, שטאָלץ האָט דער איד אויסגעלאכט זיינע פרעדיקער, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר".

פורים — דער יום־טוב פון אָפּטימיזם, לערנט אונדז, אַז די מעגליכקייט ווייטער פאָרטצוזעצן דעם טראַדיציאָנעלן ליכטיקן אידישן עבר, וועט קומען ווען מיר וועלן ערציען די יוגנט אַלס גאנצע און געטרייע אידן, דאַן וועלן די אידישע ימים טובים בכלל און די טעג פון פורים בפרט זייןביידע זאכן נזכרים ונעשים, און די אידישע פרייד וועט צוריק קומען אין דער אידישער הויז, עס וועט צוריק קומען די אטמאָספערע פון פייערליכקייט, פון גליק, פרייד און נשמה־דערהויבונג.

פורים — איז דער יום־טוב פון אָפּטימיזם פאַרן צוקונפט פון אידישן פאָלק, א סימבאָל, אַז די כוליגאנעס, די אויסוואורפן פון המנ'ס חבריא באקומען די פולשטענדיקע מפלה.

ער לערנט אז נאָר אין די צייטן, ווען אידן האָבן אויסגעהאלטן דעם גלענצענדן עקזאמען פון זעלבסט־רייפקייט און באוואוסטזיניקייט, דאמאָלסט איז דער גרויסער נס געשעען.

דאָס מיינט אפשר דער מדרש (משלי) דאָס אלע ימים טובים וועלן אין דער צוקונפט בטל ווערן, אָבער פורים וועט אלס יום־טוב שטענדיק געפייערט ווערן ביים אידישן פאָלק, ווייל קיין זעלבסט־פאַרניכטונג אין אידישן פאָלק

וועט קיינמאָל ניט פאָרקומען אפילו דאַן ווען אלע ערוואַרטונגען און אויסרע־כענונגען וועלן ווייזן סמנים פון פארניכטונג, דאָך וועט אַ גייסטיקע ערוואַכונג, אַ ווידער אויפלעבונג קומען און דער איד וועט אַרויסגעבן פון זיך אַזעלכע וואָס זיינען גרייט צו באַצאָלן יעדן פרייז פאַר דער אידישער באַפרייאונג.

פורים — וועט בלייבן דער יום־טוב פון אָפּטימיזם פאַרן אידישן פאָלק!

פורים

ב.

ברוך שפינאָזא שרייבט אין איינעם פון זיינע בארימטע ווערק: „עס איז רעכט טרויעריק צו האסן. האַס און פיינדשאפט פארניכטן די בעסטע און די עדעלסטע געפילן אין דעם מענטשן. מיר ווילן ניט האַסן, מיר ווילן לעבן אין פריינדשאפט און אין ברידערליכקייט מיט אלע מענטשן, מען צווינגט אונדז אָבער צו האסן. מען רעגט אונדז אויף, מען גיסט אַריין גאל אין אונדזער האַרץ און מען פאַרביטערט אונדזערע עדעלסטע געפילן. ווען אַ איד טוט עפּעס אונרעכט אָדער שלעכטס, ווארפט מען באלד די שולד אויף דאָס גאנצע אידישע פאָלק. צוערשט קומט דער אומגליקליכער רעליגיאָנס־האַס, דאן קומט דער טרויעריקער ראסן־האס, ווייל אידן ווילן זיך ניט פאַר־מישען מיט אנדערע פעלקער. עס איז ביטער געהאסט צו ווערן, אָבער מיר מוזן האסן, ווייל מען האסט אונדז שוין צופיל אומזיסט".

דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם „עם מרדכי" אין דער געשיכטע.

צוליב דעם איין־און־איינציקסטן איד מרדכי, וועלכער האָט געהאט דעם מוט נישט נאָכצוגעבן המנ׳ס תאווה צו כבוד און זיך ניט געוואָלט בוקען צו אים, האָט המן דאָס גאנצע אידישע פאָלק באליידיקט, דערנידעריקט, זיי באַ־צייכנט אַלס שונאים פון דער מלוכה. ער איז געקומען מיט טענות און בלבולים אויפן כלל ישראל, ער זאָגט: „ודתיהם שונות מכל עם" — דאָס איז א פאָלק, וואָס האָט א מלוכה אין דער מלוכה, און נאָכמער „ואת דתי המלך אינם עושים" — דאָס אידישע פאָלק איז ניט לאָיאל צו די געזעצן פון לאנד, זיי זיינען רעוואָלוציאָנערן. און אַזוי האָט זיך המנ׳ען איינגעגעבן, צוליב א כלומרשטן חטא פון איין איד, ארויסבאקומען א באפעל „להשמיד להרוג ולאבד" — אויסראָטן דעם גאנצן כלל ישראל.

מען ווארפט אונדז פאַר, וואָס מיר לייענען די מגילה אום פורים און פאַר וואָס מיר פאַרגעסן ניט דעם המן, וואָס איז שוין טויט טויזנטער יאָרן און ווען פון דעם פערסישן קעניגרייך פון יענער צייט איז שוין קיין שפור ניטאָ, פון שושן הבירה זענען קוים געבליבן אייניקע רואינען. די פערסישע קעניגליכע

פאַמיליע און דאָס גרויסע קעניגרייך פון מלך אחשורוש איז אונטערגעגאַנגען אין דעם יאָר 331. המן האָט אונדז אָבער געצוואונגען צו האסן און אונדז געלערנט אויפהאַלטן די שנאה.

מיר ווייסן ניט גענוי, ווער עס איז געווען קעניג אחשורוש, אויב קסערקסעס דער ערשטער אָדער אַן ארטאקסערקסעס, אָבער ווי קען זיך אַ גרויסער הערשער דערלויבן אַרויסצוגעבן א באפעל: „להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, טף ונשים ביום אחד“, ווי באַרבאַריש ווילד יענע צייט איז געווען, געפינען מיר דאָן ניט קיין צווייטן ביישפּיל אין דער וועלט געשיכטע, אַז א הערשער זאָל הייסן טויטן און פאַרניכטן א פרידליך, רוהיק פאָלק אין זיין קעניגרייך אויף דעם קאַפּריז פון זיינעם א מיניסטער. ווי קאָן מען אלזאָ טראָגן פריינדלאכע געפילן קעגן אזא ווילדע, אונמענשליכן באפעל?

מיר געדענקען עס און מיר קאָנען ניט פאַרגעסן דאָס שרעקליכע אומרעכט, וואָס המן האָט קעגן אונדז געטאָן.

„מחה תמחה את זכר עמלק מתחת השמים“ — די יעניקע אנטיסעמיטן, וועלכע ווילן דאָס אידישע פאָלק ניט נאָר באַרויבן פון זיין נאַציאָנאַליטעט, נאָר ספּעציעל די יעניקע „הימלישע“ אנטיסעמיטן, וועלכע ווילן דעם אידישן דת אָפּווישן, צוליב זיי האָט מען אונדז אָנגעזאָגט דעם הארבן „לא תשכח“! — זאָלסט אין זיי ניט פאַרגעסן!

מען קאָן דארום זאָגען, דאָס אַזוי לאַנג ווי עס בלייבן אויף דער וועלט באַרבאַרישע פעלקער, וואָס זוכן צו פאַרניכטן פרעמדע רעליגיעס און פרעמדע קולטורן און בכלל אונטערצודריקן אלץ וואָס שטימט ניט איין מיט זייערע פּלענער, אַזוי לאַנג וועלן מיר אידן און אַנדערע קלאַסן מענטשן, וואָס זיינען אנדערש ווי די איבעריקע, האָבן צו ליידן צרות און פאַרפאָלגונגען. די געשיכטע מיט המן איז נאָר געווען איין אויסרייד און דער תלמוד (מגילה), ערקלערט דורך א משל, פון צוויי שכנים, וואָס איינער האָט געהאַט א בערגל ערד אויף זיין פעלד און דער צווייטער א גרוב אין זיין פעלד און וועלנדיק אויסגלייכן די פעלדער, האָט דער אייגנטימער פון פעלד מיט דער גרוב, געזאָגט צום צווייטן: פאַרקויף מיר דיין בערגל ערד און איך וועל דאמיט אויסגלייכן מיין פעלד און דער צווייטער האָט געענטפערט: נעם דאָס צו אומזיסט, הלואי ווילסטו דאָס נאָר צונעמען... אַזוי האָט אויך אחשורוש

אַליין געזוכט א געלעגענהייט אַנצופאַלן אויף אידן און האָט געוואָרט אײנער זאָל פאַר אים אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי המן׳ס.

עס איז אויך זיכער, אַז די אַלע אַרבייטן צו פאַרניכטן אידן מיט געוואַלד זענען אומזיסט און דאָס אויב דער נס פּורים וואָלט ניט געקומען דורך אסתר המלכה וואָלט ער געקומען אויף אַן אַנדער אופן, ווי מרדכי אַליין האָט געזאָגט: „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר״.

די געשיכטע פון מגילת אסתר גיט אונדז אַ גוטן לעסאָן ווי ווייט דער שיקזאַל פון אידן בכלל הענגט אָפּ אָן די איינציקע אידן, שתדלנים, וועלכע זיינען באַקאַנט אין דער נישט אידישער וועלט און ווי ווייט די אידן זענען פאַר אונדז וויכטיק אין דער צייט פון אַ קריזיס.

עס איז אמת, דאָס ווען מרדכי וואָלט געווען אַ פּאָליטישן און וואָלט מורא געהאַט פאַר זיין פאַרלירן דעם „דזשאָב״, וואָס ער האָט געהאַט אין שער המלך, וואָלט ער זיך געבוקט, און ווען חנניה, מישאל ועזריה וואָלטן זיך געבוקט, און ווען דניאל וואָלט ניט תפילה געטאָן און מתתיהו בן יוחנן וואָלט מקריב געווען קרבנות אויף דעם גריכישן אַלטאַר — דאָס הייסט, ווען אידן וואָלטן זיך געלאָזט בויגן אין רעליגיעזע פּרינציפּן און זיך געלאָזט פאַרשלונגען ווערן אין גאַנצן פון די קולטורן פון אַנדערע פעלקער, וואָלטן זיי שוין לאַנג אויפגעהערט צו עקזיסטירן און אונדזערע ימים טובים אַליין וואָלטן געווען פאַרצייכנט נאָר אויף בלעטער פון די געשיכטעס פון פעלקער און רעליגיאָנען, וואָס האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

ווען דאָס אידישע פאָלק איז אַרומגערינגעלט מיט צרות פון אַלע זייטן, ווען דער איד דערגרייכט אָט די העכסטע מאָס פאַרצווייפלונג, ווען ער ווערט געברענט און געבראָטן פון זיינע פיינט, באַליידיקער, פאַרפאָלגער און אַנטיסעמיטן; ווען עס ווייזט אים שוין אויס אַז זיין ענדע איז נאָענט, דער שונא וועט ענדליך טריאומפירן איבער אים, וועט אים איינשלינגען, פאַרניכטן און צושמעטערן, דאַן ווייסט דער איד און פילט, אַז „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר״.

אידישע צרות און די געשיכטע ווי אַזוי מיר זענען פון די צרות נצול געוואָרן זענען דערום „אַן אַלטע געשיכטע, וועלכע בלייבט תמיד ניי״, און

עס איז שטענדיק אינטערעסאנט נאָכצודענקען איבער די שיכטן און פּערזאָנען וועלכע קומען אונדז צוניץ אין דער צייט פון גרויסע פאַרפאָלגונגען.

אַזוי איז שוין דאָס אין אַלע צייטן, דער נאָמען איד ווערט באַנוצט אלס א זידלוואָרט, ווען מען קען נאָר דערמיט דאָס אידישע פאָלק באַליידיקן. אין פאַל פון א פעלער אָדער פאַרברעכן פאַרגעסט מען ניט צו דערמאָנען, אַז דער פאַרברעכער איז אַ איד. גאנץ אנדערש איז עס אָבער, ווען מען רעדט וועגען פאַרדינסטן אָדער אויסצייכנונגען פון אידן, דאָרט ווערט דער נאָמען איד אינגאנצן דורכגעלאָזט, ניט דערמאָנט, דאָרט רעדט מען נאָר וועגן אַן איינגעבוירענעם פון לאנד.

די תורה דערציילט אונדז וועגן יוסף׳ן, ווען ער האָט זיך אין מצרים אויסגעצייכנט און געוואָרן שפּייזער און דערנערער פון דער גאנצער באַפעל־קערונג, איז געוועזן „ויצא יוסף על ארץ מצרים״ (מ״א—מ״ה) — ער איז באַקאַנט געוואָרן אין גאנצן לאַנד מצרים מיטן נאָמען יוסף, און דער נאָמען איד איז אים נישט מער צוגעגעבן געוואָרן. און אַזוי געפינען מיר נישט מער אין דער ווייטערער געשיכטע פון יוסף׳ן, וואו עס ווערט באַשריבן זיין רומפולע טעטיקייט, אַז מ׳זאָל דערביי דערמאָנען אויך, דאָס ער איז געווען א איד.

יוסף האָט זיך אָבער נישט געפונען באַליידיגט מיט דעם נאָמען יוסף, פאַרקערט, ער האָט מיט דעם נאָמען שטאָלצירט, און ביי פאַרשיידענע געלעגענהייטן דאָס אויסגעדריקט. סיי אין צייט פון אומגליק און ליידן, ווען ער האָט געשמאכטעט אין געפענגעניש אַלס פאַרברעכער, סיי אין צייט פון גליק און פריידן, ווען ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה זייענדיק א משנה־למלך, וויצע־קעניג, האָט ער אַלץ מיט זיין אידנטום שטאָלצירט.

דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן מרדכי, פון וועמען עס ווערט דערציילט: „איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי״ (מג״א ב׳) — אויך אין דער הויפּט שטאָט שושן, אין דער רעזידענץ שטאָט, וואו עס האָט געוואוינט דער העכסטער אַדעל און אינטעליגענץ, האָט מרדכי זיך ניט געשעמט מיט זיין אידישקייט און שטאָלצירט מיטן נאָמען מרדכי.

אויך וועגן אסתר המלכה ווערט דאָרט געזאָגט: „אין אסתר מגדת מולדתה ואת עמה״ —אסתר שוין אַלס קעניגין האָט נישט אָנגעגעבן איר געבורטס־שטאָט און איר נאַציאָנאַליטעט — נאָר בלויז צוליב דעם איינציקן

גרונט — „כאשר צוה עליה מרדכי״, — וואָס מרדכי האָט עס איר שטרענג פאַרבאָטן אָנצוזאָגן. זאָגנסט וואָלט אסתר, כאָטש שוין זייענדיק א קעניגין, נישט פאַרהוילן און זיך אָנגעגעבן אַלס אידישע טאָכטער.

יוסף, מרדכי און אסתר קאָנען מיט זייערע דאָזיקע מעשים דינען אַלס סימבאָלן פאַר פיל אנדערע, וואָס ווען נאָר דאָס גליק הויבט זיי אָן צו שיינען, שעמען זיי זיך שוין מיט זייער אידישקייט און זוכן אָפּצואוואַשן פון זיך יעדן שפּור און צייכן, וואָס קאָן דערמאָנען אין זייער אידישן אָפּשטאַם.

פּורים פאַרבינדט אונדז מיט אונדזער רייכער און גלאָרייכער פאַרגאַנגענהייט, באַלייכטעט דעם לאַנגן און שווערן גלות־וועג, דערציילט, אַז אַלץ האָט שוין פּאַסירט, אַלץ האָט שוין ישראל דורכגעמאַכט און דורכגעלעבט, און אויף די אַלע גזרות און בלבולים ליגט שוין א שטויב פון אור־אַלטע צייטן, אַזוי, אַז אונדזערע הייַנטיקע שונאים איז שוין שווער אונדז צו איבערראַשן מיט עפּעס פרישעס, וואָס איז נאָך נישט געווען.

פסח

די שענסטע לערע וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געגעבן דער מענטש־הייט ווי א מוסטער פון לעבן איז פסח, — די עמאנציפּאציע פון קנעכטשאפט.

דער עסענץ פון דער אידישער תורה איז דער געדאנק פון פרייהייט. זי איז געגעבן געוואָרן צו פרייע מענטשן, ווייל נאָר א פרייער, ציוויליזירטער מענטש, וואָס פארשטייט די פאראנטוואָרטליכקייט צו זיינע מיטמענטשן, איז מסוגל אָנצונעמען א תורה.

ביי קיין פאָלק האָט זיך ניט אזוי טיף פארוואָרצעלט דער אידעאל פון פרייהייט ווי ביים אידישן פאָלק. ביי קיין אנדערן האָט זיך דער פרייהייטס־געדאנק ניט אזוי איינגעוועבט אין קאָלעקטיוון און אינדיווידועלן לעבן ווי ביי אידן.

פּסח איז פאַר אונדז א קוואל פון געשיכטע און דערמאָנונג אין דער גע־לייטערטקייט און דעם צווישן־מענטשלאכן צובונדט און מענטשלאכער גע־טריישאפט. באַפרייאונג און אומאָפּהענגיקייט, חג המצות, דאָס איז דער ריכ־טיקער סימבאָל פון אונדזער גייסטיקער באפרייאונג און אויפבליהונג פון אונדזערע געטליכע און הויכע אידעאלן.

ניט קוקענדיג אויף אַלע בזיונות און רדיפות פילט דאָך דער איד דעם גרויסן שטאָלץ און זיין געשיכטלעכע אויפגאַבע: אין מיטן עלענט און נאציאָנאַלער צעשפרייטקייט און שקלאפעריי איז דער איד דורכגעדרונגען מיט דעם טיפסטן בטחון אין דער קינפטיקער אויסלייזונג.

פסח איז א ירושה פון אַ גרויס געשיכטלעכן, קולטור־געשיכטלעכן מאָ־מענט, וואָס גיט א זין אונדזער לעבן.

די מערסטע ימים טובים פון אַלע פעלקער האָבן צו טאָן מיט דער פאַר־גאנגענהייט. די מערסטע יום־טוב׳דיקע מנהגים זיינען געוויינליך באזירט אויף זכרונות. וועלכער פאָלק אָבער טראָגט זיינע ימים־טובים פון אזא ווייטער פארגאנגענהייט? און ביי וועלכן פאָלק פייערט מען זיינע הערלעכסטע ימים טובים אין אזא טרויעריקער געגנווארט?


לכבוד פסח
W. GOTTESMAN

אזעלכע זיינען די אידישע עראינערונגען און די אידישע ימים־טובים, וועלכע זיינען אַזוי פּאָעטיש אין זייער עלענט און אַזוי עלענט אין זייער פּאָעזיע. און וואָס טיפער מיר גייען אַוועק פון אונדזער פאנטאזיע אין די ימים־טובים אַריין, אַלץ עלענטער רעדט צו אונדז ארום און ארום די שטימע פון דער ווירקלעכקייט.

* * *

עס איז פסח, פרילינג, די צייט פון ליבע און לעבן. די נאטור ערוואכט, זי טרייסעלט פון זיך אראָפּ אירע אומעטיקע ווינטערדיקע מלבושים און קלייבט זיך אויסצופוצען מיט גרינע הילעס, קוויטן, שפּראָצן און בלומען. זי ווערט קאָקעטיש, שפּילעוודיק. זי זינגט — און מיר מיט איר — שיר השירים...

פארטראכטן מיר „דאָס ליד איבער לידער" זעען מיר א זיך בייטנדיקע שטימונג. מיר געפינען זיך צווישן גליק און פארצווייפלונג, צווישן דער מילדע נאטור־עמפינדליכקייט פונעם פרילינג און דער שווערער הארבסט־שטימונג, און דאָס סימבאָליזירט דעם גאנצן פּראָצעס ארום וועלכן עס דרייט זיך דער ראָד פון דער אידישער געשיכטע.

די שענסטע מאָמענטן אין אונדזער אידישער געשיכטע זיינען וועלטליך, מענטשליך. אין זיי שפּיגעלט זיך אָפּ דער גאַנג פון דער אלגעמיינער געשיכטע.

מיטן אָנקומען פון ערוואַרטעטן זומער, באמערקט זיך א זעלטענע ערשיי־נונג, די גאנצע אטמאָספערע איז פול מיט מוט און באפרייאונג, אַלץ ווערט דערלייזט און זעלבסשטענדיק, און פאַרן צושויער וויקעלט זיך אויף א הער־ליכע פאנאָראמע, און ס'שטראַלט ארויס דער „זמן חרותינו".

און ווען מען קוקט זיך צו און מען אנאַליזירט, וואָס דערציילן אונדז די טעג פון פארגאנגענהייט און מיט וואָס זענען זיי פאַרבונדן מיט יענע דורות, ווען אונדזערע אור־עלטערן האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק פריי ארויסגעמארשירט פון מצרים, דעם שווערן גלות־יאָך אראָפּגעוואָרפן, די באַ־פרייאונגס זון האָט אויפגעשיינט, און אין א שיינעם פרימאָרגן איז די וועלט פאַר א געשעענעם פאקט געשטאַנען, אַז: „ובני ישראל יוצאים ביד רמה" (שמות י"ד ח'). אָט די וואונדערבארע געשיכטע פון משהן און דעם עפּאָס פון מצרים, — קאָן מען זייער לייכט זיך אויסמאָלן, אז אָט די מערקווירדיקע

געשיכטע, וואָס דער חומש דערציילט אונדז האָט פּאַסירט אַזוי ווי עס שטייט אין דער תורה און יציאת מצרים איז מיט אייביק־גאָלדענער שריפט איינגע־קריצט אינעם פאָלקס־האַרץ און ישראל פילט זיך מיטן באַפרייאונגס אַקט איבערגליקליך.

וואָס דערציילט אונדז די געשיכטע פון יציאת מצרים?

א שבט פון אזיע — אַריבערגעקומען פון דעם מדבר, ארונטערגעלאָזט זיך פון די בערג פון כנען אין דעם טאָג פון נילוס — געוואָרן דאָרט א מאכט— דערנאָך געפאַלן. פּרעה מלך מצרים, א טיראן, א סאדיסט, ווען עס פלעגט זיך פארגלוסטן צו באָדן אין בלוט פון אידישע קינדער, פארשקלאפט דאָס גאנצע אידישע פאָלק. ער האָט די אידן געמאכט פאַר ליים־קנעטער און ציגעל־ברענער. געשלעפּט שטיינער — די מאסיווע, שווערע גראניט־בלאקן— פאַר די פּיראמידן. ער האָט ארויפגעזעצט אויף זיי שקלאפן־טרייבער, וועלכע האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן. מען האָט זיי געצוואונגען צו טאָן זאכן, וועלכע זיי האָבן ניט געקאָנט און געוואָלט טאָן.

מיר קאָנען זיי זעען אַזוי לעבעדיק, גלייך ווי עס וואָלט געווען היינט — די האלב־נאַקעטע „פּענכן״, די „אַזיאטען״, ווי זיי שטייען אונטער דער ברע־נענדיקער זון אויף די זאמד־פלאַכן ביי גיזע — און האַקן די שטיינער און הובלען זיי, און ווי אַנדערע, מחנות, לאנגע קייטן פון ברוינע מענטשן־לייבער, שלעפּן, שלעפּן אויף די פּלייצעס, איינגעבויגן ביז צו דער ערד — אַ שטריק ארום דעם קאָפּ — און צו דעם שטריק אַן איבערמענטשליכער משא.

מיר קאָנען אויך זעען דעם טונקעלן, בראנזענעם מצרי מיט דער בייטש איבער זייערע קעפּ.

עס האָבן אויך ניט געפעלט מוסרים, איבערטראָגער און איבערדער־ציילער פון צווישן די שקלאפן גופא — אָט די דתן ואבירם׳ס, וועלכע פרעסען זיך איין ווי אַ קלעפּיקע קראנקייט אין יעדן געזעלשאפטליכן אָרגאניזם.

און דאָרט — פון דער שטאָדט — פון מעמפיס — אַ הויכער שטאָלצער, סטרונע־גלייכער מדבר־זון, מיט א שווארצן מאנטל אויפן קאָפּ, א מין פאַ־טשיילע, פארבונדן מיט צוויי שווארצע שנורן — קומט צו, קוקט זיך איין, קאָן ניט פארטראָגן די שאנד פון זיינע ברידער — און ער הרג׳עט דעם מצרי און פארשיט אים מיט דעם הייסן זאמד.

און געקומען איז ער, דער פרייהייטס־קעמפער, משה בן עמרם, און האָט געוועקט דעם פּראָטעסט־געפיל ביי שקלאַפן, האָט זיי געמינטערט און גערופן צו פרייהייט, האָבן די דתן ואבירם׳ס אים געשטערט, גע׳מסר׳ט אויף אים. האָבן פרעה און זיינע משרתים אים פאַרפאָלגט און פאַרטריבן, אָבער מענטשן, וואָס קומען אין נאָמען פון ג־ט, אין נאָמען פון אַן אידעאַל, קאָן מען ניט באַזייטיקן. טרייבט מען זיי אַרויס דורכן טיר, קומען זיי צוריק דורכן פענסטער און מיט מער כח, מיט מער מוט.

משה האָט אַזוי לאַנג אַגיטירט, אַזוי לאַנג גערופן און געוועקט, ביז וואַנען די שקלאַפן האָבן צעריסן זייערע קייטן און זיינען געוואָרן פריי, בני־חורין.

די איבערנאַטירליכע נסים פון דער גאולה איז געווען נישט בלויז גע־צילט אויף הומריות׳דיקער און קערפּערלעכער באַפרייאונג, וואָס דערצו זאָל כביכול דאַרפן אָנווענדן דעם „יד החזקה״ און „זרוע הנטוי׳״, — נאָר הויפּטזעכליך האָט זיך עס געהאַנדעלט וועגן אצילות, רוחניות, אָפּצוראַטעווען די אידישע נשמות, — אָט די לעצטע וועלכע האָבן אינעם תהום פון שמוץ געזונקען, „משוקע במ״ט שערי טומאה״, אָט דאָס גייסטיקע, וואָס האָט נאָך קוים, קוים געצאַנקט, און נאָר דאָס האָט מען געדאַרפט רעטן, די אַזוי קראַנקע צעשמעטערטע נשמות, — מיט׳ן תורה באַלזאַם היילן, און דאָס פינסטערניש פונעם חושך מצרים — מיטן נר מצוה באַלייכטן, און די פּאַראַליזירטע גופים — א דערקוויקונג געבן און אין דעם זין איז די תורה דער ריכטיקער באַפרייער פונעם שונא און באַדריקער, ווי די חז״ל זאָגן: „אל תקרא חרות אלא חירות״ (עירובין נ״ד).

דער קלאַנג פון די קייטן איז דאַרום פאַרביטן געוואָרן אויף פרייהייט געזאַנגען, אין א שיר צו ג־ט ברוך הוא, צום אידעאַל.

שפּיגלט זיך ניט אָפּ אין אָט דער אידישער געשיכטע די גאַנצע גע־שיכטע פון דער מענטשהייט, איר שטרעבן און איר קאַמף פאַר פרייהייט?

* * *

פסח, ווי געזאָגט, איז נישט נאָר דער פרייהייטס־יום־טוב פון קערפּער־לעכער פערשקלאַפונג, נאָר נאָך מער, פון נשמה־פאַרשקלאַפונג. און כאָטש פאַר דער דערלייזונג פון קערפּער קען דער יום־טוב פאַר אונדז נישט זיין

אַזוי פרייליך, ווייל מיר זענען היינט אויך אין גלות, און די פרעה׳ס אין יעדן לאנד ווילן אויך היינט פארפייניקן דאָס אידישע פאָלק, זיך באָדן אין זייער בלוט, אידן זאָלן פאַר זיי אויסבויען פיסום ורעמסס, — אָבער אונדזער גייסט קען היינט פריי זיין.

ווען מיר זאָלן גוט באטראכטען די גרויסע היסטאָרישע פאסירונג, זיך צוהערן צו דער געטלעכער לערע פון משה רבינו, קענען מיר היינט אויך זיין גייסטיק „בני חורין״. מיר וואָלטן געקענט ערפילן אונדזער גרויסער מיסיע, וואָס די השגחה עליונה האָט אויף אונדז ארויפגעלייגט:

צו זיין א „ממלכת כהנים וגוי קדוש״, — א וועג־ווייזער פון פרייהייט און גליק. אז מיר זאָלן מיט אונדזערע הייליקייטן, מיט אונדזער לעבנס־אנשויאונג, וואָס הארמאָניזירט מיט דעם תורה־אידעאל, טריאומפירן איבער די באנקראָטירטע אידעאלן און קולטורן.

ווארים פריי וועט די מענטשהייט קיינמאָל ניט זיין, סיידן זי וועט נעמען לערנען און לעבן לויט דער אָנווייזונג פון אונדזער תורה און וועט פאַרווירקליכן די רייד פון די אידישע נביאים.

אנכי ה'
לא יהיה
לא תשא
זכר אם
כבד את
לא תרצח
לא תנאף
לא תגנב
לא תענה
לא תחמד
W. Gottesman

שבועות

א.

מיר פייערן דעם הייליקן יום־טוב שבועות. שבועות מער ווי אַלע אידישע ימים טובים, ענטהאַלט אין זיך מער קדושה, הויכע פּרינציפּן און לערנט אונדז ווי צו לעבן אַלס גאַנצע אידן, אַ לעבן פון גייסטיקער פאָלקאָ־מענהייט.

שבועות — דער יום־טוב וועלכער שוועבט דורך דער אומענדליכער אייביקייט, די הייליקע געטליכע מאַטיוון פון בארג סיני, ווען די וועלט האָט דערוואַכט, אויפגעציטערט; מענטש האָט אויפגעברויזט, אויפגעצאַפּעלט: הימל און ערד האָבן זייער טאָג־טעגליכע באַוועגונג אָפּגעשטעלט, שטורמיקע ים־כוואַליעס — זייער שטראָם; פויגל האָבן זייער צוויטשען איבער־געריסן, חיות — זייער ברומען...

און געשטאַנען איז דאָס דורשטיקע אָפענהערציגע פאָלק ביים ברעג פון בארג סיני און געלעכצט צו יענעם „אור", וואָס איז נגנז געוואָרן אונטערן כסא הכבוד. און דערפילט האָט די אידישע פאָלקס־נשמה דעם מעכטיקן אויפברויז, זיך דורכצושניידן מיט דער גאַנצער ענערגיע צום כסא הכבוד און פון דאָרט באַשטראַלט צו ווערן מיטן „אור" פון „ממלכת כהנים וגוי קדוש".

דאָס הארץ פון „כנסת ישראל" האָט געציטערט און געפלאַטערט, ווען פון צווישן די קולות־וברקים האָט אויפגעבליצט דאָס אייביקע ליכט...

כביכול האָט דעם אויסגעוויילטן פאָלק סודות פון ששת־ימי־בראשית איבערגעגעבן, און דערנאָך צו אים אַזוי געזאָגט: —

„זע, איך גיב דיר אַ פייער פון מיין כסא הכבוד, א פלאַם פייער, זאָלסט מיט אים גיין אין דעם גרויסן וועלט־מדבר, פון מזרח ביז מערב, פון צפון ביז דרום און זאָלסט אָנצינדן אלע וועלט־עקן, ביז די גאַנצע וועלט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין א העליש־געטליך־פייער, און אַלעמענס הערצער פון אַלע פעלקער און שבטים זאָלן זיין געווענדעט צום כסא־הכבוד, און אלע זאָלן זיך בוקן צו מיר, צו מיר, וואָס איך האָב אייך אַרויסגענומען פון מצרים און אויף מיינע פליגל אייך געטראָגן, ווי א מוטער טראָגט איר קינד".

אלץ האָט ציטערנדיק און שטוינענדיק זיך צוגעהערט צום געטלעכן, וועלטן צושמעטערנדיקן און וועלטן בויענדיקן שטים, וואָס האָט דורך קולות־וברקים צום מענטשן אראָפּגענידערט: — „אנכי״!!

און באַנייט איז געוואָרן די וועלט, דערפרייט איז געוואָרן די בריאה, אויפגעשטראלט האָט דאָס לעבן, אַלץ איז מיט א טל של תחיה באפייכט גע־וואָרן. — עס איז געווען יענע גליקלעכע, דערהאבענע שעה פון עלית־הנשמה, התעלות: די שעה פון התגלות, פון דער געטלעכער אנטפלעקונג. — דאָס געטליכע וואָרט האָט מיט דער מענטשלעכער נשמה זיך באהעפט...

דאן האָט דער מענטש זיין איך דערפילט, דאָס לעבן פארשטאַנען און זיין פליכט באגריפן. ערשט דאן האָט ער דערשפירט די באפרייאונג פון קייטן, וואָס האָבן דורות לאנג געדריקט אויף זיין האלדז און נשמה, לייכטנדיקע קרוינען זיינען אויף זיין קאָפּ אַנגעטאָן געוואָרן, און הויך און מעכטיק האָט איבערן גאַנצן וועלט חלל אָפּגעקלונגען: „אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים״!...

דאָס אייביקע ליכט, אונטער דעם דאַזיקן וועלט־היסטאָרישן באדייטונגס־פולן אקט איז ווי אַ רעפלעקטאָר אויף דער ערד געפאלן, פאַר א פאָלק מיט גייסטיק נידעריקן צושטאַנד, וואָס זיינע חיהשע אינסטינקטן און שטורמישע ליידנשאפטליכע נייגונגען האָבן געמוזט פארשווינדן פאַרן אויפשיינענדיקן ליכטיקן מאָרגן, וואָס מאַכט פעאיק צו פירען א הימליש ארט לעבן אויף דער ערד, צום אייביקן גליק.

* * *

דאָס געקרוינטע אידישע פאָלק האָט זיין מיסיע אָנגעפאנגען צו דער־פילן, דורך פייער־פלאמען און דורך ימים איז דאָס פאָלק געגאנגען מדבר איין, מדבר אויס דורך בערגער און טאָלן, דורך גריבער פון היילן, מיט ג־טס פייער אין דער האנט, די פעלקער צו לערנען ג־טס וואָרט און זיי אָנצואווייזן דעם ריכטיקן וועג.

מיט א ריטערליכן אימפעט שניידט זיך דורך דער פעלזן־פעסטער „ישראל סבא״, דורך די פינסטערסטע גלות־לאבירינטן אין קאַמף פאַר זיין תורה.

„וקול השופר הולך וחזק״ — עס שאלן, עס הילכן די קלאנגען פון געט־לעכן שופר־קול און דרינגען אַריין אין די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה.

און ניט נאָר אין דעם הייליקן, ערהאבענעם מאָמענט פון מעמד הר סיני ווערן זיי געהערט, נאָר אויך שפּעטער, שטענדיק, אייביק, דורך אַלע דורות, אלע צייטן און תקופות פון אידישן לעבן, — ווערט ווידערהאָלט דער אָפּ־קלאנג פון „קול השופר״; עס גלאנצט אָפּ א שטראל פון יענער גרויסער הר סיני ליכט.

„הולך וחזק מאד״ — „לא כמנהגו של הדיוט וכו׳, אבל כאן הולך וחזק מאד״ (יתרו, י״ט, רש״י), ניט ווי דער אויפבליץ פון א מענטשלעכער אידעע, וואָס שטראלט אויף אין אָנהויב און וועפּט זיך אויס מיט דער צייט, ווערט פאַרוועלקט און פאַרוויאנעט אין טאָג־טעגליכן לעבן, — נאָר עס איז דער אייביקער געטלעכער פלאַם, וואָס שטראלט אויף שטענדיק און אייביק דורכן טאָג־טעגלעכן לעבן און איבער אלע דורות און תקופות. אַן אייביקע התלהבות, האָט עס אין אידישע הערצער אָנגעצונדן.

נעמט און מישט דורך די אין בלוט דערכגעווייקטע בלעטער פון אונדזער געשיכטע, הערט זיך צו צו דעם אָטעם פון דורות, נעמט אויף די קלאַנגען פון די לעצטע „אחד״ אויסגעשרייען פון אונדזערע קדושים, דאַן וועט איר דערשפּירן און דערהערן אין זיי דעם אייביקן אָפּקלאנג פון געטלעכן קול־השופר.

* * *

אויב פארבלאָנדזשעט האָבן מיר ערגעץ וואו אין די מ״ט שערי טומאה, פארקראָכן און אונדזער צלם־אלקים פארשוועכט, דאַרפן מיר אָבער געדיינקען, אַז ערגעץ וואו אין די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה טליעט א הייליקער געטלעכער פונק, הילכט אָפּ דער אָפּקלאנג פון דער געטלעכער שטים, וואָס אונדזער נשמה האָט אין זיך ארייגעזאפּט ביים מעמד הר סיני. און אויב מיר וועלן זיך צו דער שטים צוהערן און דעם פונק אויפבלאָזן, וועט עס אין אַ לויכטענדיקן פאקל פאַרוואנדלט ווערן, ווייל עס איז דער אייביקער אָפּקלאנג פון קול השופר, וואָס איז הולך וחזק...

* * *

עס בלאָנקעט אום א פאָלק אין א גלות, דערדריקט און פארשקלאפט. ס׳קומען מאָמענטן פון יאוש און פאַרצווייפלונג, דאַן שטראלט אויף מיט אמאָל די דערמאָנונג אין יענעם גרויסן טאָג, און עס הילכט אָפּ צוריק אין יעדן אידן,

יעדע צייט און יעדן דור, דער „קול השופר״. דער אָפּקלאַנג פון געטליכן „אנכי״, — פון מתן תורה!

אונדזער מיסיע איז נאָך ביים לעבן. די וועלט קען אנדערש ניט געראַטעוועט ווערן ווי דורך דעם אידנס ווידערגעבורט, דורך א ווידער־אויפלעבונג פון גייסטיקן לעבן.

אָבער דאָס ליכט האָט לײדער ביי אונדז אויך אראָפּגעלאָזן נידעריקער. מיר האָבן געדינט פאַלשע בלענדענדע ליכט, וועמעס שיין איז נישט געווען פונעם ליכט פון הימל. אונדזער ערשטער ארבייט איז צוריק זיכער צו באַפעסטיקן אונדזער עטיק. מיר פארמאָגן נאָך דעם פּאָטענציעלן כח אָבער איידער מיר קענען היילען אנדערע, מוזן מיר צוערשט זיך אַליין היילען.

שבועות — דער יום־טוב פון מתן־תורה, איז אַ פּאַרקערפּערונג פון אידישער געשיכטע און דאַרף דעם אידן צושמידן און איינפלאַנצן אין דער אַלטער סיני־וועלט אַזוי אַז די פאַרגאנגענהייט זאָל וואָס מער באאיינפלוסן דעם היינטיקן לעבן.

שבועות

ב.

„אם לא בריתי — חוקת שמים וארץ
לא שמתי״.

אויב אַלע אנדערע פעלקער באזירן זייער עקזיסטענץ נאָר אויף פיזי־שער מאכט, איז ביי אונדז אידן גאנץ אנדערש. דער אידישער **כח** איז אַ זעלטענער, איבערנאטירליכער, ניט אלע האָבן דאָס, ניט אלע פארמאָגן אזא כח.

דערפאר איז עס זייער כאראקטעריסטיש פאַר פייערונג פון יום־טוב שבועות, דער יום־טוב פון מדבר.

ווילן מיר אָבער וויסן די ריכטיקע באדייטונג פונעם יום־טוב שבועות, דארף מען גאָר טיף ארייַנדרינגען און אבזערווירן כדי צו דערזען דעם תוך פון דעם יום־טוב, די אידישע אויפפאַסונג וועגן נאַציאָנאלער אייגנארטיקייט, פרייהייט. ווייל אַזוי ארום האָט דאן ישראל, מיטן מדבר יום־טוב, גערעטעוועט זיין עקזיסטענץ און פאַרזיכערט זיין „דאָזיין״ אויף לאנגע צייטן.

דער מדבר יום־טוב איז געוואָרן א סימבאָל פאַר דער עקזיסטענץ פונעם גוף פון ישראל און א הייל־געטראנק פאַר זיינע אויסגעטריקענטע ביינער.

וואָס איז טאקע די טיפע באדייטונג און וואָס לערנט אונדז דער מדבר יום־טוב — שבועות? פארוואָס איז דאָס דער וויכטיקסטער יום־טוב ביים אידישן פאָלק?

* * *

פארלאָזט האָט דאָס אידישע פאָלק זיין תפיסה. עס האָט איבערגעלעבט דעם גרויסן באפרייאונגס־אקט, דעם דערלייזונגס־פּראָצעס. מיט א געהויבענע קאָפּ האָט דאָס פאָלק געפייערט דעם „חג המצות״ — דעם יום טוב פון באַ־פרייאונג.

וואָס איז דער ציל פון דער איצטיקער באפרייאונג? א פרייער, אומ־אָפּהייגיקער לעבן, אינעם צוגעזאָגטן לאנד, אינעם לאנד פון די אבות. אָט דאָרט, אויף אייגענער ערד, ביים אייגענעם טייך און בוים, וועט דאָס פאָלק פייערן זיין „חג האסיף״ — דעם יום־טוב פון זעלבסשטענדיקייט.

מעבדות לחרות — פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, פון אָפּהענגיקייט — צו זעלבסטשטענדיקייט. אַזוי דאַרף טאַקע זיי דער וועג פאַר אזא פאָלק, קוקענדיג אויף באפרייאונג, פעלקערליכע, ווי אַלגעמיין מענטשלעכע, פון יענעם שטאנדפונקט, לויט וועלכן מיר „ציוויליזירטע" פון צוואנציקסטן יאָר־הונדערט האָבן לעצטענס דורכגעמאכט די גרויסע, היסטאָרישע פעלקער־עמאנציפּאציע.

יאָ, עס איז נאטירליך אַזוי. עס איז אָבער אַזוי ניט געווען. אנשטאָט דעם דאָזיקן דירעקטן , גלייכן און „נאטירליכן" וועג וואָס פירט פון דער באפרייאונג צו זעלבסטשטענדיקייט — האָט זיך דאָס פאָלק אָוועקגענומען אויפן קרומען „אומנאטירליכן" און אויף נסים אויסגעשטעלטן וועג: אין דעם וויסטן מדבר אַריין.

אָט אין דעם דריקט זיך אויס די אָריגינעל־אידישע אידעאָלאָגיע פון באפרייאונג און אומאָפּהייגיקייט, און דעריבער האָט דאָס פאָלק געפייערט דעם יום טוב פון מדבר.

* * *

מ'ווארפט אונדז פאָר „אתה־בחרתנו'איזם", דערמיט מיינען זיי אונדזער כלומרשטן „שאָוויניזם", „אולטרא־שאָוויניזם". זיי, ווידער, זיינען, משמעות, ניט קיין שאָוויניסטן. לאָמיר טאַקע באטראכטען די גרויסע, היסטאָרישע פעלקער־עמאנציפּאַציע פון אונדזער צייט. זיי זיינען געגאנגען מיטן „נאטירליכן" וועג. קיינער פון זיי האָט זיך ניט אראָפּגעכאפּט, אויפן מיטן וועג פון באפרייאונג, ערגעץ אין אַ מדבר אַריין, ווייט, ווייט פונעם הו־האַ לעבן, אויף א פערציק יאָר, כדי זיך צו באטראכטן וועגן נייעם לעבן, וואָס עס שטייט זיי פאָר.

און דער סך־הכל, וואו איז דער פאזיטיווער מאָמענט? וואָס איז דאָס גוטע וואָס די באפרייאונג האָט געבראכט דעם פאָלק?

יעדעס פאָלק האָט זיך אָפּגעשלאָסן, ארומגערינגעלט מיט שטארקע איזאָ־לאציע־ווענט, איבערלאָזענדיק אָפן נאָר די טויערן, אויף די יסודות פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער עקאָנאָמיק. און כאָטש אָפּטמאָל קומט זיי אויס זעלבסט צו ליידן דערפון, ניט קאָנענדיג באקומען די נויטיקע לעבנס־פּראָדוקטן צוליב די טאריפן, וואָס פארשווערן דעם פּראָדוקטן־טויש, ווייל —

אזוי פאָדערט די נאַציאָנאַלע ווירדע. וואָס הייסט עס עפּעס, איך זאָל מיינע נאַציאָנאַלע פּראָדוקטן אָפּגעבן יענעם בחצי־חנם?!...

אָבער צו הייסט דען אַזעלכעס באפרייאונג? צו הייסט עס ניט פאַר־שקלאַפט דעם אייגענעם צד־מענטש צום צד־נאַציאָנאַליסט? צו הייסט עס ניט אראָפּגעוואָרפן דעם פרעמדן יאָך און ווערן אַן עבד ביי זיך זעלבסט?

דאָס איז ערדישער נאַציאָנאַליזם. אונדזער „אתה־בחרתנו׳איזם״ איז אַ ריין גייסטיקער נאַציאָנאַליזם. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט איז נאָר דאָן פון גרויסער וויכטיקייט, ווען פון אים איז פאַראַן עפּעס וואָס צו לערנען. אָבער ניט ווען ער ווערט אַ דעספּאָטישער הערשער, וועלכער פאַרוואַנדעלט דיך אין זיינעם אַן עבד.

אידישער נאַציאָנאַליזם איז מעגליך אפילו זייענדיג אינגאנצן אָפּגעריסן פון ערד, אפילו אין אַ מדבר, ווייל אידישער נאַציאָנאַליזם הייסט: גייסטיקע פאָלקאָמענהייט, און דאָס איז אמבעסטן סימבאָליזירט אין — דעם יום־טוב פון מדבר.

* * *

און איצט צום צוויטן עקסטרעם. אונדזער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלן דורכן שטורמישען דראַנג צו פרייהייט פון א קלאַס, וועלכער ווערט אומברחמנות׳דיג עקספּלואַטירט. דאָס איז דער „אינטערנאַציאָנאַלער שאָווי־ניזם״ פונעם ארבייטער קלאַס. דער דאָזיקער „אינטערנאַציאָנאַליזם״ איז אַ טעאָריע וואָס איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט, און די מאָס, מיט וועלכער די דאָזיקע „גלייכהייט״ ווערט געמאָסטן, איז — ארבייט. די פאָרמולע איז: „ארבייט בארעכטיגט דיין לעבן״.

די דאָזיקע טעאָריע גלויבט אַזוי ארום צו שאפן דעם ריכטיקן אופן פון פרידלעכן מענטשלעכן צוזאמענלעבן.

די טעאָריע איז יושר׳דיג, זי איז אָבער ניט אמת. מעסטענדיג דאָס לעבן לויטן ערך פון דער אַרבייט, וואָס דאָס דאָזיקע לעבן האָט געשאפן, רויבט מען דאמיט אוועקביים לעבן זיין אייגענע ווערט. דאָס לעבן, אַלס אזעלכעס, בלייבט דאַן אינגאנצן אינהאלטסלאָז און ציל־לאָז. די פראַגע איז דאַן פּשוט: צו לוינט זיך דען גאָר אינגאנצן אזא „לעבן״, וואָס האָט זעלבסט קיין ווערט ניט?

די אידישע השקפה גייט ארויס פון אַן אנדער שטאנדפונקט. דער פּרינ־ציפּ פאַרן פרידלעכן צוזאמענלעבן פון דער גאנצער מענטשהייט, דאַרף זיין דאָס אבסאָלוטע צופרידן זיין מיטן לעבן. דאַן וועלן שוין ממילא ניט האָבן קיין פּלאַץ די אלע מיספארשטענדענישן, מיט זייערע ביטערע פאָלגן, וועלכע זיינען פאַראַן צווישן יחיד און יחיד, קלאס און קלאס, לויט דער קאָנסטרוק־ציע פון מענטשלעכן צוזאמענלעבן היינט צו טאָג.

די מאָס, מיט וועלכער די דאָזיקע צופרידענהייט ווערט געמאָסטן, איז — הסתפקות. וואָס מער ער איז צופרידן, אַלץ וויניקער פאָדערט דער מענטש. און די פאָרמולע איז: „דער לעבן ווערט באַרעכטיגט דורך דעם לעבן זעלבסט״. דער לעבן אַליין איז דער ציל. דערגרייכן צו גייסטיקער פאָלקאָמענהייט — דאָס איז דער אינהאלט פונעם לעבן.

די דאָזיקע השקפה איז אמבולטסטן אויסגעדריקט געוואָרן דורך די פערציק יאָר מדבר־לעבן. אַן אָרט וואו עס קאָנען ניט פאָרקומען קיין מיספאר־שטענדענישן צווישן מענטש און מענטש, איבער וואָס זאָלן זיי זיך דאָרט קריגן? דאָרט זיינען אויך קיין ארבייטס־מעגליכקייטן ניט פאַראַן, און פערציק יאָר כסדר האָט א מיליאָניקע מאסע ניט געטאָן קיין שום ארבייט! דערפאַר האָבן זיי אָבער דאָרט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון גייסטיקער פאָלקאָ־מענהייט.

דאָס לעבן קויפט מען ניט מיט ארבייט, נאָר מיט גייסטיקער שלימות — אָט דאָס לערנט אונדז דער יום־טוב פון מדבר.

* * *

שבועות — איז אויך דער יום־טוב פון קדושה.

שבועות מאכט דעם טיפן רושם אין האַרץ און דרינגט אַריין אין דער אידישער פאָלקס־נשמה.

אלע הייליקע, דערהאבענע געפילן פון ערנסט און שמחה, מיט וועלכע די ספירה־צייט און דער יום־טוב שבועות באַפרוכפּערט אונדז, ווערן אריינ־געטראָגן אין טאָג טעגליכן לעבן פון אידישן פאָלק.

מיר ווייסן דאָך, אַז גראָד דאָס טעגליכע לעבן איז דאָסווירקליכע לעבן, דורך וועלכן די ימים טובים בכלל און שבועות, דער יום־טוב פון מתן תורה,

בפרט, באקומען ערשט זייער ריכטיקע באדייטונג; אָט אין דעם דאָזיקן טעג־ליכן לעבן דאַרפן רייף ווערן די פּירות, וועלכע מען האָט יום־טוב געזייעט.

שבועות־געזייעטע קערנדלאך — צו עכטע גייסטיקע פּירות — איז אריבערצופלאנצן די שבועות׳דיקע קערנדלאך אין טעגליכן לעבן, זיי זאָלן זיך צעוואקסן אין א שטראָם פון התרוממות און קדושה.

אָט די תורה, אונדזער גלות־באגלייטערן, וואָס קיין שום אומה ולשון, קיין נאציע פארמאָגט נישט, אָט זי איז עס, וואָס „הנותן לך כח לעשות חיל״. לער־נען די תורה און פּראָקלאמירן אירע אידעאלן, אָט דאָס איז געווען, און איז ווייטער, די אויפגאַבע פון דעם אידישן פאָלק. דאָס אויך ראטעוועט אים פון אלע געפארן און גיט אים מוט צו קעמפן ווייטער, אפילו דאמאָלסט, ווען די פינסטערע כמארעס פון די היידען און געצן־דינסט האָבן פארטונקעלט דעם האָריזאָנט, — אָבער ביי אונדז אידן האָט שוין דאמאָלסט געשיינט דאָס הערליכע ליכט, דאָס ליכט פון דעם הייליקן מאָנאָטעאיזם, אחדות אלקות, און דערפאַר האָבן מיר זיך ניט געלאָזן באזיגן.

מיר זיינען געווען די ערשטע, וואָס די השגחה האָט אונדז אויסגעוויילט און אונדז דערהויבן איבער אַלע פעלקער. די הייליקע ארבייט איז אונדז געגעבן געוואָרן, כדי מיר זאָלן טראָגן די ריינע מנורה צו באלייכטן די ערד און אלע אירע באוואוינער, דאָס ליכט פון תורה און אמונה.

אָט מיט דעם גרויסן ליכט זיינען מיר איבערגעגאנגען דעם גרויסן און ברייטן ים. אונדזער בילדונג, וואָס פליסט פון אונדזער תורה, האָט געדינט אַלעס עלעקטריש ליכט פאַר דער גאנצער מענטשהייט. דאָס אידישע פאָלק איז אָרעם און קליין, זיין קערפּער איז שוואך, אָבער זיין גייסט איז געזונט.

וואָס זעען מיר אָבער היינט צו טאָג? צו אונדזער גרויסער שאנד האָבן מיר פאַרגעסן אונדזער מקור, פון וועלכן מיר שטאַמען, אזוי ווייט, אַז עס איז פון אונדז באהאלטן דאָס וויסן, ווער מיר זיינען, וואָס עס איז אונדזער אויפ־גאבע אין לעבן און מיט וואָס אונדזער כח איז גרויס.

מיט די נייע ווינטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין אידישן לעבן און מיט דער באוועגונג צו פאַרוועלטליכן און אַוועקשטעלן דאָס אידישקייט אויף בלויזע רוחניות אָן די מצות מעשיות, — צו זיי זיינען געקומען ווי פריער, אין דער פאָרם פון דער השכלה באוועגונג אָדער, ווי שפּעטער, אין דער פאָרם

פון נאַציאָנאַליזם — האָט זיך דאָס אַלץ געביטן און אַלץ און אַלע ריידן און טוען נאָר פאַר דאָס אידישע פאָלק, פאַרן כלל.

אויך אין דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון רעליגיעזן גייסט און באוואוסטזיין ביים אידן, האָט מען אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן מיטן ארגו־מענט פון כלל, און אויב מען וויל שטאַרק ראַטעווען עפּעס גיט מען צו, אַז דאָס איז דער יסוד פון אידישן פאָלק, אָדער: דאָס קען חלילה אונטערגראָבן דעם יסוד און קיום פון אידישן פאָלק.

דאָס ריידן וועגן כלל, איז נאָר אַן אחיזת עינים, א פאַרבלענדעניש פאַרן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול תורה ומצוות, וואָס איז דאָך דעם יחיד סוף־כל־סוף צו עפּעס מחייב, אין דער צייט, וואָס דאָס איבערבייטן אויף כלל אידיש־קייט, פאַרפליכטעט גאָרניט צו עפּעס ממשות׳דיקייט און יעדער קען אויף דעם אָנטאָן אַן אנדער לבוש, אָדער גאָר פאַרבינדן מיט האַרץ־געפילן, וואָס דאָס איז דאָך געוויס פון אַלעמען פאַרבאָרגן און גיי באַווייז, אַז ער איז ניט ממלא זיין פליכט...

דער יום־טוב שבועות לערנט אונדז פון באַנייען אין אידישקייט דעם יסוד פון פרט, פאַרטיפן און פאַרשפּרייטן דעם באוואוסטזיין, אַז דער פליכט פון א אידן אַלס איד, איז נאָר אַ פליכט לגבי זיך זעלבסט און די קאָנסעקווענצן פון זיינע מעשים טראָגט ער אליין, אַלס יחיד.

דאַן, ווען יעדער יחיד וועט ניט האָבן אין זינען די כלומרשטע טובה פון כלל און וועט ניט ריידן כסדר וועגן זיין פליכט צום פאָלק, — וואָס גיט אים למעשה די מעגליכקייט אַראָפּצוּוואַרפן דעם עול תורה ומצוות און יוצא זיין פאַר אידישקייט מיט דברים של מה בכך און מיט א צו גאָרניט פאַרפליכ־טנדיקער ליבעס־ערקלערונג צום כלל ישראל — נאָר ער וועט עס אויפ־פאַסן ווי א פּריוואַטן ענין, א חוב לגבי זיך זעלבסט, דאַן וועט ביי אים קומען דער דראַנג צו ממשות׳דיקע עכט אידישע טאַטן, צו מצוות און מעשים טובים. ווייל אפילו איצט, באמערקן מיר די ערשיינונג, אַז דאַן ווען עס וועקט זיך אויף ביי אידן — אפילו ביי אַ ווייטן און אָפּגעפרעמדעטן פון אידישקייט — דער אידישער באוואוסטזיין און דער געפיל צו טאָן עפּעס ממשותדיקעס פאַר אי־דישקייט, דריקט זיך עס אויס אין מצוות מעשיות, כאָטש זיי ווערן אָפט —

צוליב עם הארצות — פאַרקריפּעלט און פאַרביטן אויף אַזוינס וואָס האָט ניט קיין וויכטיקע באַדייטונג.

ווער עס האָט זיך נאָר פאַרטיפט אין דעם גייסטיקן מהות פון דעם אידן אין די פאָריגע דורות, ווען אַלץ איז רעגולירט געוואָרן פון עכטן אידישן תורה־באַוואוסטזיין, דער האָט געוויס געקענט באַמערקן, אַז דער איד איז אין אַלע זיינע מעשים און פליכטס־דערפילונגען, הן פאַר זיך ווי פאַרן כלל, אַרויס־געגאַנגען פון אַ דורכאויס אינדיווידועלן שטאַנדפּונקט און האָט זיך געפירט שטענדיק, אזוי צו זאָגן, א פּריוואַטן לעבן.

האָט ער זיינע קינדער תורה געלערנט און אלס שומרי־תורה ערצויגן, איז עס געווען, ווייל דאָס איז זיין פּריוואַטער חוב אלס איד. האָט ער צדקה געגעבן אָדער חסד געטאָן, איז עס געווען פאַר זיין אייגענעם אידישן איך, ווייל געפילט און געוואוסט האָט דער איד, אַז ווען ער טוט דאָס ניט, דאַן איז עפּעס מיט זיין אידישקייט ניט גאָר אין אָרדנונג און דאָס קען גורם זיין דאָס פאַרלירן דעם אייגענעם קיום אין דער אייביקייט.

האָט ווער זיך פאַרנומען מיט כלל און פאַרן כלל, זיין צייט און מי אוועק־געגעבן — און אַזעלכע האָבן מיר אידן אין די פריערדיקע דורות געהאַט זייער און זייער פיל, — האָט אים אויך דערצו באַוואויגן זיין פליכטס־באַוואוסטזיין צו זיך זעלבסט, אַלס א יחיד, און דער דאָזיקער ריין פּריוואַטער פליכטס־באַ־וואוסטזיין האָט אים דיקטירט צו די גרעסטע מעשי החסד.

דער דאָזיקער דעוויז פון פּרט־אידישקייט, וועלכן מיר האָבן אויסגעשריען ביים באַרג סיני, באַגלייט אונדזער גאַנצן לעבן.

אָט דאָס איז געווען און איז דער סוד פון אונדזער העלדישער אויסהאַל־טעוודיקייט. דאָס איז דער באַשייד פון דער רעטעניש וועגן דעם וואונדער־באַרן קיום פון אידישן פאָלק. דאָ ליגט דער סוד פון דעם אידישן נצחון און זיין שווערען קאַמף מיט די פאַרשיידענע עבודה זרה׳ס, אין אַלע צייטן, במשך פון טויזנטער יאָרן.

דער יום־טוב שבועות סימבאָליזירט אונדזער קראַפט פון עקזיסטענץ און גיט אונדז אַן ענטפער אויף אַלע לעבנס־ערשיינונגען. לאָמיר זיין געהאָרכ־זאַם אין ערפילן אונדזערע פליכטן צו זיך זעלבסט און דאָס וועט פאַרזיכערן אונדזער עקזיסטענץ!

שבועות

ג.

קיין פאָלק קען מען ניט מעסטן מיט איין מאָס, אריינפּאַסן אין איין ראם. דאָס ווירקליכע לעבן איז צו רייך, אָבער פונדעסטוועגן קען מען אָפּט, ווען מען קוקט זיך צו טיפער, אונטערשיידן דעם וועג פון א פּאָלקס־קולטור.

אין דעם „נעשה ונשמע״ ליגט די כאראקטעריסטיק פון דער אידישער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע.

די באדייטונג פון „נעשה ונשמע״ איז אין אַ געוויסן זין אנאלאָגיש צום „לא המדרש עיקר — אלא המעשה״. דער עיקר העיקרים איז: לעבעדיקע מעשים און פאקטישע טאטן.

„סוף מעשה במחשבה תחילה״, — די טאט וועלכע איז די ענדע האָט איר אָנפאנג אין געדאנק, זאָגט א גרויסער רעליגיעזער פּאָעט אין איינע פון די שיינע שבת׳דיקע תפילות. עס זיינען די געדאנקען וועלכע רופן צו טאטן און ווערן ענדליך פאַרקערפּערט אין לעבעדיקע ווייטער־שאפנדיקע מעשים.

די גאנצע אלט־אידישע ליטעראטור ווייזט, אַז דער עיקר זיינען מעשים, ווי עס שטייט: „אדם עושה בידיו והקב״ה מברך מעשי ידיו״ (מדרש תהלים קל״ו). „אדם צריך לעמול בשתי ידיו והקב״ה שולח את ברכתו״ (תנחומא ויצא י״ג) א. א. וו.

די אייגנארטיקע, ווארצלדיקע קראַפט פון אידנטום און זיין גייסטיק־רעליגיעזער און דערפאר וועלט־פארנעמיקער קוואליטעט, איז דער סימבאָל פון „נעשה ונשמע״.

דער נעשה ונשמע געדאנק איז פון שטופע צו שטופע געוואָרן דורכאויס אָן אָריגינעלע דערשיינונג, וועלכע איז אין דעם אידנס געשטאַלט און אויף איר העכסטן צו דאָס גרעסטע, וואָס די מענטשהייט האָט פון זיך אַרויסגע־בראכט.

א סימבאָל איז נעשה ונשמע געווען, פון הונדערטער דורות איין ליניע, וואָס פירט ביז צו דעם סוף פון די צייטן. דאכט זיך, אלטע ווערטער, זיי האָבן אָבער געשאפן אין זייער גאנצקייט אַן אייגנארטיקע השפעה. אַזוי אָפּגרונט — טיף, אור־קוועליק.

נאָך היינט שטייט דאָס אידישע פאָלק און דאָס וואָס איז פון אים אַרויס־געוואקסן אונטער דער השפעה פון יענער אייגנאַרטיקער, געוואַלדיגסטער ערשיינונג, וואָס א פאָלקס־לעבן האָט ווען עס איז ארויסגעבראַכט פון זיך.

ניט דער בלויזער אידעאַל אָדער וועלט אויפפאסונג ווערט ביים אידן באטראכט אַלס הויפּט פונדאמענט פאַר דער רעאַליזירונג פון זיין רעליגיע, נאָר די מעשים, דאָס אַנווענדן דעם אידעאַל אין פּראַקטישן לעבן אַלס אמתע פליכטן, וועלכע מען טאָר קיינמאָל ניט פאַרנאכלעסיקן און גרינגשאַצן.

און ניט קוקענדיג אויף די גרויזאַמקייטן, וואָס עס לעבט איצט איבער די אידישע אומה, שטייט דאָך יעדער איד, ווי אַ געטרייער מוטיקער קעמפער פאַר זיין לעבנס־אידעאַל, דער אידעאַל, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר א קאַמ־פּלעקס פון אויפגאַבן און פליכטן, און איז זיי מקיים דוקא דורך ארבייט און ניט נאָר וואָס ער איז דיסציפּלינירט אין דערפילן זיינע פליכטן, נאָר א דאַנק די דאָזיקע פליכטן, האָט ער שוין אויך א באַשטימטן צוועק אין לעבן און אַ קלאָרע וועלט־אַנשויאונג, וועלכע גיט אים אַן ענטפער אויף אַלע לעבנס־ערשיינונגען.

דער עיקר איז, די גייסטיקע — פּסיכאָלאָגישע — אייגנשאַפטן.

די אידישע צופרידענהייט פונעם לעבן איז — הסתפקות. אמונה, גלויבן לעבט אין אונדז. דורך אונדז. זי איז ניט קיין ווייטער, פרעמדער כח, וואָס באַצווינגט אונדז פון דרויסן. הייליקייט איז אין לעבן מער, ווי אַמאָל אין לערנען... קדושה איז אין ריינע כונות, אין גוטע מעשים.

דער רבי ר' שמחה בונם מפשיסחא זאָגט: שמחה מה זו? — עושה — וואָס פאַר א שמחה עס זאָל ניט זיין — עושה, דאַרף מען טאָן. ווייל „דער עיקר זיינען מעשים”.

* * *

דער הויפּט פּרינציפּ פון דער אידישער רעליגיע — איז צו טויטן ספקות, צווייפעל. דערפאַר פריער „נעשה”, ווייל דעם אידנס אידעע איז ניט אין צווייפלען, נאָר פון גלויבן, — טאָן און ניט פרעגן.

די געדאַנקען, ווידער, און רעגונגען וואָס רייסען זיך און וועקן זיך, און קאָנען ניט זאָגן וואָס זיי ווילן, און ווער זיי זיינען, זיינען ניט אזוי וויכטיק. דער עיקר איז מעשה.

דער איד איז אָבער זעלבסטשטענדיק, ער טראָגט אויף זיך די אויפגאַבן און די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר זיינע מעשים.

אין דעם אידן לעבט דאָס פעסטע באוואוסטזיין פון מוזן. ניט דער פרייער ווילן אָדער די אייגענע בייגונג האָט זיי געטריבן צום נעשה ונשמע, נאָר דער העכערער מוז, דער צוואַנג פון אַ קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, וואָס קומט אויף זיי מיט געוואַלד און באַצווינגט זיי מיט אַ שטאַרקער מאַכט און ציט זיי אַריין אָן זייער ברירה אין דעם דינסט, דאָס הייסט, צו זייער ג־ט.

די מזרח־מענטשן צייכנען זיך אויס מיט זייער אָפּגעלאָזנקייט, פוילקייט און פאַרשלאָפנקייט. דער אָריענטאַלישער מענטש וועט אין אַ יקרות בעסער שטאַרבן פון הונגער איידער טאָן מער אַרבייט. די אָפּגעלאָזענקייט און די אומוויסענהייט איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן ביי אונדז אידן זינט מתן תורה און אַנשטאָט דעם איז ביי אונדז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פעאיקייט צו טעטיקייט אין אַלע צווייגן פון דעם מענטשלעכן דענקען און שאַפן.

דאָס אידישע פאָלק האָט זיך זיין אייגענעם ווערטן־מאַסשטאַב, זיין אייגענע מאָס, וואָס לאָזט זיך ניט אויסדריקן אין די ציפערן און מאָסן פון אַן אַנדער פאָלק.

ווארום דער אידישער נאַציאָנאַליזם איז אַ פאָלשטענדיג פרידליכער. ער איז אין גרונט ניט מער ווי אַ קולטורעלע באַוועגונג. דער אידישער נאַציאָ־נאַליזם איז אַ פּראָטעסט קעגן דער געצוואונגענער אַסימילאַציע, קעגן דער אונטערדריקונג פון דער קולטור און פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

רעליגיע האָט ביי אונדז געשפּילט די ראָלע פון אַ צונויפהאַלטנדיקער און געשטאַלטנדיקער נאַציאָנאַלער קראַפט, ווייל די גאַנצע קולטור־שאַפונג פון דער אידישער נאַציע, פון דעם קאָלעקטיוו אידיש פאָלק, איז געשטאַנען אונטער איר השפעה. און נאָך עד היום שטייט די דאָזיקע שאַפונג צו אַ גאָר גרויסן טייל אונטער דער זעלביקער צונויפהאַלטנדיקער און געשטאַלטנ־דיקער השפעה פון דעם אידישן רעליגיעזן לעבן.

דער באוואוסטזיין קומט כסדר צום אויסדרוק אונטער העכסט מאָראַלישע עפעקטן, און ביי איינצעלנע אונטער אַן אינערליכן ווידערווילן, וואָס מוז אַריינדרינגען אין די טיפענישן פון דער נשמה.

דער איד איז שטענדיק געווען אַזוי מאַלעריש פאַנאַנדערגעשטעלט, מיט אַזעלכע פּערספּעקטיוון און פּאַנאָראַמעס, וואָס האָט געלייגט דעם ווינקעלשטיין פון יושר, רחמנות און יושר פאַר אַלע פעלקער אין אַלע צייטן, אומעטום וואו עס קלאַפּט א מענטשליכע האַרץ.

דערפאַר זיינען די אידישע ווערטן אַלמענטשליך. אונדזערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן זיינען די אייביקע אוניווערסאַלע אידעאַלן — די אידעאַלן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. די אידעאַלן פון צדק און יושר. דער אידישער גייסט איז אוניווערסאַל, אַלוועלטליך.

דער אידישער געזונטער אינסטינקט האָט דערפאַר שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ העפטיקן ווידערשטאַנד און האָט מיט מסירת־נפש געקעמפט פאַר זיינע לעבנס־אידעאַלן.

ווייל, דער איד, האָט אַן אייביק וואַכן געוויסן, וואָס פלאַקערט אויף אין אַ ליידנשאַפטליכן פּראָטעסט אַנטקעגן אַלע פאָרמען פון אונטערדריקונג און מענטשליכער פאַרדאָרבנקייט. זיין דאָרשט איז נאָך פרייהייט און גערעכטיקייט, מיט אַן אונערמידליכן וויסענס־דאָרשט; מיט אַ קלאָרן טעאָרעטישן קאָפּ און אַ תמיד־ברענענדיקן שאַפונגס־דראַנג; מיט אַ גליענד־ליבענדיקן און צערטליך־מיטפילענדן האַרצן.

דאָס זיינען באַגריפן, וואָס זיינען ביים באַרג סיני אַריינגעפירט געוואָרן אין דער אידישער געדאַנקען־וועלט. באַגריפן, וואָס האָבן זי מער ניט פאַרלאָזן. באַגריפן וואָס זיינען געגעבן אין האַרטע, קורצע, אָפּט אָפּגעריסענע ווערטער, אָבער פול מיט אַ הויכן שוואונג און רייך אין זעלטענע בילדער און ווענדונגען.

* * *

ביים באַרג סיני...

די פעלדער און די וועלדער אַרום באַרג סיני, וואָס זיינען געווען נאַקעט, וואָס זיינען געווען ווייט, האָבן זיך אָנגעקליידט מיט גרינער בליעכץ.

עס האָט געבליט אויף די פעלדער און צובליט האָט זיך די גאַנצע וועלט..

דאָס דאָרשטיקע אָפּענהערציקע פאָלק אין געשטאַנען ביים באַרג סיני און געלעכצט מיט אַ נשמה פון אַ מעכטיקן אויפברויז, זיך דורכצושניידן מיט

דער גאנצער אומפאנגס־ענערגיע צום צארטן, אייביק העלישן געטליכן פייער פון הר סיני...

ערגעץ האָט אויסגעבראָכן א בליץ, זיך צעקנאלט א דונער. פון יעדן בליץ איז מיט אמאָל ליכטיק געוואָרן אויף די בערג און טאָלן. עס האָט זיך דער־הערט א דונער, פון וועלכע די גאנצע וועלט האָט אויפגעציטערט... און דאָס פאָלק איז געפאלן מיטן פנים צו דער ערד און האָט זיך געבוקט.

ס׳בליצען מיט בלענדענדע העלקייט. ס׳הילכן קולות מיט פייערליכע התפעלות. עס נעמט דורך אלע הערצער אזא געשפאנטע ערוואַרטונג, ווען עס וועלן באלד דורכשוועבן, דורך דער אומענדליכער אייביקייט, די הייליקע געט־ליכע מאָטיוון, פון בארג סיני...

עפּעס אזוי ווייך... שטיל... און מיט אזא מורא׳דיקע אימה. אזא הייליקער ציטער לויפט דורך דורכן לייב.

א סך זיינען פארזאמלט. יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן, יום־טוב׳דיק גע־שטימט, פול מיט ליבע איינער צום אַנדערן.

אלע פנים׳ער זיינען מיט גוטסקייט באשטראלט. אַלע אויגן פינקלען מיט פרייד, און א געשריי, העלער פון דער פרילינגס־זון אויפן הימל, מעכ־טיקער פון דעם ברויזן פון ים, טראָגט זיך: —

נעשה ונשמע! נעשה ונשמע!...

און הענט ציען זיך צו הענט און הערצער — צו הערצער. נשמות זיינען פאראייניגט.

אלעמענס קעפּ און אלעמענס אויגן זיינען פאַרזונקען. זייערע אלעמענס אויגן זיינען שוין ווידער צועפענט...

עס הילכט אָפּ דער „נעשה ונשמע" אין פארשידענע פלעצער: פון ערגעץ טיף, ווייט און נאָענט...

חלומות זיינען פארשוואונדן געוואָרן, חלומות זיינען ווידער געבוירן געוואָרן...

מענטשן־קינדער, יונג און אלט, טראָגן זיך ארום מיט „נעשה־ונשמע׳־דיקע" הערצער; מיט „נעשה ונשמע׳דיקע" בליקן. אַלץ קוקט אויף אַלץ פיל־פארביק, ניי־געבוירן...

און נאָכדעם איז דער איד טאקע געוואָרן גאָר אַן אנדער מענטש. עפּעס זיינען זיינע אויגן מיט אמאָל ליכטיקער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן קוקען אויף אַלץ אזוי ליכטיק, אַז ער האָט זיך אליין ניט דערקאָנט.

דאָ, ביים בארג סיני, האָבן די וואנדערער אראָפּגעוואָרפן דעם לעצטן אנדענק פון זייער שקלאפעריי און זיינען ניי־געבוירן געוואָרן דורך דער גרויסער לערע וואָס זיי האָבן אָנגענומען, דעם גרויסן אמת וואָס זיי האָבן פּראָקלאמירט, און די פעסטע געזעצן וואָס זיי האָבן אונטערגעשריבן צו פאַרזיכערן זיך קעגן שקלאפעריי, קעגן אומרעכט און קעגן אונטערגאנג אלס פאָלק.

דעם מעמד הר־סיני דאַרף אין אונדזער הארץ ערוועקען ניט נאָר א ים מיט ווארימע געפילן און הייסע ליבענדע עראינערונגען — נאָר וועקן אין אונדז דעם זעלבען מאָטיוו וואָס מיר האָבן אויסגעשריען ביים בארג סיני. דאן וואָלטן פיליכט אלע אונדזערע גייסטיקע אינסטיטוציעס אין אַמעריקא געהאט אַן אנדער געשטאַלט...

תשעה באב

„רבתי בגוים, והלא כבר נאמר רבתי עם, ומה ת״ל רבתי בגוים ? אלא רבתי בדעות.

(מדרש רבה, איכה א׳)

ס׳איז ניטאָ קיין שרעקליכער גורל פאַר א פאָלק, ווי פארלירן די זעלבסשטענדיקייט און אונטערפאַלן אונטער אַ פרעמדער מאכט.

די גרעסטע פיזישע און גייסטיקע יסורים זיינען מיט דעם פארבונדן.

מיט דעם מאָמענט וואָס א פאָלק פארלירט זיין זעלבסטשטנדיקע מלוכה׳־שקייט ווערט ער אָפּגעריסן פון זיין שורש און אריינגעשליידערט אין א תהום פון ליידן און געפארן.

אלץ, וואָס איז מיט שווייס און בלוט דורך דורות געזאמלט געוואָרן, ווערט מיט אמאָל צוטראָגן; אַלץ, וואָס ס׳איז הייליק און געאכטעט, ווערט פאַרשוועכט און צעטראָטן מיט די פיס.

נעכטן אַן אייגענטימער, א בעל־הבית, א באַזיצער, ארומגעוואקסן ביזן האלדז מיט ערד און מיט ווירטשאפט; נעכטן אַן איינציקער בעל דעה־איבער אַ פארמעגן, איבער רעכט, איבער קינדער און איבער א צוקונפט — היינט — חרוב, אין איין פאַטאַלן פרימאָרגן איז אַלץ — הפקר.

די רייכסטע, די העכסט־צעווילדעוועסטע טייוולאַנישע פאנטאזיע קען ניט צוטראכטן א שרעקליכערע לאַגע פאַר א פאָלק, ווי א הפקר־צושטאַנד.

ווער נאָך, ווי מיר — אידן קענען דאָס פארשטיין!!!...

ווי טראגיש אַזא לאגע זאָל ניט זיין, איז זי דאָך ניט לעבנס־געפערליך אויב נאָר דאָס פאָלק בלייבט אינערליך גאַנץ, אינערליך געזונט.

בלייבט דאָס פאָלק אין מאָמענט פון אזא אומגליק גאנץ אין זיין נשמה, בלייבט ער טריי זיינע הייליקטימער און זיין קולטור, פארבלייבט ער א לעבע־דיגעס פאָלק אויך אונטער א פרעמדן יאָך, ווי שווער דער יאָך זאָל ניט אויס־קומען צו זיין.

איכה
ישבה
בדד

דער אונטערדריקער האָט זיין קרבן אריינגעכאפּט בלויז א דאנק זיין ברוטאלער קראפט, בלויז א דאנק דעם, וואָס ער איז פיזיש־שטארקער פון זיין קעגנער, — „קאָרטשעט“ זיך דער אונטערדריקטער אין דרייען פון יסורים, קריכט ער אויף גלאַטע ווענט פון ווייטאָגן, — קיין לעבנס־סכנה איז דאָס אָבער פאָרט ניט.

מיט דער צייט, מיט דער קרייז־וועג פון דער געשיכטע, פאַרלירט דער „שטארקער“ זיינע ציין, פאלט אָפּ פון זיינע אָנגעביילטע פויסטן, און די „שוואכע“ שטאָלענע פעדער פון דער געשיכטע שפּרינגט אויף מיט קראפט און קערט אויס דאָס נאָר־וואָס אונטערדריקטע פאָלק צוריק, אַלס גלייכן אין דער פעלקער־משפּחה.

מיט וואָס פאַר א געטלעכן בליק האָבן דאָס אונדזערע מורים ומדריכים, אין ערשטן מאָמענט פון אונדזער ערשטן „פאָלקס־אומגליק“, אריינגעקוקט אין אָט דער גרויסער לעבנס־געהיימניס!

* * *

„תשעה־באב“, דער ניינטער טאָג אין חודש אב, איז דער גרויסער נאַציאָנאלער טרויער־טאָג פון אידישן פאָלק. די באביליאנער האָבן איינגענומען די הויפּט־שטאָדט ירושלים. פאַרברענט איז געוואָרן דער ערשטער פּראכטפולער שיינער בית־המקדש. אַ סוף איז דאַן געמאכט געוואָרן צו דער אידישער מלוכה, ווייל דער בעסטער טייל פון אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות קיין בבל.

ס׳זיינען אייניקע אידישע אויפשטאַנדען אויסגעבראָכן, האָבן אָבער קיין דויערענדן ערפאָלג ניט געהאט.

אונטערן דרוק פון פארשידענע פאַרפאָלגונגען, רדיפות, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער קאטאסטראָפע פון חורבן ירושלים, זענען די אידן, צושפּרייט און צוזייט געוואָרן איבער דער גאנצער באוואוינטער ערד.

ווען מ׳וואַרפט כאָטש א מינדעסטן בליק אויף דער לאנד־קארטע, זעט מען באלד, אַז די געאָגראַפישע לאגע פון ארץ ישראל איז אַזעלכע, דאָס עס איז אוממעגליך געווען, אַז דאָס דאָזיקע לאנד זאָל ניט ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון יעדער מיטעל־אַזיאַטישער גרויסער מלוכה, אָדער פון א וועלט־אימפעריע, וואָס זאָל ליגן אויפן מיטעללענדישן ים, דערפאַר האָבן

די וועלט־מלוכות חשק געהאט צו ארץ ישראל, — צוליב אירע ים־ברעגען.

דאָס לאַנד יהודה איז בכלל ניט געווען די ערשטע און אויך נישט די לעצטע מלוכה, וועלכע די רוימישע הערשאפט האָט באזיגט.

גרעסערע, שטאַרקערע מלוכות האָבן געמוזט אָפּטרעטען דעם וועג פאַרן רוימישן אָדלער.

און פון דער תקופה פון גלות־בבל איז אונדז געבליבן דאָס גרעסטע לירישע „איכה״ ליד, דאָס קלאָג־ליד פון מענטשליכן ליידן. דער גרעסטער נביא, ירמיהו, איז געזעסן אויף די אשיקע חורבות פון ירושלים און מיט די האַרצ־רייסענדע לידער פון „איכה״ באַקלאָגט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט זיין פאָלק געטראָפן.

דער געוויין און טרויער פון אידישן פאָלק ביי די טייכן פון בבל האָט זיין שטעמפּל אויף אַלע שפּעטערדיקע דורות אַרויפגעלייגט. דער גרויסער צער, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן דורכגעלעבט אין יענעם שרעקליכן חורבן־מאָמענט, איז ביי אונדז שטענדיק לעבן געבליבן.

די אידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייער היימאטס־ארט, דאָס „חלב ודבש״ לאַנד, די תורה, דעם בית המקדש און נאָך בבל געמוזט אויסוואנדערן, און דעם גאנצן פּראָצעס וואָס רופט זיך „גלות״ מיטמאכן; דער נעכטיגער אידי־לישער בירגער — „איש תחת גפנו ותחת תאנתו״, איז געוואָרן ביי דער וועלט פאַררעכענט אַלס נאמאד. און דאָרטן, ביי די „נהרות בבל״, ביי די טייכן וועלכע האָבן געפלאָסן מיט אידיש בלוט, טרערן און שווייס, זיינען די בעקאנטע עלעגיעס, די בעקאנטע קלאָג־לידער באשאפן געוואָרן.

אוועקגערויבט האָט מען ביי די אידן אמאָל זייער זעלבסטשטענדיקע מלוכה!

אָבער היסטאָריש־זיכערע אייניקלאך פון יענע אידן, לעבן נאָך היינט צו טאָג אין די פארשידענע לענדער. ליגט ניט אין דעם עטוואָס באַזונדערס, אויסערגעוויינליכעס?

געוויס!

ווייל דער אידישער געזונטער אינסטינקט האָט שטענדיק ארויסגעוויזן א העפטיקן ווידערשטאנד און מיט מסירת־נפש געקעמפט פאַר זיינע גייסטיקע פּאָזיציעס.

אומזיסט האָט זיך די מענטשהייט פארלייגט אָפּצואווישן פונם ערדישן־שטח דאָס „פינטעלע איד״; אומזיסט האָט נבוכדנאצר זיך אָוועקגעלייגט אויסצורייסן ישראל׳ן פונעם עולם החיים. נבוזראדן,—דער ערשטער מענטשן קצב, — וואָס האָט געשלאכטעט דאָס אידישע פאָלק ביים ערשטן חורבן — האָט געמיינט, אַז מיטן בלוט פון די פרחי־כהונה, וועט ער קאָנען שטילן דאָס זודיקע בלוט פון אַ אידישן נביא, — דער נביא זכריה.

אויב עס איז שווער צו שטילן דאָס בלוט פון איין נביא איז דאָך אודאי שווער צו שטילן דאָס זידנדיקע, פאַרגאָסענע בלוט פון אַ גאנצער הערלאַישער גאלעריע נביאים, מלכים, כהנים... קיינער אין דער וועלט וועט ניט קאָנען שטילן דאָס נקמה־זידנדיקע בלוט פון אַ גאנץ פאָלק, — ניין! ניין!...

„ונקיתי דמם לא נקיתי״ — זייער בלוט קאָן נישט און וועט נישט געשענקט ווערן!!!

און דערפאר טאַקע האָט דאָס אידישע פאָלק, דאָס עלטסטע פון אלע אלטע פעלקער, פארשטאַנען און דערשפירט דעם שרעקלעכן סוד, אז דער אלטקייט באציל הויפט אָן טאטשען אויך זיין אלט הארץ, אויסגעטריקענט ווערט פּאַמעליך זיין יוגנט־זאפט, און ווען די פרעמד־רויבערישע פעלקער האָבן גע־שטרעבט אים גייסטיק צו פארשקלאפן און געאיילט צו מאכן אויף זיין אָרגאַניזם דעם געפערליכסטן שניט, — דאמאָלסט, ביי דער געפערליכער פעריונ־גערונגס־מלחמה־אפעראציע, איז דאָס איבערגעבליבענע בלוט, וואָס האָט שוואך צירקולירט אין זיינע אָדערן — געוואָרן אַ לעבנס־עלעקסיר פאַר זיין אָפּגעשוואכטן גוף און אַ הייל־געטראנק פאַר זיינע אויסגעטריקענטע ביינער, און אַזוי ארום האָט דאָן „ישראל״ געראטעוועט זיין עקזיסטענץ און פאַרזיכערט זיין קיום אויף לאנגע צייטן.

ס׳איז צו באוואונדערן, וואָס גראד אין דער צייט, ווען די נאטור שטראלט מיט ליכט און זאַטער שפעדיקייט — אָט אין אזא מאָמענט קומט דער מורא׳־דיקער עצבות און פארדעקט מיט אַ דיקן וואלקן דעם אידישן האָריזאָנט, — עס ברייננגט אין יעדנס האַרץ אַריין אַ טיפן טרויער, דערווייטערט און שטעלט אָפּ יעדע מין שמחה און פאַרגעניגן. אַ מבול מיט אומגליקען האָט זיך אין דער בין־המצרים׳דיקער צייט אויסגעגאָסן איבערן אידישן פאָלק און זיין לאנד.

איר זעט: — מענטשן מיט אבלות׳דיקע פנים׳ער, שפרייזן איבער די היציקע זאמדן, דאָס בלוט אין די אָדערן לויפט מיט אויסערגעוויינליכער שנעלקייט, דאָס האַרץ קלאַפּט, מען לויפט, פון וואַנען?

— פון א שטיל רוהיק לאנד, פון קעניגליכע פּאַלאַצן, פון באלזאם־טייכן, פון א תורה, פון א בית־המקדש, פון א גן־עדן אויף דער וועלט, וואָס א פאָלק קאָן זיך נאָר ווינטשן — קומען זיי!

וואוהין? וואוהין?

— אין א לאנד פון די פארביסנסטע שונאים, צו שווערער אונטעריאָ־כענדיקער ארבייט, אונטער דער הערשאַפט פון א געצענדינערישן דעספּאָטישן מלך, — צו א קנעכטיש לעבן גייט דאָס פאָלק.

ס׳קלינגען די טורעם־גלאָקן ביי די טויערן פון בבל... די טראָמפּייטען זאָגן אָן, דאָס אומקערען זיך פון מנצח, די באפעלקערונג יובעלט, דאָס פאָלק איז פאר׳שיכור׳ט פונעם גרויסן זיג...

עס ברויזט און שטורעמט דער גרויסער טייך וואָס שלענגעלט זיך ארום דער שטאָדט בבל. די כוואליעס פאלדן זיך אָפּ און ווערן צעשפּליטערט ביים פעלזן־בערג... און די מאָנאָטאָן־גייענדיקע מחנה שטעלט זיך אָפּ, און פאַר זייערע אויגן אנטפּלעקט זיך דאָס מורא׳דיקע בילד פון פעלקער־גלות: —

ס׳רינט א טייך פון טרערען. בלוט, שווייס און מארך — דאָס האָבן געבראַכט מיט זיך די ליידן פון א שווער־אונטערדריקט פאָלק.

פון א הויכער הילצערנער טריבונע, אין צענטער פון די רוהיגסטע גאסן פון ירושלים, האָט אראָפּגענידערט דעם נביא׳ס הייליקע שטימע:

— „חטא חטאה ירושלים, על כן לנדה היתה״, — זיצנדיק אונטער דיין פייגענבוים, — האָסטו פאַרגעסן אינם איין־און־איינציקן ג־ט און צו די אשרה־בוימער האָסטו געדינט, דערפאַר: — „נתנני ד׳ בידי לא אוכל קום״...

די זעלבע וועלכע האָבן מיט א צייט צוריק דעם חורבן אין אַלע זיינע מורא׳דיקע איינצעלהייטן פאַראויסגעזען און אים מיט אלע שרעקליכסטע פארבן געשילדערט, — די זעלבע האָבן גלייכצייטיג פאַראויסגעזען די גליק־ליכע צוקונפט פון אידישן פאָלק.

אין תשעה־באב איז חרוב געוואָרן דאָס בית המקדש און אינם זעלבן

טאָג האָט ג־ט באַשאַפן פונעם פאַרגאָסענעם בלוט, דעם אידישן משיח, דער אידישער דערלייזער.

דער רעיון המשיחי — דער סימבאָל פון ג־טס נקמה און דערלייזונג — וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מענטשליכן געשטאַלט, — האָט דער־צויגן די האָפנונגס־אינסטינקטן אַז סוף־כל־סוף וועט כביכול נקמה נעמען אין די אידישע שונאים און וועט דאָס אידישע פאָלק אומקערען צו זיין בית־המקדש, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן צוויי מאָל אין תשעה־באב — דאָס איז דער אמת׳ער באַדייט פון דער געהיימניספולער רעטעניש און די לייזונג פון דעם פראָבלעם אין וועלכן עס גריבלען זיך אַזוי פיל סאָציאָלאָגען און וואָס טראָגט דעם נאָמען: —

„אידיש פאָלק"...

יענע פעלקער זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט ארענא, ווייל זיי האָבן נישט קיין „קדושים" איבערגעלאָזט. אונדזערע קדושים האָבן זיך דאָך איבערגעלאָזט א „קדיש", וואָס זאָל באַוויינען דעם חורבן, וואָס זאָל קלאָגן אין דער תשעה־באב־נאַכט. נאָר א דאַנק דעם איז דער אינהאַלט פונם יהדות אַן אומשטערבליכער, ווייל די אידישע געשיכטע איז אויסגעוויינט פון טרערן.

„שערי דמעה לא ננעלו" — די אידישע טרערן לאָזן נישט אָפּשטאַרבן דעם אידישן גייסט. די טייכן טרערן לאָזן נישט פאַרשליסן די טויערן פון אונדזער היסטאָרישן פּאַוועליאָן. די אויסגעוויינטע קינות־בלעטלעך, זיינען אַן אייביק־נייע טרייסט פאַר אונדזער האָפנונג.

פעלקער האָבן פראַכטפולע פּיראַמידן אויפגעשטעלט, וואונדערליכע מאָנומענטן, כדי צו פאַראייביקן זייער „זיין", אָבער אַזעלכע מאָנומענטן, וואָס זאָל פאַרלענגערן זייער לעבן, — האָבן זיי ניט געקענט אויסבויען. די אידישע קינות זיינען אַן אייביקע קאָלומנע, וואָס צייגט דער וועלט א לעבעדיקע נאַציע. ווייל א פאָלק, וואָס ווייסט און פילט אַז עס האָט עפּעס אָנגעוואוירן און באַקלאָגט דאָס אָנגעוואוירענע, אַזא פאָלק קאָן פון די „קינות" אויפוואַכן צו א נײַ לעבן. און כל־זמן די שערי־דמעה זענען ניט פאַרשלאָסן, איז א סימן, אַז אין אידישן האַרץ ברענט נאָך דער אידישער פייערל און די נחמה, די טרייסט איז נאָענט, ווייל די טרייסט איז אַ פּועל־יוצא פון דעם, ווי אַזוי מען באַוויינט דעם עבר, די פאַרגאַנגענהייט.

* * *

נאָך דעם גרויסן „טרויער־טאָג" קומט באלד דער שבת־נחמו, וואָס דער־וואכט דעם אידן פונעם טיפן טרויער און באגיסט אים מיט א טוי פון באלזאם, פון „לא יוסיף עוד להגלותך" — געענדיגט זיך דער גלות, ר' איד!...

עס וויברירט און שימערט טאקע באלד נאָך „תשעה־באב" דאָס סימבאָ־לישע שבת־נחמו בילד פונעם גרויסן נביא'אישן נחמו־אידעאל: —

נחמו, נחמו עמי!

„טרייסט אייך, טרייסט אייך מיין פאָלק"...

אָבער ווי קען זיך אין אלגעמיין א פאָלק טרייסטען אין דער צייט, ווען עס זינקט אין אָפּגרונט פון יאוש און פארצווייפלונג? ווי קען עס א פאָלק באקומען מוט, אין דער צייט, ווען אַלץ ארום וויל אים פאַרשלינגען און ער זעט נישט קיין אויסגאנג צו דער לאגע, ווען עס דוכט זיך אים אויס יעדע מינוט, אַז עס שטייט ביים ראנד פון אונטערגאַנג און פארניכטונג? קען דען אזא פאָלק צו זיינע פיינען און טיפע וואונדן געפינען א טרייסט?!...

קלאָגט טאקע דער נביא: — „איכה?" ... ווי אַזוי קען עס פאַרקומען, אַז א פאָלק וואָס איז „רבתי בדעות", און דאָך ווערן אַזוי אונטערדריקט פון אומוויסענדע פעלקער!!!...

ס'איז באוואוסט: אַז די וואָס האָבן ניט וואָס צו געבן זיינען ארעם. אָבער, ס'קען דערצו צוגעגעבן ווערן, אַז נאָך אָרימער זיינען יענע וועלכע האָבן וואָס צו געבן, נאָר האָבן ניט וועמען. די ערשטע פעלן זאכן, די אַנ־דערע — מענטשן.

דאָס אידישע פאָלק, וואָס ליידט אזוי פיל, איז אפשר דער טראגישסטער אין דער גאנצער מענטשלעכער יצירה, ווארים די העכסטע טראגיק באשטייט ניט אין דעם אַליין ניט צו האָבן, נאָר צו האָבן א סך, האָבן בשפע און דאָך ניט האָבן וועמען צו געבן...

עס איז אונדזער אייביקע צרה — א „בכיה לדורות"!...

געדאנקען און באַטראַכטונגען איבער תורה
און אידישקייט

וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען?

ס׳איז דאָ א פּאָלקס ליד. א חסיד פרעגט דעם רבי׳ן: „רבניו, וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען?״ און דער ענטפער איז: מיר וועלן עסן פון שור הבר, טרינקען פון יין־המשומר, משה רבינו וועט זאָגן תורה, דוד המלך וועט שפּילן און מרים הנביאה וועט פאַר אונדז טאַנצן.

גוט און וואויל.

ווי איז אָבער, אַז דער רבי פרעגט ביי די חסידים: חסידים׳לאך טייערע, וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען? הייַנט, מאָרגן, אחכה לו בכל יום שיבוא, זיינען מיר גרייט, צוגעגרייט אים אויפצונעמען? וועלן מיר ניט פאַרדאַרבן דעם מאָגן מיטן שור־הבר און ווערן שיכור פון יין המשומר, דעם אַלטן וויין פון ששת ימי בראשית? וועלן מיר פאַרשטיין משה רבינו׳ס תורה? זיין צופרידן מיט דוד המלך׳ס שפּילן און מרים הנביאה׳ס צניעות׳דיקע טענץ?

אַנדערע קעפּ, אַנדערע מאָגנס, אַנדערע מחות און אַנדערע געפילן מוז מען האָבן כדי הנאה צו האָבן פון אָט די אַלע זאַכן. וועלן ניט זיין קיין בייע מחלוקת׳ן איבער דער שחיטה פון שור הבר און א הכשר אויפן וויין? וועלן זיך ניט געפינען קיין קריכערס און שטופּערס וואָס וועלן שרייען אַז זיי זיינען בעסערע רעדנער ווי משה רבינו? דעם כבד פה — א סך רעדנער, כבוד־זוכער, און פאַר משה רבינו וועט גאָר קיין צייט ניט בלייבן, ווייל משיח מלכינו וועט ווערן „ביזי״, ער וועט דאָך האָבן א סך אַרבייט? און וואָס וועט זיין מיט אונדזער שוואַכן געשלעכט מיט דעם טאַנצן, וועלן זיי זיך דען לאָזן פאַרשטופּן אָן א זייט, און ניט האָבן א געלעגנהייט צו באַווייזן זייער טאַנץ־קונסט? און בכלל וואָס וועלן מיר טאָן מיט די אַלע טענצער, וואָס טאַנצן אויף אַלע חתונות?

נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז אַלץ וועט דורכגיין כשורה. עס וועלן דאָך עפּעס זיין משיח׳ס צייטן, פולע מיט ניסים ונפלאות, — „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״ — דאָס וועט זיין, אַז מיר וועלן שוין מיטגיין מיט משיח און מיר זיצן ביי דער סעודה אויפן גרויסן באַנקעט. אָבער וואָס וועט

זיין מיט דעם עיקר אַרויסגיין פון גלות און מיטגיין מיט משיחן? מי ומי ההולכים? וואָס וועט זיין מיט אונדזערע קינדער, וואָס האלטן, אַז וואשינגטאָן איז אונדזער ציון; סאַן פראנציסקאָ, — זייער ירושלים; פלאָרידא, — זייער ארץ ישראל. אָדער די וועלכע ווייסן גאָרניט, ניט פון ציון, ניט פון ירושלים און ניט פון ארץ ישראל, וועלכע האָבן שוין זייערע אייגענע פּאַרטיקע משיחים, זייערע טענצערס און זינגערס, אָדער זינגערקעס.

וואָס וועט זיין, אז משיח וועט קומען און אונדזערע קינדער וועלן זיך ניט וועלן רירען פון אָרט, וועלן מיר גיין אַליין אָדער מיר וועלן גאָרניט קענען גיין. מיר זיינען פרומע, גלויביקע אידן און מיר גלויבן אין דער נבואה פון; „כימי צאתך מארץ מצרים”, אַט אַזוי ווי די גאולה פון גלות מצרים און ביי גאולת מצרים געפינען מיר; „ויאמר משה בנערינו ובזקנינו נלך בבנינו ובבנותנו” (שמות י׳, ט׳), קליין און גרויס, יונג און אלט, כי חג ד׳ לנו, א געטליכן יום־טוב מוזן מיר אַלע האָבן. ווי קען גאָר אנדערש זיין. אידיש־קייט איז ניט קיין קינדער־גאָרטען, בית יתומים און ניט קיין מושב זקנים. ניט קיין וויגעלע־אידישקייט און ניט קיין בית הקברות־אידישקייט. נאָר פּאָר יונגע קינדער אָדער נאָר פּאָר אלטע לייטע. אידישקייט נעמט אַריין די מי־טעלע, די פול־בלוטיקע, אונדזערע זין און טעכטער, אַלע, פון וויגעלע ביזן קבר און אויך די מיטל יעריקע אין מיטן.

פרעה טענה׳ט: „יהי כן ד׳ עמכם כאשר אשלח אתכם ואת טפכם” — ווי אַזוי קען דאָס ג־ט זיין מיט אייך, אַז איך וועל מיטשיקן אייערע קינדער, ווי קומען קליינע קינדער צו ג־ט, צו חג ד׳? זעט, איר מאכט זיך דאָך אומ־גליקליך: „ראו כי רעה נגד פניכם” — די קליינוואַרג וועלן דאָך אייך שטערן. „לכו נא הגברים ועבדו את ד׳ כי אותה אתם מבקשים” — אויב איר זוכט באמת עבודת ה׳, מאכט אייך שולן, חברות פּאָר גרויסע, אָבער ווי קומען קליינע קינדער צו די אַלע זאכן? נו, אויב אַזוי, אַז איר טענה׳ט דוקא אז איר ווילט גיין מיט די קינדער, מיינט איר דאָך גאָרניט די עבודה, זאָגט איר דאָך ליגן, איז טאקע: „ויגרש אתם מאת פני פרעה”.

די טענה פון פרעה׳ן הערן מיר אָפט אין אונדזער אַמעריקאנער לעבן, וועלכע זאָגן, צו וואָס ישיבות, תלמוד תורה׳ס? עס איז דאָך אַן איבעריקע

אויסגאבע. זיי צעברעכן און צערייסן, מאכן אומגליקליך. אָבער ווי האלט דער בעסערער טיפּ איד אין אַמעריקע, ווי פּרעה, אָדער להבדיל ווי משה רבינו? פארשטייט זיך, אַז בנוגע אידישקייט איז בעסער און געזונטער צו האלטן מיט אזא אווטאָריטעט, אונדזער גרעסטער געזעץ געבער, משה רבינו. משה אמת ותורתו אמת. משה ווייסט בעסער וואָס אידישקייט איז. דארום בויען זיך טאַקע ישיבות, תלמוד תורה׳ס און זיי ווערן ברייטלאך אויסגע־האלטן כדי אויפצובוילדיגען און ערציען א דור וואָס זאָל זיין גרייט לימות המשיח.

די געטליכע תורה און די מענטשלעכע ציוויליזאציע

„ויסע משה את בני ישראל מים סוף" — איבער געוואלד האָט ער זיי אוועקגעריסן פון ים־סוף, זיי האָבן ניט געוואָלט אוועקגיין פון ים סוף און משה האָט בעל כרחך זיי צוגענומען.

דער זוהר הקדוש זאָגט, אַז צוליב צוויי אורזאַכן האָבן די אידן ניט געוואָלט אוועקגיין פון ים סוף. ערשטנס, ווייל זיי האָבן דאָרט געזען די שכינה, און צווייטנס, צוליב „ביזת הים". אָבער ווייזט אויס, אַז עס זיינען געווען נאָך סיבות.

דער צוועק איז געווען ניט דאָ — ביים ים סוף — נאָר דער בארג סיני. ניט דער געפיל פון דער „שירה" און השראת השכינה, נאָר דער הויפט צוועק איז געווען חקים ומשפטים — תורה אין פולן זין. ניט קלייבן דיימאנטלאך אָדער די גוטע שטיינדלאך פון די מצרישע פערד און אַפילו ניט בלויז אָפּקומען מיט טעמפּל אָדער שול געזאנג.

דער געדאנק איז קלאָר אַרויסגעבראכט דורך דעם אינצידענט וואָס האָט פאסירט אין מרה, די ביטערע וואסער. דאכט זיך אויפן אויסקוק די זעלבע וואסער, אָבער דאָך ביטערע ים־וואסער. בלוי און שיין, אָבער געזאלצן. אויפן פסוק „ויורהו ד' עץ" — זאָגן חז"ל, אַז עס מיינט דער עץ חיים, ווען מען ווארפט אַריין אביסל געטליכקייט — ערשט דאַן ווערן די וואַסערן זיס, ניטאָ קיין אנדער מיטל אויף זיס צו מאכן די וואסער. און מים איז נאָר תורה, ווי דער פסוק זאָגט: „הוי כל צמא לכו למים".

עס זיינען פאַראן מענטשן, וואָס זיינען דורשטיק צו ג־טס רייד, צו גייס־טיקייט. זיי שטעלן זיך ניט צופרידן מיטן מאטעריעלן לעבן. זיי ווילן ציווילי־זאציע, שטודירען, לייענען פארשידענע ליטעראטור, אָבער אין דער אמתן ווען מען טרינקט געזאלצטע וואסער איז — ביטער, און פונקט ווי כדי זיס צו מאכן א קוואַל דאַרף מען האָבן דעם העץ, וואָס ג־ט האָט באוויזן אין מרה, אזוי דארפן מיר האָבן תורה אויף זיס צו מאכן די ביטערע וואסער פון דער וועלט, אָט די ביטערקייט אין די אוניווערזיטעטן, וואָס זענען פול מיט פּאָגראָמשטשי־

קעס, די קולטור וואָס איז פול מיט גיפט און גאל; ציוויליזאציע, די פאָנען טרעגערס פון כוליגאניזם, אין א פאַראָדרבענער, ביטערער און קראַנ־קער וועלט. „כי אני ד׳ רופאיך״ — ג־טס וואָרט איז דער איינציקער מיטל צו מאכן זיס די ציוויליזאַציע. „בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין״. און די פרייהייט איז נאָר ביי די תורה־מענטשן — „אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה״, דאַרום איז די פרייהייט ניט אזא וואָס מען קען געבן און נעמען צוריק, נאָר א געטליכער דאָקומענט, א מתנה.

דארום, ווער עס האלט ניט פון פרייהייט, דער האלט ניט פון תורה. ווער עס גיט פרייהייט און רופט צוריק פרייהייט, איז עס פונקט ווי ער וואָלט גע׳גזל׳ט, גע׳גנב׳ט און גע׳הרג׳ט.

די פאַרבינדונג פון געטליכער תורה מיט מענטשלעכער ציוויליזאציע איז דאַרום א נויטווענדיקייט אויף צו מאכן זיס אַ ביטערע און קראנקע וועלט. צו קוקן דורך תורה אויף יעדער צווייג פון חכמה. ווי עס האָבן געטאָן די חכמי ישראל, רבינו סעדי׳ גאון, רמב״ם א. א. וו. אָן תורה בלייבט אַלץ ביטער, מדבר און וויסטעניש. אנשטאָט חק ומשפט, ווערט — הפקרות.

וילונו העם על משה לאמר מה נשתה? — „דאָס פאָלק האָט געמורמעלט קעגן משה׳ן, וואָס זאָלן מיר טרינקען?״ מיר שרייען און מורמלען ניט צו די יעניקע „רבנים״: וואָס זאָלן מיר טרינקען? גיט אונדז „מים של תורה״. ניט וואסערדיקע דרשות. אויב וואסער, ווארפט כאָטש אַריין א דבר תורה: א „עץ חיים״ זיס צו מאכן די וואסער. ורוח ד׳ מרחפת על פני המים — אָן תורה און אָן רוח ד׳, איז די וואסער — ביטער.

דער געזאנג פון אונדזערע קינדער

ת״ר דרש ר׳ יוסי הגלילי בשעה שעלו ישראל מן הים נתנו עיניהם לאמר שירה (החליטו וקבלו עליהם) וכיצד אמרו שירה? עולל מוטל על ברכי אמו ותינוק יונק משדי אמו כיון שראו את השכינה עולל הגביה צוארו ותינוק שמט דד מפיו ואמרו זה אלי ואנוהו שנאמר (תהלים ח׳) מפי עוללים ויונקים יסדת עוז. היה ר׳ מאיר אומר, מנין שאפילו עוברים שבמעי אמן אמרו שירה? שנאמר (שם ס״ח) במקהלות ברכו א׳ ה׳ ממקור ישראל (סוטה, ל׳ ע״ב).

דער מאמר איז אומפארשטענדליך, ערשטנס, וואָס איז די ראיה, אַז זיי האָבן געזען די שכינה? און וואָס איז דער באוויז, אַז זיי האָבן געזונגען? דער פסוק פון „מפי עוללים״ — פון דעם מויל פון עופעלעך און זויגעדיקע האָסטו באפעסטיקט דיין מאכט, רעדט דאָך גאָר וועגן קבלת התורה, אַז זיי זיינען געווען ערוב און ווערט גע׳דרש׳נט, אַז עוז איז נאָר תורה און וואָס פאר א שכל איז, אַז די קינדער, במעי אמם, אין זייערע מאמעס, האָבן געזאָגט שירה?

נאָר אונדזערע חז״ל זיינען געקומען צום באשלוס, אז אַט דער געטלעכער געזאנג קען אנדערש ניט געזאָגט ווערן סיידען מיט רוח הקודש און דער פאקט איז, אַז דאָס איז געוואָרן א שטיק תורה, — משה — ובני ישראל און ישראל כמשה. דאָס איז אויך דער געדאַנק פון „אין השכינה שורה לא מתוך עצבות אלא מתוך שמחה של מצוה״ (שבת, ל׳), אַז עס איז אוממעגליך צו קומען צו גרויסער און אמת׳ער שמחה, און צו דער מדרגה פון רוח הקודש, אויב די קליינע קינדער וועלן ניט זאָגן שירה. אפילו העוללים והיונקים — די עופע־לעך און זויגעדיקע, אויב זיי וועלן שטיל שוויגן און וועלן ניט זאָגן קיין שירה מיט זייערע עלטערן, דאַן איז ניטאָ קיין שמחה און זיכער ניט קיין רוח הקודש.

ווען עס רוט די שכינה, דערזעען און דערפילן עס די עופעלעך און זויגעדיקע און דאַרום איז לעכערליך די טענה, אַז קינדער פאַרשטייען נאָך ניט קיין תורה און האָבן קיין אנונג וועגן שכינה. פארקערט, דאָרט וואו עס רוט ניט די שכינה איז אויך קיין שמחה ניטאָ און ממילא קיין געזאנג. און ווייל „שנים

שיושבים ועוסקים בתורה שכינה שרוי׳ ביניהם״ — קומט אויס, אַז אפילו די קלענסטע קינדער, אפילו די עופעלעך און זויגעדיקע שפּורן, זיינען מרגיש און זינגען: זה אלי ואנוהו — „דאָס איז מיין ג־ט און איך וועל אים באַ־שיינען״ — באשיינען מיט מצות, א גוטע, שענערע אידישקייט. אָבער ניט קיין פרעמדע געטער, נור אלקי אבי, דער זעלבער ג־ט, דער טראַדיציאָנעלער, וארוממנהו — העכער, שטאַרקער און שענער.

דער זעלבער וואָרט „עוז״ — מאכט, וואָס ווערט געמיינט תורה, מיינט אויך שירה. אויב עס איז דאָ אַ עוז פון תורה איז דאָ אַ עוז פון שירה, שמחה. קען מען זינגען. תורה מיט שירה,ביידע צוזאמען, דאַן איז עוז, אונדזער מאכט און קראַפט. די תורה איז מיט פרייד. געלערנט מיט שמחה און גע־געבן מיט פרייד. „כל הקורא בלא נעימה ושונה בלא זמרא עליו הכתוב אומר וגם אני נתתי להם חקים לא טובים (מגילה, ל״ב), דאַן זיינען מיר שטאַרק און א מעכטיק פאָלק.

ר׳ מאיר גייט נאָך ווייטער און ערקלערט, אַז אפילו די קינדער אין די מאמעס האָבן געזאָגט שירה. אויב מיר זיינען ניט זיכער מיט דער צוקונפט, מיט די קינדער וואָס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן, קענען מיר נאָך ניט זינגען און זאָגן קיין שירה, ווייל, „במקהלות ברכו א׳ א׳ ממקור ישראל״ — אויב מיר ווילן קהלות, שולן, חברות און צבורים, אַז ניט נאָר משה זאָל זינגען נאָר משה ובני ישראל, אַלע, דאַן דאַרף זיין ממקור ישראל, צום אידישן קוואל, ניט נאָר פון אידישע פאַרגאנגענהייט נאָר אויך צום אידישן עתיד. צו אונדזער צוקונפט, די נאָך ניט געבוירענע, ניט נאָר פון אידישן קוואל נאָר אויך צו דעם אידישן קוואל.

חוץ דעם איז דאָ אין די ווערטער פון ר׳ מאיר א נייער געדאנק און דערהער. מיר פאַרשטייען אונטערן וואָרט „מקור״ — קוואל, התחלה און פאַר־גאנגענהייט. אָבער ר׳ מאיר איז אונדז מחדש למקור צום עתיד, צום קוואל. דאָס איז אַ גרויסער פּראָטעסט קעגן די רעפאָרמער, וואָס האָבן ניט נאָר גע־געבן א „גט פטורים״ דער פאַרגאנגענהייט נאָר אויך דער צוקונפט. די צו־קונפט, וואָס אויף איר זאָגט עדות אונדזער תורה, נביאים, כתובים און חז״ל, איז אַלעס אויף עתידות ישראל. די וועלכע זיינען אָט די אלע מבטל גייען

אוועק פון דעם עתיד. מיר, וועלכע גייען מיט דער פאַרגאנגענהייט, האלטן אין דעם אלקי אבותינו, ווי אויך צו דעם עתיד. זיינען מיר די פּראָגרעסיווסטע, וואָס גייען צו דער צוקונפט.

פרילינג

שמור את חודש האביב.

דער פרילינג פון נאטור און אונדזער פרילינג. ווי ארעם וואָלטן מיר געווען אָן אונדזער חג האביב. ווי ארעם וואָלט די מענטשהייט געווען, ווען ג־ט, כביכול, וואָלט אונדז ניט געשיקט אָנצוזאָגן דעם פרילינג פאַר דער מענטשהייט.

ווי ארעם וואָלטן מיר געווען, ווען מיר וואָלטן נאָר געוואוסט און באַ־זונגען די נאטור, וואלד, פעלד, פייגעלאך און בלומען און אין אונדזערע הערצער וואָלטן מיר דעם פרילינג ניט אריינגענומען און אין אונדזער סביבה ניט אריינגעלאָזן, פאַר אונדזער פאָלק ניט גענומען אַלס א מוסטער דעם פרילינג, ווי אומגליקליך וואָלטן מיר געווען ווען מיר וואָלטן נאָר געוואוסט צו באקלאָגן דעם פרילינג, וואָס זיינען אַוועק, פאַרשוואונדן, אום מער ניט צוריק צו קומען, און וואָלטן נאָר פאַרשטאנען צו באזינגען די בלומען, ווייל זיי דינען פאַר אונדז אַלס בלומען־קראנצן אויף די קברים...

דער פרילינג איז ניט נאָר פאַר די שטומע, ניט פילענדע וועלט, פאַר פויגעלאך, בוימעלאך, גראָז, וואלד, בערג, טאָלן, נאָר אויך און מערסטנס פאַר דעם מענטשן וואָס פילט, זוכט, שטרעבט, פילט דעם לעבן, זוכט ליכט, טרייסט, ליבע און פרייד.

וואָס פאַר א פנים וואָלט די וועלט געהאט, ווען ניט די האָפנונג אויפן קומענדען פרילינג. וואָס פאַר א שווערע שטיינער וואָלטן מיר געדארפט אין אונדזערע הערצער טראָגן, פילענדיק די פרעסט, שנייען און שטורעמס, אָן האָפנונג אויפן פרילינג.

וואָס מיר ווילן באהויפטען און איבערצייגען איז, אַז ניט נאָר די האָפ־נונג אויף דעם קומענדן, יענע זייטיגן פרילינג, פון יענע זייט קבר, נאָכן טויט, טויט דעם שיינעם גיהנום, נאָר דעם פרילינג פילן דאָ אויף דער וועלט. אויף דעם וועג פון וויגעלע ביזן קבר. ער זאָל וויסן צו פייערן דעם פרילינג פון אייגענעם לעבן. ניט נאָר דעם פרילינג פון נאטור. ניַשט נאָר פאַרלאָ־

רענע גן־עדן׳ס, גאָלדענע צייטן, צוריק געוואונענע, נאָר צו זעען די פאַר־לאָרענע...

מיר, דער אידישער פאָלק, זיינען די געטליכע שלוחים פון פרילינג, צו ברייגען נייע פרילינגס צו אַלעמען. אלעמאָל, אונטער אַלע אומשטענדן, ווען דער פרילינג רופט, קומט דאן און רופט אונדזער „חג האביב״, ניט אין פעלד און וואלד אום צו פאַרגעסן דעם לעבן, אום צו פאַרגעסן די צרות אין הויז, די ווייטאָגן אויפן הארצן, נאָר דער פרילינג קומט צו אונדז, לעבט אויף און וואכט אויף אין אונדזערע הערצער און אין אונדזערע הייזער. עס קומט דער געטליכער, מעכטיקער און צאַרטער רוף: „שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבוא מלך הכבוד״ — גרייטן זיך אידישע היימען און הייזער מקבל פנים צו זיין דעם פרילינג פון מענטשן.

מענטשליכער פרילינג. ביי זיך אין די היימען און אין די הערצער. עס זאָלן זיך זאמלען עלטערן מיט קינדער, ברידער מיט שוועסטער, חברים און געגנאָסן, מיט דעם געפיל און באוואוסטזיין, אַז מיר זיינען ערלייזטע, פרייע מענטשן. צובראָכענעם יאָך, צוריסענע קייטן פון שקלאַפנטום, אַרויס פון קנעכטשאפט צו פרייהייט, פון טרויער צו פרייד, פון פינסטערניש צו ליכ־טיקייט.

ליל שמורים. די נאכט האָט אירע וועכטער. די וועלט האָט איר ג־ט, א וועכטער וואָס לאָזט איר ניט אונטערגיין. וואָס וואכט און היט די בליאונג און שפּראָצונג פון ליכט און לעבן, קראפט און ריינקייט. אין די גרעסטע מאכט פון נאכט און פינסטערניש, היט דער וועכטער, יעדן איינצעלנעם מענטשן און יעדן איינצעלנעם כח.

די נויטווענדיקייט פון ישיבות

קרח׳ס שאלות אין הלכות ציצית און מזוזה: „טלית שכולה תכלת — אם חייב בציצית, בפתיל תכלת; בית שמלא ספרים — אם חייב במזוזה״, און משה רבינו׳ס ענטפער, אַז מען איז מחויב, איז געווען א כלי זיין אין די הענט פון קרח׳ן אָנצופירן מחלוקת און פאַרשאַפן היבשע צרות אין דער מחנה ישראל.

קרח׳ס שיטה איז, אַז אידישקייט אליין איז גענוג. כלנו קדושים, מען דאַרף ניט קיין משה און אהרן. אַלע זיינען ראוי צו כהונה. מיר ווייסן: קרח האָט געמאַכט א טעות און האָט דערצו נאָך פאַרפירט אַנדערע. די מחלוקת איז ניט געווען לשם שמים, נאָר כבוד, קנאה, זענען געווען די סיבות פון דער ערשטער מחלוקת, מיט אירע טרויעריקע פאָלגן.

און ווי קאָמיש און טרויעריק עס קלינגט, ווען מיר הערן די זעלבע קרח׳יסטישע טענות, אַז מיר האָבן צופיל ישיבות, מיר דאַרפן אויסהאַלטן תלמוד תורות, צו וואָס דאַרף מען ישיבות? צו וואָס דאַרפן מיר די גדולי תורה אויסהאַלטן אין ישיבות? פאַר אונדזערע ראבייס איז גענוג די תורה וואָס זיי האָבן, די דיפּלאָמעס, „אָרדיניישאָן סערטיפיקעטס״. ממש די זעלבע טענות פון קרח׳ן, נאָר מיט א צוגאָב און נאָך ערגער.

קרח האָט כאָטש געפרעגט וועגן א טלית א כשר׳ן און אַ הויז פול מיט ספרים, ריכטיקע און וויכטיקע טענות. אָבער ניט וועגן פוסטע ביכלאַך, מוא־וויס, אַז דאָס זאָל פּטר׳ן פון ציצית און מזוזות. תלמוד תורות, פוסטע פון תורה און יראה. דער כלומרשט׳ער ראביי דאַרף עס פּטר׳ן פון תורה און ישיבות!

לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז אָט די טענות ברענגען צום געוואַלדיקן ריס און צוטיילונג אין אידנטום. הערט זיך גוט צו צו די טענות פון די כופרים, פון די רעפאָרמער, הערט און שטוינט, איר וועט זען אַז זייערע טענות זיינען די זעלבע ווי קרח׳ס: צופיל אידישקייט. מיר זיינען שוין אַלע פּאַרטיקע קדושים, „גוד דזשוס״. די ערשטע זאַך פאַרשליסן זיי די טירן פאַר תורה־אנשטאַלטען.

זעט אָבער אויך דעם סוף פון די שיטות צוזאמען מיט די בעלי שיטות, אַז די מאָטיוועו זיינען די זעלבע: מחלוקת שלא לשם שמים, נאָר „דזשאבס״, די גוטע שטעלע, געלט, כבוד און קנאה, וואָס איז שוין אויסגעוואקסען צו ריינע שנאה, פיינט צו האָבן אידישקייט.

און ניט אומזיסט איז דאָ אזא שדים טאנץ אויף אונדזער גאס מיט אלע זיינע איבלען. עס פעלט דער פולער ערנסט און די אויפריכטיקייט צו באַזייטיגן און אויסוואָרצלען אונדזערע מאָדערנע קרח׳איסטן.

ישיבות דאַרפן מיר האָבן, אפילו, אַז מיר וואָלטן געווען טליתים פון כולה תכלת; אז מיר וואָלטן געווען בתים פול מיט ספרים. בפרט, אַז מיר זיינען דאָס, ליידער, ליידער נישט. אין אידישע הייזער זעט מען קיין איין אידישן ספר און קיין איין מזוזה. אונדזערע טליתים׳לאך שטייען נאָך אונטער אַ פראגע צייכן, צו זיי זיינען כשר אָדער ניט, כאָטש זיידענע, אָבער זייַדענע טליתים׳לאך פסול׳ע.

מעסט אָבער ניט דאָס גאנצע אידנטום לויט אונדזער אמעריקע. אָט שטראָמט אהער א פרישער, צאפעלדיקער שטראָם פון בני הישיבה, געלייטערט אין פייך, די בני הישיבות פון ליטע און פוילן, וועלכע וואַלגערן זיך אין פארשידענע לענדער און זוכן צו דערגרייכן א שטענדיקן מקום מנוחה אין א״י, אין אַמעריקע.

אָט זעט די אלע גרויסע ישיבות, וועלכע האָבן דורכגעפירט זייער ציל דורך פייך און נויט, דורך מלחמות, אָרימקייט און זיינען ניט גערירט געוואָרן פון אלע מלחמות, שטורמס.

דאָס באווייזט ווי פאַלש די קרח׳שע שיטה איז.

טומאה און קדושה

וואָס מען קען אַלץ אויפטאָן מיטן „הייליקן״ וואָרט. לטהר טמאים און לטמא טהורים, מיטן וואָרט קדוש.

טומאה וקדושה. וואָס עס פעלט דער וועלט איז קדושה. די גאנצע אידישע לעבנס־אנשויאונג, לעבן און שטרעבן, איז קדושה. די גוי׳אישע וועלט, וואָס איר ווילט איז דאָ ביי איר, נאָר ניט — קדושה. פילאָסאָפיע, שיינקייט, אָרגאניזאציע, רעליגיע, אפילו ביבל, נור אָן קדושה. נעמט איר אָבער אוועק די קדושה בלייבט אַלץ ווי א קערפער אָן א נשמה.

אָן קדושה בלייבט די וועלט משוגע. דער תכלית פון דער פרה אדומה איז געווען צו פאַרטרייבן טומאה מיט קדושה, מיט הייליקע מיטלען. דער צוועק הייליקט ניט די מיטלען. וואָס הייליקער דער צוועק אַלץ הייליקער די מיטלען.

ס׳איז ניט גלייך א קדוש׳דיקער לעבן צו א פראָסטן, וואָכעדיקן לעבן. דער וועג צו קדושה איז דורך קבלת מלכות שמים, צו אָנערקענען דעם אימ־פעראטיוו פון קדושה און דאַן קען ערשט קומען די פרה און אָפּווישן די שמוץ פון איר זון, דעם מעשה עגל, צו וועלכן די גאנצע וועלט דינט נאָך היינט...

* * *

המן מן התורה מנין? המן העץ. פאַר אדם׳ן איז ניט געווען גענוג וואָס ער האָט געהאט דעם גאנצן גן־עדן, וואָס ער האָט געמאָגט הנאה האָבן פון אלע בוימער, נאָר ווייל איין בוים איז געווען פאַר אים פארבאָטען, האָט ער דוקא געוואָלט פון אָט דעם בוים הנאה האָבן...

* * *

המן האָט געהאט דעם גרעסטן כבוד אין דער וועלט. אלע האָבן זיך פאַר אים געבוקט, ווי ער אַליין האָט דאָס באשטעטיגט. דאָך איז ער ניט געווען צופרידן ווען איין איד איז געזעסן אין שער המלך און האָט זיך פאַר אים ניט געבוקט. איז צוליב איין איד, וואָס האָט זיך ניט געבוקט, צוליב אזא ביסעלע כבוד פון איין מענטש, איז ביי אים געווען רעכט אומצוברענגען א גאנץ פאָלק...

אונדזערע פחדנים

אמר רב שמואל ב״ר יהודה שלחה להם אסתר לחכמים קבעוני לדורות, שלחו לה קנאה את מעוררת עלינו לבין האומות, שלחה להם כבר כתובה אני על דברי הימים למלכי מדי ופרס (מגילה, ז׳ ע״א).

די חכמי ישראל האָבן מורא געהאַט צו ערוועקן קנאה און שנאה צווישן די גוים, אַז זיי זאָלן זאָגן דאָס מיר פרייען זיך אויף זייער מפלה, דערפאַר האָבן זיי געוואָלט, אַז מען זאָל ניט פייערן איבעראַל דעם יום־טוב פורים, ניט אָנצונעמען א נייעם יום־טוב און אים פייערן אויף אַ גרויסן פאַרנעם.

אסתר אָבער, וועלכע האָט געוואוסט דעם גייסט וואָס הערשט אין די קעניגליכע פּאַלאַצען, האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם גייסט פון די חכמים, אַז די גוים זעלבסט האָבן שוין פאַרשריבן אין זייער היסטאָריע עס צו לערנען און שפּעטערע דורות זאָלן וויסן אַז זיי שעמען זיך ניט דאַמיט...

ביי זיי איז דאָס נאַטירליך, אַז אויב רשעים שטעלן זיך אויף און ווילן אונדז פאַרניכטן און מיר האָבן די מעגליכקייט צו באַשיצן אונדזער לעבן, זיך ראַטעווען פון אונטערגאַנג, דאַרפן מיר דאָס זיכער טאָן. מעגליך, אויב מיר וואָלטן זיך ניט באַשיצן, וואָלטן זיי אונדז פאַרשעמט און די קנאה איז צו אונדזער קרעדיט, וואָס זיי זיינען אונדז מקנא אונדזער שטאַרקייט, וואָס א סך דריקן און שטיקן אונדז צום טויט, איז אויב זיי קענען אונדז ניט בייקומען, זיינען זיי אונדז זייער מקנא.

וואָס קענען מיר שוין זאָגן וועגן יענע פחדנים, וואָס האָבן מורא צו ווייזן א סימן פון אידישקייט צוליב דעם „למה יאמרו הגוים״. זיי וויסן גאָר ניט, אַז פאַרקערט, די גוים רעספּעקטירן די יעניקע וואָס היטן זייערע טראַדיציעס אויפריכטיק און זיינען אונדז גאָר אין דעם מקנא...

אָט די קנאה איז גוט און שיין, ווייל מיר קענען האָפן, אַז „קנאת סופרים תרבה חכמה״ און סוף כל סוף וועלן זיי קומען צו דער אנערקענונג פון ריינע און גוטע מעשים. צו געבן כבוד און אונדז אָפּשאַצען. און פאַרקערט פאַר־שעמען די יעניקע וואָס פאַרלאָזן זייערע טראַדיציעס.

שלום און אמת

וישלח ספרים אל כל היהודים אל שבע ועשרים ומאה מדינה מלכות אחשורוש דברי שלום ואמת (מגלת אסתר ט׳, ל׳) „און ער האָט צעשיקט בריוו צו אַלע אידן צו די הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות פון אחשורושעס קעניגרייך, מיט ווערטער פון פרידן און אמת״.

ווי איז מעגליך צוזאמען שלום און אמת ? אידן פון פארשידענע מדינות מיט פארשידענע און פאַרענדערטע געוואוינהייטן, זאָלן פייערן דעם פורים אויף דעם זעלבן אופן און עס זאָל ניט אויסברעכן קיין מחלוקת צווישן זיי ? עס איז דאָך מעגליך, אז מיט די שלח־מנות פון איינעם צום אַנדערן, זאָל איינער זאָגן, איך באשטיי דוקא אויף מיין לאנדסמאַן און זאָל נאָך פאָדערן, אז אנ־דערע זאָלן אויך געבן צו זיין אויסגעקליבענעם און אַזוי די מתנות צו אָרעמע לייט זאָל זיין נאָר פון זיין מדינה און די אַנדערע פון זיין זייט, מעגן אויסגיין פון הונגער !

אָבער אויף דעם האָט מרדכי געבעטן, מיר זיינען דאָך איין פאָלק און אויף אונדז אַלעמען איז געווען די גזירה פון „ישנו עם אחד״.

איך בעט אייך, האָט מרדכי געשיקט זאָגן, עס זאָל זיין שלום צווישן אייך, אפילו ווען איר זייט פון הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות. שלום אָבער ניט אויפן חשבון פון אמת. איר האָט דאָך געוואָלט הנאה האָבן פון אחשורושעס סעודות צוליב שלום מיט די גוים, איר האָט דאָך זיך געבוקט צו המן׳ן, צוליב וואָס וועט דער גרויסער גוי זאָגן ! דעם אמת קען מען ניט רירען פון פלאַץ, עס איז חותמו של הקדוש ברוך הוא און יעדער וואָס איז משקר איז ווי ער וואָלט געפעלשט ג־טס חתימה.

דאָס דערנענטערן דעם אמת דאַרף זיין מיט דעם דרך שלום. „דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום״. דער דרך וואָס איז באַזירט אויף דין, תורה, מצוות, אַנזאָגונגען און אָפּהיטונגען, — דאַרף זיין אויפען וועג פון שלום. פאַרבויגן די אייגענע פניות, אוועקוואַרפן די אייגענע נגיעות אין לעבן. לעבן בשלום, אָבער חלילה ניט פאַרבויגן. ניט פאַרבויגן דעם אמת צוליב דעם

שקר. פּרעדיקן שקר צוליב שלום, איז טריף ווי חזיר. דאָס האָבן געטאָן די פאלשע נביאים און דאָס טוען די היינטיקע פאלשע נביאים. אום אָנצו־האלטן דעם שלום אין דער קאָנגרעגיישאָן, טאָר מען ניט דערמאָנען ביי זיי וועגן שבת. דאָס טראגישסטע איז, וואָס אַ סך אָרטאָדאָקסישע רבנים גייען שוין אין דעם דרך. מען איז מחויב צו לערנען און לאָזן וויסן אלע עיקרים פון אידישקייט. דעם אמת בדרך שלום.

תורה אידנטום און רעפאָרם אידנטום

תורה אידנטום און רעפאָרם אידנטום — אַזוי דארף מען שטעלן די פּראָבלעם. ניט אָרטאָדאָקסיע און רעפאָרם, נאָר תורה אידנטום און רעפאָרם. תורה אידנטום מיינט גאנצע אידישקייט. תרי״ג מצוות און אלע שרשים. רעפאָרם מיינט א טייל, א פראַגמענט, איינע אָדער אייניקע מצות.

די גוים האָבן גענומען שטיקלאַך אידישקייט און עס געמאכט פאַר זייער גאנצער רעליגיע, און אויך די שטיקלאך האָבן זיי פאַרקריפּעלט. פונקט ווי די געצנדינער האָבן זיי גענומען איין כח און דאָס געמאכט פאַר א ג־ט, זון, לבנה, א שטערן און א בוים. ביי אונדז אָבער; טויזנטער זונען, מיליאָנען כחות, מיליאָנען פּאַסירונגען און אַלץ ווערט פאראייניקט. מיר נעמען און האָבן אַלץ, אַלץ אין און דורך איינס — „רזא דאחד״.

מיר ווילן א גאנצע אידישקייט. אזוי ווי אַ גאנצן קערפּער, רמ״ח אברים ושס״ה גידין. אַפילו ניט ס׳הארץ אָדער דעם קאָפּ אַליין, נאָר אלע. און ווען עס וואָלט געווען נאָך זונען און שטערנס, וואָלטן מיר זיי אַלע געוואָלט, אַז זיי זאָל שיינען און וואָלטן ניט ווילן, אַז איינע פון זיי זאָל זיך פארלעשן. אויב ניט, איז דאָך דער „אותו האיש״ אויך געווען א רעפאָרמער און די גוים זיינען דאָך די אייניקלאך פון די ערשטע רעפאָרמער: „ראו מה בין תלמידיו של אברהם אבינו לבין תלמידיו של בלעם״...

ניט אָפּשניידן קיין גלידער און רייסן אברים פון אידישקייט. די גוים האָבן דאָך אויך אייניקע טיילן פון אידישקייט, אָבער דאָך זיינען זיי — גוים. מיר ווילן אויך די נשמה פון אידישקייט. תורה אידנטום און ניט קיין הפקרות. ניט ווי אונדז ווילט זיך. נאָר תורה לערנען, שטודירען, וויסן און פארשטיין. ניט קיין דאָגמאַס, צו לצו קו לקו, פינטעלאך און שטריכעלאך, נאָר תורה געלערנט אין אָריגינאל.

עס העלפט ניט קיין חכמות. צוויי גדולי ישראל, משה רבינו און שלמה המלך האָבן געוואָלט זיך קליגען. שלמה המלך האָט געזאָגט: „אני ארבה ולא אסור״... און ג־ט האָט געענטפערט, אפילו טויזנטער ווי שלמה ווען

ניט קענען ביישטיין דעם נסיון. די גרעסטע קאָנגרעגיישאָן, מיט די גרעסטע און בעסטע מיטגלידער וועלן בטל ווערן און איין וואָרט פון תורה וועט ניט געמיגערט ווערן. משה אין זיינע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען האָט געוואָלט ברייגנען די גאולה וואָס שנעלער „ומאז באתי אל פרעה הרע לעם הזה והצל לא הצלת״ — אַז זינט איך בין געקומען צו פרעהן, צו רעדן אין דיין נאָמען, באגייט ער זיך נאָך ערגער מיט דעם דאָזיקן פאָלק, און מציל זיין האָסטו ניט מציל געווען דיין פאָלק. האָט ג־ט דערפאַר געענטפערט משהן, „אַצינד וועסטו זען, אָבער דו וועסט ניט זען אין די מלחמות פון די איין־און־דרייסיק מלכים״. (מדרש רבה). צוליב די זינד פון וועלן באלד די הילף.

שלום אַן שווערד און שפּיז

מלך בשר ודם אין לובשין לבושו וישראל לובשין לבושו של הקב״ה. ומהו לבושו של הקב״ה? עוז. שנאמר (תהלים צ״ג) לבש ד׳ עוז התאזר. ונתנו לישראל שנאמר (שם כ״ט) ד׳ עוז לעמו יתן ד׳ יברך את עמו בשלום (מד״ר, פרשה וארא, ח׳).

ביי א סך פעלקער איז אָנגענומען, אַז זייער שטאַרקייט באַשטייט אין מלחמה. איבערהויפּט ביי די מלוכות וואָס ווערן באַהערשט פון זעלבסט-הער־-שער און דיקטאַטאָרס, ווען זיי פאַרפּלאָנטערן זיך אַליין אין דער נעטץ פון נויט און אָרעמקייט, ווען די אומצופרידענהייט וואַקסט, מורא האָבנדיק פאַר זייער אייגענעם שאָטן, — געפינען זיי ניט קיין אַנדער אויסוועג ווי באַוואַ־פענונג און מלחמה. כמעט די גאַנצע געשיכטע איז פול מיט ווייזן העלדיש־קייט אין און דורך מלחמה.

מיר, אָבער, אנערקענען און ווייסן, אַז אין מלחמה ליגט צושטערונג און פאַרניכטונג. פאַרדאָרבונג פון גייסט און מאָראַל און דער עיקר, פולשטענ־דיקער אונטערגאַנג.

מיר זיינען גבורים, מיר באַזיצן אַן אויסערגעוויינליכע גבורה, נאָר מיר באַנוצן די גבורה אויף — שלום. אונדזער שטאַרקייט און מעכטיקייט ליגט אין שלום. שלום צווישן זיך און שלום מיט דער וועלט. און ניט נאָר איז שלום קיין שאַנדע ניט, א צייכן פון שוואַכקייט, נאָר, אדרבא, אין האַלטן און זוכן דעם שלום ליגט די גרעסטע מאַכט און שטאַרקייט. דאָס איז די געטליכע שטאַרקייט, דער לבוש פון כביכול, וואָס דורך דעם נעמט ער אַרום דעם גאַנצן באַשאַף, די געגענגעזעצטע כחות אין לעבן און נאַטור, האַלט זיי צוזאַמען, מאַכן שלום ביי זיי, אַז עס זאָל הערשן האַרמאָניע און אחדות.

אָט די ערהאַבענע געטליכע מאַכט און שטאַרקייט האָט ג־ט אונדז געגעבן. געשאָנקען און געלערנט, אַז עס דאַרף דינען פאַר אונדז אַלס לבוש זיך דאַמיט אויסצוצירן. ניט מיט שווערד און שפּיז, נאָר מיט שלום: — „שנאמר ד׳ עוז לעמו יתן ד׳ יברך את עמו בשלום״.

די פעלקערליכע קאָנסטיטוציעס — שמעקן מיט בלוט. אויף אונדזער אידישן לעבן איז אויסגעגאָסן געוואָרן דער חורבן פון פּאָגראָמען און חורבנות פון הונדערטע קהלות, פון אויסשעכטן און פארברענען מיליאָנען פון אונדז, דערפאַר איז מען ניט זיכער מיט זייערע קאָנסטיטוציעס. אידן באַציען זיך צו זיי מיט אומצוטרוי, ווייל עס פעלט דער יסוד פון גערעכטיקייט. עס קומט דעם מענטשן זיין פרייהייט, זיין גליק, זיין רעכט, אַלס א פונדעמענטאלע אייביקע רעכט און ניט ווי א נדבה, געשאָנקען, צוגעוואָרפן, וואָס ווען דער נדיב וויל גיט ער עס און קאָן עס צו יעדער צייט צוריקנעמען.

און די הויפּט זאך איז, עס פעלט אויך די גאראנטיע פון די נעמערס, אַז זיי וועלן האלטן טייער און זיך ניט לאָזן ווידער באַרויבן פון זייער פרייהייט. ווען מען זייעט שנאה וואקסט שנאה, האס צום פרעמדן ברייגגט צו זעלבסט האס. דער אינטערנאַציאָנאלער האָס און רשעות פאַרניכטעט זיי אליין, און דאָס האָט אונדז צום בעסטן באוויזן די צווייטע־וועלט־מלחמה.

אידישע שטארקייט איז דאַרום נאָר — שלום.

זמן חרותינו

דער זמן חרותינו, איז דער ערשטער אידישער יום־טוב. וואָס נענטער צום בארג סיני אַלץ ווייטער איז דער איד פון מצרים. יציאת מצרים איז געווען די איינלייטונג צו מתן־תורה, ווייל איידער מען נעמט א תורה דארף מען זיין פריי און באפרייט. תורה קען געגעבן ווערן צו א פאָלק וואָס האָט נאָר פרייהייט.

די תורה מיט אירע עשה׳ן און לא תעשה׳ן איז ניט קיין קנעכטשאפט פאַר דעם מענטשן.

איז פרעה געווען פריי? ניין. ער איז געווען אַליין פארשקלאפט, ער איז געווען א האַר איבער אנדערע אָבער ניט איבער זיך. פרעה איז ניט קיין אויסנאם פון א מענטשן וואָס איז אויסערליך פריי און אינערליך קנעכט. „עבדות בתוך חרות״. עס זיינען דאָ שקלאפן פון תאוה, זיי מיינען, אַז זיי זיינען די בעלי בתים אויף זייער אייגענטום און לאָזן זיך גאָר אויס, אַז זיי זיינען דאָס אייגענטום פון זייער אייגענטום. מיט דעם זיין פון א „עבד ד׳״ הערט מען אָבער אויף צו זיין א שקלאף, ווייל מען האָט די אמת׳ע פריי־הייט. האָבנדיק די פרייהייט זיך אויסצוקלייבן וואָס ער וויל. ניט וועלן וואָס מ׳דארף ניט און אויך ניט זיין ווי די חיות, פול מיט תאוה. אלע ווילן זיין גוט, וויפיל אָבער טוען גוט? אלע אנערקענען גערעכטיקייט, אָבער וויפיל פאַרווירקלעכן עס אין פראַקטישן לעבן?

יציאת מצרים איז ניט קיין עפיזאָד אין אַן אלטער געשיכטע, נאָר א כסדר׳דיקער און שטענדיקער, פערמאנענטער פראָצעס וואָס באנייט זיך, אפילו היינט! די גע׳רודפ׳טע אידן אונדזערע, די פרעה׳ס, רשעים און אונ־טערדריקער, די נוגשים און שוטרים. אונדזערע שלוחים, די אמאָליקע, זיינען היינט אויך דאָ. משה, אהרן, מרים און יוכבד. ריידן פון דער תורה וואָס די גוים אַליין לערנען, לייענען און פאַרהייליקן און דאָך איז עס מער־קווירדיק ווי זיי הערן ניט ווי די תורה שרייט צו זיי: — „שלח עמי ויעבדוני,

כי אם אינך משלח את עמי הנני מביא״ — דם, מלחמה, בירגער קריג און מכות...

ג־ט וויל פרעה זאָל אַליין ארויסשיקען די אידן, זיי באפרייען. האָט ג־ט ניט גערופן צו ניקאָליי אין רוסלאנד — באַפריי די אידן! צו ענגלאנד — באפריי! „אם אינך משלח את עמי״. פוילן, דייטשלאנד, אונגאַרן און רו־מעניען... וויפיל טייכן בלוט, וויפיל דערטרונקען אין ים פון רעוואָלוציעס און כנים, ערוב, חיות רעות, דבר פון הונגער, חשך מצרים, מכת בכורות, קארפען קעפ זיינען געפאלן. פרינצן, מיניסטאָרן און באראָנען, און דער מצרים פראָצעס גייט אָן מיט אלע קליפערלאך אויך היינט ווי אלעמאָל אין דער געשיכטע.

פארברעכן און שטראָף

ווען מיר גיבן א בליק אין דער געשיכטע, זעען מיר שטענדיק די מדה כנגד מדה. ווי עס דריקט זיך אויס די גמרא (סוטה י״א) „בקדרה שבשלו, בה נתבשלו״. די שוואכע, געפייניקטע, פארפאָלגטע, ווערן געראטעוועט מיט כבוד און גייען אַרויס פארשטאַרקט און געקרעפטיקט, און די פארפאָלגערס ווערן דערטרונקען אין זייערע אייגענע רשעות און גזירות.

אויפן פסוק פון „ויצלני מחרב פרעה״, זאָגט דער ירושלמי (ברכות פ״ט), „א״ר אלעזר בשעה שתפס פרעה את משה חייב להתיז את ראשו ניתז החרב מעל צווארו של משה על צווארו של קסנתירו והרגו, הוא שאמר משה ויצלני מחרב פרעה, אותי הציל וקסנתר הרג״.

דאָס איז א גרויסע טרייסט פאַר אונדז און א וואָרנונג צו אונדזערע שונאים. אַזוי לערנט אונדז די גאנצע היסטאָריע „בקדרה שבשלו״, אין טאָפּ פון האס און גיפט, נתבשלו, זיינען זיי אַליין אויסגעקאָכט געוואָרן.

דער שווערד שפרינגט שטענדיק אָפּ פון משה׳ס האלדז און טרעפט דעם היינקער. דער גירוש שפאניע האָט עס אונדז געלערנט. די שפאנישע אינקוויזיציע האָט אונדז געפייניקט און געברענט, האָט איצט דאָס שפאנישע פאָלק דורכגעמאכט א אינקוויזיציע אויף זיך אַליין. די גזירות אויף אידן אין אַנדערע לענדער האָט אָפּגעשפרונגען אויף די יעניקע וואָס האָבן די גזירות געשאפן. צוליב די פארפאָלגונגען אויף אידן האָבן זיי פאַרלאָרן די מלחמה און גלייכצייטיג געוואָרן אַזוי ערנידעריקט און געבראָכן.

אַזוי שפיגלט זיך אלעמאָל אָפּ דער „פארברעכן און שטראָף״ — דורך זייערע גזירות אויף אידן האָבן זיי זיך אַליין דערוואָרגן. הונגער, נויט, פארשטריקן אויף זיך אַליין אַלץ שטארקער די שטריק איבער זייערע העלדזער און זייער מפלה ווערט זיכער און נאָענט.

בויען א גאנצע אידישקייט

כי יד על כס י׳. לוי בשם ר׳ חמא ב״ר חנינא כל זמן שזרעו של עמלק קיים בעולם, לא השם שלם ולא הכסא שלם שנאמר כי יד על כס י׳ מלחמה לד׳. אבד זרעו מן העולם השם שלם מה טעם (תהלים ט׳) **האויב תמו חרבות לנצח** וערים נתשת אבד זכרם המה, מה כתיב בתריה: וד׳ לעולם ישב כונן למשפט כסאו (פסיקתא).

א גאנצע זאך און ניט קיין האלבע. עס זיינען פאַראַן פיל זאכן אין דער תורה וואָס זייער העלפט איז כמעט ווי גאָרניט. עס איז גאָרניט א חצי רביעית ביי קידוש און הבדלה; א חצי זית מרור און מצה; צוויי פרשיות אין תפילין; צוויי ציצית; צוויי מינים ביי אַן אתרוג און אַזוי א סך זאכן ניט נאָר ביי מצות נאָר אויך אין לעבן — א האלבע נאָדעל, א האלבע שער און א האלבער—מענטש.

ג־ט האָט אונדז באוויזן ביים בויען דעם משכן און מקדש, אַז אלעס דארף זיין בשלמות. „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכו״. לערנען תורה, הייזער פון תורה, תלמוד תורות אָן ג־ט, אָן יראה, נעמען ג־ט אָן תורה, — איז אומ־מעגליך. אז ג־ט זאָל זיין מיט אונדז איז נאָר מעגליך דורך — תורה. די בתי כנסיות און בתי מדרשות, זייער עקזיסטענץ בארעכטיקונג איז נאָר, ווען דער פלאָטץ פון די שכינה קען דאָרטן וואוינען. דאָס איז גאנצע אידישקייט.

אַזוי האָט אונדז ג־ט געוויזן ביים משכן און די מצוה פון „וכן תעשו לדורות״. דער ארון, דער סימבאָל פון תורה, די כרובים, מקשה עם הכפרת, זאָל זיין באהעפט מיט תורה און באשיצן אויף תורה. פורשים כנפיהם למעלה — שטרעבן העכער. דער שלחן מיטן לחם הפנים, — דער אידישער טיש זאָל האָבן א פנים. מען זאָל זיך ניט דארפן שעמען און קענען ווייזן דעם פנים. ניט דאַרפן באגראָבן דעם פנים פון שאנדע. מנורה, מקשה, סימבאָליזירט דעם אידישן גייסט. די אידישע נשמה, מיט די בעכערלאך און בלימלאך, פארשידענארטיקייט און פיעלפארביקייט, זאָל זיין מקשה, איין שטיק. אַלעס זאָל זיין. ניט א בלום און ניט א בעכער אַליין, און שרייען,

אַז דאָס איז די גאַנצע מנורה אָדער זאָגן, אַז מען דאַרף שוין ניט מער.

ווי נאַריש איז דאָס אַזוי צו זאָגן. זאָלן מיר אויסלעשן אָדער פינסטער מאַכן די זון און לבנה און זיך באַנוגענען מיט די שטערן, אָדער אויסלעשן אַלע שטערן אין הימל און זאָגן, אַז ס'איז גענוג מיט די באַלייכטונג פון איין שטערן אין הימל? הלוואי וואָלטן געווען וואָס מער שטערן. ווען עס וואָלט געווען אין אונדזער מעגליכקייט צו באַשאַפן נאָך אַ שטערן אָדער ווען מיר וואָלטן דורך אונדזערע תפילות געקענט פועל'ן ביי ג־ט, אַז ער זאָל אונדז צוגעבן נאָך אַ שטערן, וואָלטן מיר מיט האַרצרייסענדע טרערן געדאַרפט מתפלל זיין. יעדער מצוה — אַ שטערן. יעדער מענטשליכער נשמה — אַ נר ד'. דער גאַנצער ענין פון תורה — די זון. „תורת ד' תמימה משיבת נפש". דערקוויקט די נשמה. מאַכט קלוג דעם נאַר, דערפרייט די האַרץ און דערלייכט די אויגן.

דער ביטערער און טרויעריקער גלות, וואָס צוטיילט אונדז געאָגראַפיש, מאַכט אויך אַ געוואַלדיקן רושם אויף דעם גאַנג פון אונדזערע געדאַנקען און ברענגט צו פירוד און פאַרשפרייטונג פון אונדזער גייסט. עס איז דאָ ביי אונדז אַזעלכע, וואָס האָפן פאַר דער פאַרווירקליכונג פון די גוי'אישע אידעאַלן, וואָס זאָגן און פּרעדיקן, אַז ס'איז גענוג איין מצוה. מען קען זיך באַנוגענען מיט אַ שטריכעלע, אַ שטערנדעל און דאָס איז שוין גענוג פאַר דער געטליכקייט.

אין דעם איז שולדיק דער גלות. ווייל די שטול פון ג־ט איז אויך ניט גאַנץ. ג־טעס פירערשאַפט ווערט פול מיט פגימות כל זמן עס זיינען דאָ עמלקים, וואָס הערשן אויף דער וועלט, ווען דער אָנדענק פון עמלק לעבט נאָך אין לעבן, און עס הערשט אכזריות, מלחמות און באַטרוג, ווערט דער נאָמען פון ג־ט „רחום וחנון ארך אפים ורב חסד, היה הוה ויהיה'" — אויך ניט שלם, גאַנץ, אַזוי איז עס אין אַ צייט ווען די פירערשאַפט פון דער וועלט איז אַן אַנדערע, אַ גאָר אַנדערע ווי די וועגען פון ג־ט כביכול.

וואָס קענען מיר שוין טאָן, ווען די באַדערפעניש אויפצוהאַלטן אונדזערע קערפּערס, איז אַזוי באַגרענעצט און דערצו נאָך דאָס שטיקען און דערדריקען פון די פאַרשידענע עמלקים. ווי לעבט מען אויף דער וועלט? „מאין יבוא עזרי"? עס איז אַ הילפלאָזע וועלט מיט פאַשיזם, נאַציזם, קאָמוניזם און אַנאַר־

כיזם. חוצפה, פאַלשקייט און צביעות. סטראַשונקעס מיט מלחמה, אָפּגרונד. עס איז הילפלאָז אָן ג־ט אָבער פול מיט הילף ווען מיט — ג־ט.

די זיכערקייט און גאַראַנטי איז ווען מיר זיינען מיט ג־ט. פון גאָר ניט קען קומען די הילף, אַזוי ווי די בריאה — בראשית, יש מאין. פון אָט די שטערערס און ברעכערס זאָל און קען קומען די וועלט צו באַזינונג. ווי האַלט זיך די וועלט? ווי לעבט דער מענטש? ווי שיינט די זון? ווי האַלטן זיך די גרויסע בערג — פון ג־ט קען מען אָבער ניט אַנטלויפן, מען קען אָבער אַנטלויפן צו — ג־ט, אברח ממך — אליך (ר׳ שלמה בן גבירול).

אשא עיני אל ההרים — בערג איז אַמאָל אוממעגליך אַריבערצוקלעטערן. אָבער ווי האַלטן זיך די בערג און ווער האָט זיי באַשאַפן? אויך אויף די בערג וואַקסט גראָז, די לופט איז ריינער. יש מאין, אויב אַזוי, וועט מיין הילף פון בורא, אָט פון גאָרניט, אויך קומען.

אל ההרים, ההורים, זאָגן חז״ל, דער ג־ט פון מיינע עלטערן, וואָס ער האָט זיי געהאָלפן אין זייער אומבאַהאָלפענקייט פון פייער און וואַסער. עס פאַלט ניט דער הימל און עס גליטשט זיך ניט אויס די ערד, ווייל ג־ט וואַכט איבער זיי און האַלט זיי אין צאַם. המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשי בראשית. נו, אויב אַזוי, וועט אויך מיין פוס זיך ניט אויסגליטשן און אויך מיין וועכטער שלאָפט ניט און דרימעלט ניט צו דערהאַלטן די נשמה. ד׳ ישמור נפשך, „שמירת הנפש״.

אַזוי שטייט אויך דער אידישער פאָלק היינט, ווי אַלע מאָל, אין א הילפ־לאָזער וועלט און פרעגט זיך מאין יבוא עזרי? גייט אידישקייט אונטער? ווי לעבט מען אַ אידישן לעבן און ווי האַלט מען אויף די נשמה? דער ענטפער איז ווייטער דער זעלבער מאין. דער הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל איז אַ פאַקט אין אונדזער געשיכטע. פון די מכה איז אויך געקומען די רפואה. ע ר באַלייכט אונדזער פינסטערע נאַכט אין גלות און היט אונדז, ווי עס איז אַלעמאָל געווען אין דער אידישער געשיכטע.

מאָדערנע שאלות ותשובות צווישן עלטערן און קינדער

והי׳ כי יאמרו עליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם, בשורה טובה נתבשרו ישראל באותה שעה, שיהי׳ להם בנים. וי״א בשורה רעה נתבשרו ישראל באותה שעה שעתידה תורה להשתכח מישראל (מכילתא).

בשורה טובה, אַז עס זיינען דאָ עלטערן, וואָס ווייסן וואָס צו ענטפערן. בשורה רעה, אַז עלטערן ווייסן ניט צו ענטפערן.

ודע מה שתשיב, מען דאַרף וויסן. אידן האָבן קיין מורא ניט פאר וויסן. ניט ווי ביי זיי, וואָס נאָר די גלחים ווייסן אָבער די מאסן טאָרן ניט וויסן.

בשורה טובה, אַז מען פרעגט אויף מצות. בשורה רעה, אַז מען פרעגט אויף עבירות. טריפות, קינדער צו עלטערן און עלטערן צו קינדער. קינדער־לאַך, סטייטש, וואָס איז דאָס ? גאנצע אווענטן, נעכט, אין פאַרוויילונגען און ניט אריינשמעקען אין שול, ניט אָנמעסטן די תפילין ?

בשורה רעה שעתידה תורה להשתכח. אז ביי אַלע מעשים און טואונגען איז פונקט ווי עס וואָלט חלילה קיין תורה ניט געווען. אַלעס איז אַזוי הפקר.

מ׳דאַרף זעען, אַז תורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן. זיך אַליין ערציען, אַז מען זאָל קינדער יאָ וויסן צו ענטפערן און דעם שאינו יודע לשאול אַליין קענען לערנען און ניט וואַרטן ביז ער וועט ווערן א רשע און פרעגן אין אנאנדער טאָן און ריידן מיט גרינגשעצונג און רשעות, אַז דער תם זאָל נאָך ערגער ווערן און עס זאָל קומען צו אזא שטופע פון גאָרניט פרעגן.

די וועגן פון לעבן

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה. שמא יאמרו ישראל הואיל ונתן הקב״ה לפנינו שני דרכים דרך החיים ודרך המות, נלך באיזה מהם שנרצה, ת״ל ובחרת בחיים למען תחי׳ אתה וזרעך. משל לזקן היושב על פרשת דרכים והיו לפניו שני שבילים אחד שתחלתו מישור וסופו קוצים ואחד שתחלתו קוצים וסופו מישור, ומזהיר את העוברים דרך שם ואומר להם הזהרו מה שתחלתו מישור כי כלו קוצים עד סופו, לכו בזה שתחלתו קוצים כי סופו מישור (מדרש תנחומא).

צוויי וועגן אין לעבן, גוטס און שלעכטס. זיצט זיך דער אלטיטשקער, שוין טויזנטער יאָרן, אויף דעם שייד־וועג, און וואָרנט אלעמען, לערנט און בעט זיך „דעטור״, צוריק, מענטשן־קינד. טו תשובה. האָסט דאָך געזען אזוי פיל אומגליקען, גע׳הרג׳עטע און גע׳ניזוק׳טע, פאַרקריפּעלטע מיט אָפּגע־ריסענע גלידער, ווען מען האָט מיך ניט געפאָלגט. אָט דער וועג פירט צום לעבן און דער וועג, פאַרקערט, פירט צום טויט.

שטייען מיר אויפן שייד־וועג, אויף די וועגן וואָס טיילן זיך פונאנדער, פאַרגאנגענהייט און צוקונפט, עבר און עתיד, באטראכטן אונדזער וועג ביז היינט, איז ער געווען גלאַט, שיין, אָדער פול מיט שטיינער און דערנער? געדרייטע און שארפע „קוירוווס״, זיכער אָדער פול מיט סכנות?

מיר דאַרפן נאָך פאָרן. מיר האָפן, אַז מיר וועלן נאָך לאנג דארפן פאָרן. פאָרן מיר צום ציל? זיינען מיר אויפן ריכטיקן וועג, אָדער בלאָנדזשענען מיר ארום? דאַרפן מיר אפשר מאכען „אדיטור״! פון וואנען זאָלן מיר עס וויסן. זיינען מיר דען אַזוי שאַרף קלוג! אזוי פילאָסאָפיש־דענקעריש! קלערען און דענקען מיר אַזוי פיל. זיינען מיר אַזוי פאָרזיכטיג צו היטן אונדזערע טריט? פאָרן מיר אַזוי לאנגזאם אָדער לעבן מיר א „שנעלן־לעבן״? היטן מיר די טרעפיק־רעגולאציעס אָדער פליען מיר ווי משוגעים. מיר ווילן ניט זאָגן אַז מיר גייען צום שלעכטן, אין בעסטן פאַל קענען מיר זאָגן, מיר ווייסן ניט.

צום גליק האָבן מיר אָבער אונדזער פּריינט, דעם אייביקן אַלטיטשקען, וואָס פּוילט זיך ניט און זיצט כסדר און זאָגט אונדז. אונדזער אַלטע תורה, וועלכע צייגט אונדז מיט זיכערקייט, אָן ספקות, וואו איז דער וועג פון לעבן און גליק. פרייד און זיכערקייט. דער וועג, וואָס פירט צו זיכערקייט, צו די זיכערע סטאַנציע אָדער פּאָרט פון — לעבן.

ווי גליקליך זיינען מיר, דאָס מיר האָבן געהאט און האָבן אונדזערע זקנים, ניט איין זקן נאָר טויזנטער. מיט זייער חכמה און ערפאַרונג, מיט זייער נבואה און רוח הקודש, אונדזערע נביאים און אונדזערע אבות, אייגענע עלטערן, גוטע, טייערע, האַרציקע פריינט און צום בעסטן, וואָס ג־ט אליין, בכבודו ובעצמו, זיצט און לערנט תורה. ברוך — וואָס, נותן התורה.

בלינדקייט און אומבאהאָלפּענקייט

ויהי חשך אפלה בכל ארץ מצרים.

„דריי טעג איז געווען א שטאָקפינסטערניש אין גאנצן לאנד מצרים. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן ניט געזען, און זיי האָבן זיך קיינער ניט אויפגע־הויבן פון זיין אָרט דריי טעג".

עס איז שלעכט ווען מען נעמט אויף זיך אַליין דעם עונש, פון אזא געדיכ־טע פינסטערניש, אַז א ברודער זעט ניט א ברודער, נאָר אנשטאָט א ברודער באטראכט און באהאנדלט מען איינער דעם צווייטן ווי שונאים.

דאָס איז איינע פון די סבות וואָס פּאַראַליזירט דעם געזעלשאפטליכן לעבן און עס דערפירט צו א מצב פון אבסאָלוטער הילפלאָזיקייט. ווער עס זיצט אויף דער שטול פון פּרעזידענטשאפט, קען זיך ניט אויפהויבן העכער. דער וואָס שטייט און וואָלט זיך וועלן זעצן אויף דער שטול, און וואָלט אפשר אויך געפּאסט פאַר דעם, קען זיך נעבאך ניט זעצן. און נאָך ערגער איז, אַז די וועלכע עס ליגען, שלאָפן און קענען גאָרניט טאָן, ווייל עס איז חושך ואפלה אין געזעלשאפטליכן לעבן, שטאָק פינצטער.

מיר האָבן אין געזעלשאפטליכן לעבן אין אַמעריקע טוער, וואָס טוב שם משמן טוב. גוטע, קלינגענדיקע נעמען, מפורסמים מיט גוטע מעשים און מיר האָבן אויך נעמען מיט מיאוס'ע מעשים. פאַראַן מענטשן מיט ניט אזעלכע קלינגענדע נעמען, ניט אזעלכע שיינע נעמען, אָבער שיינע מעשים, זיי טוען א סך, שיין און פיין. נעמען זיי זיך אונטער, פירן זיי דורך. און דאָס וואָס מ'באַרעדט זיי, נו, א מעלה וואָס מ'רעדט.

עס זיינען דאָ אויך שמוציקע נעמען און מיאוס'ע מעשים. דער נאָמען איז גאָרניט אַזוי געהויבן, באַרעדטע און דערצו נאָך טוען זיי שלעכטס, ברעכן, און ברייגגען חורבן אין געזעלשאפט. שווער צו קריגן מענטשן מיט נעמען און מיט מעשים, אָדער זיי זיינען ווייניק, ניט בנמצא, אויב זיי זיינען נאָר טיכטיקע טוערס, פעלט שוין ניט קיין בעלנים, וואָס זאָלן פאַר'מיאוס'ן דעם נאָמען, זיינען מיר דאַרום צופרידן מיט אָט די באַרעדטע נעמען, אבי מיר האָבן זייערע גוטע מעשים.

די מרגלים פון דער תורה, איז אפילו דער נאָמען שוין מיאוס, אַז מען קען אויף ארץ ישראל אויסטראַכטן און זאָגן „ארץ אוכלת יושביה״, מען קען קיין לעבן ניט מאכן, אנשטאָט פון עסן פון דער לאנד, עסט גאָר די לאנד אויף די מענטשן, מענטשן־פרעסער, קאַניבאלן, ריידן אויף משהן, אַז ער האָט כונות און פניות, זיי העצן אויף דעם כלל ישראל, אָט דאָס זיינען די מיאוסע פירער.

די בלינדקייט און אומבאהאָלפענקייט אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן דאַרף איינמאָל פאַר אלעמאָל אָנגעמען אַן אנדער כאראקטער, נאָר אַזוי קענען מיר זוכה זיין צו בעסערע פירער פאַר דער אידישער אמעריקע.

גערעכטיקייט

ואלה המשפטים זה שאמר הכתוב (תהלים צ״ט), ועוז מלך משפט אהב אתה כוננת מישרים, משפט וצדקה ביעקב אתה עשית. כל העוז והשבח והגדולה והגבורה של מלך מלכי המלכים הוא — משפט אהב. בנוהג שבעולם מי שהוא בעל זרוע אינו רוצה לעשות דבריו במשפט, אלא מעביר על המשפט. חומס וגוזל ומעביר על דת קונו ונושא פנים לפני אוהביו וקרוביו ועושה שלא כדין לשונאיו, אבל הקב״ה משפט אהב, אינו עושה דבריו אלא במשפט, ועוז מלך משפט אהב (מדרש תנחומא).

די גאנצע סדרה פון משפטים רעדט וועגן די געזעטצן פון מענטש צו מענטש, וועגן פארמיידן נזקים און באצאָלן פאַר יעדן שאָדן. א פרעמדן זאָלסטו ניט קריוודען און זאָלסט אים ניט דריקן. אַז דו וועסט לייען געלט מיין פאָלק, דעם אָרימאן ביי דיר, זאָלסט ניט זיין צו אים ווי א בעל־חוב: איר זאָלט ניט ארויפלייגען אויף אים צינזען.

דער גאנצער חשן משפט, אַ גרויסער טייל פון אבן העזר און יורה־דעה באהאנדעלט גערעכטיקייט, די באציאונגען פון שטארקן צום שוואכן. אזוי ווי ג־ט, אין דערמאָנטען מדרש, ווערט באצייכנט מיט שטארקייט, „ועוז״ — א מלך, ער קעניגט און דאָך האָט ער ליב גערעכטיקייט. ניט ווער עס איז שטארקער איז וויכטיק, נאָר ווער עס איז גערעכטער, אַזוי אין די באציאונגען צווישן מאן און פרוי, עלטערן און קינדער, מיטגלידער און אָפיסערס. צדקה מיט משפט. אזוי ווי ג־ט ליבט משפט, אַזוי האָט ער באשאפן דאָס אידישע פאָלק, אַז זיי זאָלן טראָגן די גערעכטיקייט. דער אתה כוננת מישרים, דער משפט און צדקה צוזאמען, ווערט נאָר ביי יעקב׳ן פארצייכנט. „מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל, לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידעום״.

דאָס וואָס פרשת שקלים איז מיט משפטים, ווייל די שקלים זאָל זיין מיט משפטים, גערעכטיקייט. פייערדיקע שקלים וואָס ווארמען און לייכטן, ניט טייוולישע געלט, וואָס ברענט, געלט וואָס ווערט גענוצט אויף פארניכטונג און האס — פראָפּאַגאנדע. מיליאָנען פאַר אונטערדריקונג. די המן שקלים,

וואָס גייען אויף „להשמיד, להרוג ולאבוד". אָבער ג־ט האָט מקדים געווען די שקלים מיטן צוועק פון בויען דעם משכן און בית המקדש. די סאָרט שקלים וועגן אלעמאָל איבער די מיליאָנען, וואָס ווערט פאַרוועגדעט פאַר שנאה. דאָס איז אונדזער וויכטיקסטע און געוויכטיקסטע פרשה, איין־איינ־ציקער שקל פאַרן משכן איז וויכטיקער ווי מיליאָנען שקלים אָן צדק און משפט.

„צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת", ביי אונדז איז די צדקה א התרוממות און ביי זיי איז דער „חסד" א זינד. עס איז ניט אזוי וויפיל מען גיט נאָר ווי מען גיט. א מטבע של אש, עס זאָל ברענען אויף דער אייגענער הארץ, מיט ווייטאָקן מיט דעם אָרעמאן און פילן זיין ווייטיק ווי א אייגענעם ווייטאָק. דערלייכטן און דערוואַרעמען מיט די צדקה איז נאָר מעגליך ווען עס קומט „מתחת כסא הכבוד". ווען מען גייט אין די דרכים און וועגן פון ג־ט און ווען מ'גייט שוין אין די וועגן פון צדקה דאַרף מען און מען מוז גיין אין די וועגן פון — גערעכטיקייט.

די מצוה פון שרייבן אַ ספר תורה

שרייבן א ספר תורה ביי אידן אָדער קויפן איין אות, דעמאָנסטרירט אונדזער ווילן און פאַרלאַנג צו זיין צוגעבונדן צו די תורה און פאַרשפּרייטן תורה איבעראַל. עס זאָלן זיין וואָס מער ספרים פון וואָס צו לערנען. אויב מיר האָבן שוין א ספר תורה, שרייבן מיר א נייע פאַר אונדזערע קינדער, פאַר אנדערע אום פעסטצושטעלן און דורכפירן דעם צוזאָג פון דער תורה — „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה לבני ישראל שימה בפיהם לכם ובעד בניכם״, — און אצונד שרייבט איך אויף דאָס דאָזיקע געזאַנג, און לערנט עס אויס די קינדער פון ישראל; טו עס אַריין אין זייער מויל, פאַר אייך און פאַר אייערע קינדער. זיך דאמיט צו באנוצען און צו פאַרשפּרייטן די תורה אויך פאַר דער יוגנט.

עס זיינען פאַראַן די מצות וואָס זיינען שייך צו תורה. לערנען תורה — „ולמדתם״; פאַרשטיין תורה — „ושננתם״; פאַרשפּרייטן תורה — „ברוך אשר יקים״ און די מצוה פון שרייבן א ספר תורה.

אָט די אלע פונקטן איז צוליב „התורה הזאת לעד לבני ישראל״—די תורה זאָל מיר זיין צום עדות קעגן די קינדער פון ישראל. פון גיין אין די וועגן פון תורה איז אָפּהענגיק אונדזער גליק און הצלחה אין דער וועלט און דאַרויף איז די תורה אַן עדות, אז ג־ט איז אין אונדז.

אַזוי איז די תורה אויך אַן עדות אויף איר אייביקייט און מיט דעם שרייבן די תורה אָדער אונדזערע נעמען אין דער תורה, באווייזן מיר די אייביקייט פון „כי לא תשכח מפי זרעו״, — עס וועט ניט פאַרגעסן ווערן פון דעם מויל פון זיינע קינדער.

שוין טויזנטער יאָרן ווי מיר שטייען און שרייבן ספרי תורות און די תורה איז ניט פאַרגעסן געוואָרן פון אונדז. אויב אין איין לאנד ווערט די תורה אביסל פאַרגעסן, אָדער אין אַ געוויסן דור ווערט זי אָפּגעשוואַכט, קומט אַן אנדער לאנד און א דור, נאָך אונדז, לערנט, געדענקט און פאַרגעסט ניט, אזוי שוין טויזנטער יאָרן. אונטער שווערע און ביטערע נסיונות,

גלות און אויסוואַנדערונג פון געוויסע לענדער, אָבער די תורה, אונדזער גרויסער עדות, ווערט ניט פאַרגעסן.

אונטער די שווערסטע אומשטענדן אין אַמעריקאַנער לעבן, האָבן די אידן ניט פאַרגעסן די תורה, געדענקען און האלטן אַן דאָס לערנען און שאצן אָפּ די לומדי תורה, האָבן דעם אמתן פאַרגעניגען פון הערן א דבר תורה, שאצן אָפּ דעם גרויסן זכות צו האָבן אַ זון, וואָס לערנט תורה. אָט דאָס אַלעס האָבן מיר ניט פאַרגעסן און פרייען זיך דאמיט, מיר ווילן זיך ניט שיידן, נאָר אונדזער פאַרלאַנג איז, זיך וואָס שטאַרקער צו טוליען צו דער תורה.

מיר גלויבן און זיינען איבערצייגט, אַז דאָס איז „חיינו ואורך ימינו" — מיר פרייען זיך מיט דעם שרייבן א ספר תורה און האַלטן אויף בכבוד די יעניקע וואָס לערנען די תורה.

„עץ חיים היא למחזיקים בה", — מיר ראַטעווען זיך דורך דער תורה.

שבת

שבת איז דער יום־טוב׳דיקער באנקעט וואָס מיר גרייטן פאַר אַלס דאנק פאַר זיין באשאף פון דער וועלט אויף וועלכער מיר גיבן אונדזער צושטימונג און לויבן זיין ליבן נאָמען.

מיר ענטפערן און זאָגן: ג־ט, גוט האָסטו געטאָן, שיין איז די וועלט, וואָס דו האָסט באשאפן, אַזוי ווי דו האָסט אליין געזאָגט: „טוב מאד״. אַי וואָס עס געפינען זיך אַנדערע וואָס פאַראומרייניקן די וועלט, דאָס איז אַנאנדער זאַך. ג־ט וועט זיך שוין מיט זיי אַן עצה געבן. עס איז א שיינע וועלט און עס איז דאָ מיט וואָס זיך צו פרייען, ס׳איז כדאי צו לעבן און מען קען האָבן הנאה פון אזא לעבן.

מיט דעם פארשטייען מיר גרינטליכער דעם: „כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים״, ווייל דאַן איז די גאנצע וועלט זיינע. אָן דעם תענוג שבת איז א באשריינקטע, איינגעשרומפטע וועלט. מיט דעם שבת איז אַן אומענדליכע וועלט, אָן גרענעצן...

דעריבער איז קיין וואונדער ניט וואָס מען האָט אונדז שטענדיק געפייניקט, געשלאָגן פאַר שמירת שבת, ווייל שבת איז די פּראָקלאמאציע פון פריי־הייט, פון אכטונג און מענטשליכער ווירדע, דער געטלעכער געשאנק צום מענטשן אויף רעכט און רוה, א צייכן אז מען דארף ניט זיין קיין שטענדיקער קנעכט. שבת איז דער אויסדרוק און אנערקענונג פון א העכערן בעל הבית איבער מענטש און לעבן.

שבת־אידישקייט איז א פּראָטעסט קעגן דער ביוראָקראטישער הערשאפט און קעגן יעדער פאָרם פון אונטערדריקונג. די ברכה פון שבת איז פאַר דער גאנצער וואָך. דאָרום איז דער שבת און יום־טוב אַן אָנדענק פון יציאת מצרים, א זכרון, מען זאָל געדענקען און אָפּהיטן פרייהייט און צו פאַר׳מיאוס׳ן די יעניקע, וואָס האָבן געזוכט אָפּצושאפן תורה און איינפירן געצנדינסט, כדי זיי זאָלן האָבן א פרייע האנט צו פאַרשקלאפן און פאַרקנעכטן אנדערע.

געצנדינסט איז א פּאָליטישע מאכט וואָס פאַראכטעט דאָס פּאָלק, וואָס האלט ניט מיט די אונטערדריקטע, נאָר מיט די מאכט־האָבערס. דערפאַר, אָן דעם שבת וואָלטן מיר געווען ווי אַ פויגל וואָס קען ניט פליען, אָן שוואונג און אָן דערהויבונג.

ג-טס פאָלק

אנכי ד׳ א׳ אשר הוצאתיך מארץ מצרים. ווייס, ר׳ ישראל, אַז דו ביזט שוין אַרויס פון מצרים. דו ביזט פריי. איך רייד צו דיר, ווי צו א פריי פאָלק, איז באַפריי זיך און האלט אָן דיין פרייהייט. פארשקלאַף זיך ניט צו געטשקעס, לא יהי׳ לך א׳ אחרים, ווייל געצנדינבסט איז — שקלאַפעריי צו דער נאטור און האָבנדיק דעם באוווסטזיין פון פרייהייט, ביזט דו געוואָרן דער עם סגולה, ממלכת כהנים, ג־טס פאָלק.

דארום פאנגט אָן ג־ט מיט „איך בין דיין ג־ט, וואָס האָט דיך אַרויסגע־צויגן פון לאנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאפט" און ער פאנגט ניט אָן פון „איך האָב באשאפן דעם הימל און די ערד", ווייל צו באשאפן אַזאַ פאָלק, ווי דאָס אידישע פאָלק, איז אַ גרעסערע זאַך ווי דאָס באשאפן די הימל און די ערד. די וועלט באשאפונג איז געווען אין זעקס טעג און באשאפונג פון אידישן פאָלק האָט גענומען — זעקס טויזנט יאָר.

אין דעם אידישן פאָלק געפינט זיך אָט די אלע סגולות פון דעם וועלט־באשאף. זון, לבנה, שטערן, פערל, גאָלד און זילבער, אַלץ וואָס די וועלט באנוצט. און אַזוי ווי עס זיינען נאָך ניט אויסגעפאָרשט די הימלען און ערד, ניט מער ווי געוויסע סודות זענען אנטדעקט געוואָרן, אַזוי איז נאָך ניט געקומען די פולשטענדיקע אנטפלעקונג פון דער אידישער נשמה.

צו זיין א פאָלק פון באשעפער, הנפש אשר עשו, איז גלייך ווי אַליין באשאפן די מענטשן און דערצו זיך נאָך צוגלייכן צום בורא עולם, מה הוא אף אתה, דאָס אַלעס דורך תורה, ווייל יעדער מצוה איז א בריליאנט, — קומט ממילא אויס אַז אידן זיינען ג־טס פאָלק, א פאָלק וואָס באשאפט.

ג-טם שפּראַך פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערן

יתיצבו מלכי־ארץ ורוזנים נוסדו־יחד על ד׳ ועל משיחו. יושב בשמים ישחק ד׳ ילעג־למו. אז ידבר אלימו באפו ובחרונו יבהלמו (תהלים ב׳) — „די מלכים פון דער ערד שטעלן זיך אויף, און די פירשטן עצהן זיך אין איינעם אויף ג־ט און אויף זיין געזאלבטן. דער וואָס זיצט אין הימל לאכט, ג־ט טוט שפּעטן פון זיי. דענסטמאָל וועט ער רעדן צו זיי אין זיין כעס, און אין זיין גרימצאָרן וועט ער זיי דערשרעקן״.

די רעוואָלוציע קעגן ג־ט און קעגן משיחן. אַט דער משיח־געדאנק איז אַ גאראנטיע קעגן אסימילאַציע. אויב משיח וועט זיכער קומען און אונדז אויסלייזן, וואָס איז די פּעולה פון זיך וועלן איינבירגערן און צופּאסן אין יעדן לאנד באַזונדער.

די מלכים פון דער ערד. גראפן, פירשטן, לאָרדן, די וועלט פירערס, רעגירערס אויף „לאָמיר צורייסן״, וואָס אין דער אמתן זיינען זיי גרויסע נאַראָנים, לעכערליך, „ג־ט טוט שפּעטן פון זיי״ און ווייזט זיי זייער טפּשות. די אלע אויסגעשפּילטע גענעראלן, מיניסטאָרן, שוטים! די געטליכע צוזאָגן און משיחישע האָפנונגען טויג ניט פאַר אייך! צופיל פאַר אייך. און די געהיימע און אָפענע בונטן פון מלחמות און אינטריגעס, פון העצערייען און אימפּעריאַליזם, דער יאָך פון באוואפנונג, פון בלוט־פארגיסונג, דאָס אלץ איז גוט? די שפּראַך פון ג־ט; „רחום וחנון רב חסד ואמת נושא עון ועובר על פשע״, אמת און צדק, משיח האָפנונג און גלויבן אין דער צוקונפט, דאָס איז ניט גוט! און דאַרום זוכט איר, רעוואָלטירט איר, און נעמט אָן די אַלע אכזריות׳דיקע, שקרים׳דיקע וועגן, כעס און צאָרן, ציין קריצעניש, שווערדן־פאכער און פויסט־ביילן, — גוט. „אָז״, אין אַזאַ לאגע וועט ג־ט צו זיי רעדן אין „זיין כעס, און אין זיין גרימצאָרן וועט ער זיי דערשרעקן״, דאָס איז די איינציקע שפּראַך וואָס זיי פארשטייען. איז דער איינציקער וועג זיי — דערשרעקען.

קריטיק, אָפּשאַצונגען און מיינונגען וועגן מחבר
און זיין ערשט ווערק

קריטיק, אָפּשאצונגען און מיינונגען וועגן מחבר און זיין ערשט ווערק

פון בארימטע אידישע פירער, רבנים, שריפטשטעלער, אָרגאניזאַציעס, כלל טוער און אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן.

דר. הירש לייב גאָרדאָן, ליטעראטור קריטיקער און שרייבער פון פילע וויכטיקע ווערק, שרייבט אין „מאָרגן זשורנאל" פון מערץ דעם 31טן, 1940, אונטער „אונזער פיל־שפּראכיקע ליטעראטור" — דער מוסר־פירער — אין א לענגערן ארטיקעל; —

„... מיר האָבן צו פארדאַנקען זיין טרייען איידים, הרב יצחק צבי עווער, פאַרן דאָפּעל באנד „הרב י. ה. לעווענבערג (זיין לעבן און שאפן) דברי יהודא הלוי (דרשות און רעיונות"... הרב עווער האָט אונדז געגעבן א מוסטערהאפטע ביאָגראפיע פון א גייסט־רייכן ליטווישן רב אין אַמעריקא אויפען הינטערגרונט פון אונדזער צופליקטן אָרטאָדאָקסישן קהל'ישן לעבן. עס איז פון גרויס ווערט פאַר דער פאָרשונג פון אידיש רעליגיעזע פּראָבלעמען אין אונדזער לאנד. הרב עווער באזיצט א זאפטיקן בילד־רייכן סטיל און אַן אונערשראָקענע אָפענהערציקייט וועלכע וואגט צו וואַרפן ליכט אויף סקאנדאליעזע מעשים געטאָן פון מענטשן וועלכע לעבן נאָך און וועלכע ער רופט ביים נאָמען... אין הרב עווער'ס בוך וועט איר דערזעען די נאָבעלע פערזענליכקייט פון גרויסן נפטר, זיין אהבת הבריות, זיין מסירות נפש פאַר תורה, זיין רעליגיעזן עקסטאז, זיין באצויבערענדע רעדנער קראפט, זיין גייסט וואָס האָט געוואנדערט, געזוכט, געשטרעבט, געקעמפט ביז דער מינוט ווען דער פלאם פון זיין נשמה האָט שוין ניט געהאט קיין ליכט אן וועלכע זיך צו האלטן. האַרצרייסענד זיינען די סצענען פון זיין געזעגענען זיך מיט זיין פאמיליע, אור־אַלט הייליק איז זיין צוואה. אַ גרויסער גייסט האָט געלעבט מיט אונדז 28 יאָר אין אמעריקא".

משה שטארקמאן, ליטעראטור קריטיקער און ביבליאָגראף, אין „טאָג" פון 16טן מערץ, 1940, שרייבט: —

„... אין דעם דאָזיקן בוך ווערט געשילדערט דאָס לעבן און די אופטועץ פון אַן ענערגישן רב מיט אַן אויסגעשפּראָכענער פערזענליכקייט, א קעמפער און בויער, וועלכער האָט פּרובירט אריבערפלאנטצן אויפען אַמעריקאנער באָדן דעם סלאבאָדקער מוסר, און דורך דער ישיבה, וואָס ער האָט געגרינדעט אין ניו־הייווען, האט ער געוואָלט זיין ציל דערגרייכן. פון ניו־הייווען איז די ישיבה אריבערגעטראָגן געוואָרן קיין קליוולאנד — און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מחלוקת'ן ארום דער ישיבה, ארום כשרות און ארום דעה־זאָגעריי. די קריגערייען האָבן רואינירט די ישיבה, הרב לעווענבערג'ן אַליין און געפירט צו אַ גרויסער משפחה־טראגעדיע, ווי אויך צו זיין פריצייטיקן טויט. פון הרב לעווענ־

בערג׳ס ביאָגראפיע, געשריבן פון זיין תלמיד און איידים, הרב יצחק צבי עווער, דערוויסט מען זיך א סך אינטערעסאנטע פּרטים וועגן די רייסערייען צווישן די ארטאדאָקסישע רבנים דאָ אין לאנד און וועגן די ניט גאָר שיינע מעטאָדן, מיט וועלכע געוויסע גייסטיקע פירער פון דער ארטאָדאָקסיע באנוצן זיך אין די דאָזיקע מלחמות...

...ווי מקורים פאַר זיין ביאָגראפיע פון הרב לעווענבערג, האָט הרב עווער גענוצט ארטיקלען אין דער אידישער פּרעסע וועגן דער ניו־הייווענער מוסר ישיבה און איר גרינדער. פון די פּרעסע אויסצוגען איז צו זעען וואָס פאַר א גרויסע האָפנונגען מ׳האָט אויף יענער ישיבה געלייגט און מיט וויפיל ברכות פון אלע ריכטונגען איר עפענונג איז באַגריסט געוואָרן. דער צווייטער טייל „דברי יהודא הלוי״ (ז״ז 381־540) אנטהאלט הרב לעווענבערג׳ס דרשות, רעדעס, מוסר־רעיונות און אַרטיקלען, אלע אין אידיש און דריי אין לשון קודש. אין די דרשות פילט זיך אויך די השפעה פון דער אמעריקאנער סביבה אויפען געדאנקען־גאנג פון זייער מחבר... עס פארמינערט נישט דעם ווערט פון זיין ווערק ווי א בייטראג צו דער געשיכטע פון אידישן ארטאָדאָקסישן לעבן דאָ אין לאנד... דאָס בוך לייענט זיך לייכט און אָנגענעם...״

הגאון ר׳ יצחק אייזיק שער, שליט״א, דער בארימטער ראש הישיבה פון סלאבאדקער ישיבה איצט אין ירושלים, שרייבט: —

כבוד הרה״ג הנכבד ומאד נעלה וכו׳ כש״ת מוהר״ר יצחק צבי עווער נרו יאיר ויזרח שלום וברכה

מכתבו מג׳ כ״ו אדר ב׳ בא לפני היום עוד הפעם והנני לענות למר, כי נתאחרה המענה מפני רצוני העז למלא מבוקשו דמר למסור את מכתבו דמר לידידי שיתענינו בדבר כדי למלא המבקש, עתה נתברר הדבר שאין לנו דבר מסיום ומכובד, מה להציע לפני כ׳ שהיה׳ לכבוד ולתפארת לפרסם בדפוס, שהרי כבר חלף עבר כשלשים שנה ולבא דאינשי אינשי שהענינים משתכחים ברבות הימים, וקשה לנקיי הדעת להעיד לפני כל דבר שאינו ברור להם. המנוח זצ״ל הי׳ אצלנו אוהב טהר לב וידיד נאמן ומפורסם לתהלה מבפנים הישיבה ומחוץ לישיבה, בטוב טעמו ויקרת נפשו עם כל מעלותיו וחין ערכו בתורה וביראת שמים, וגדול הכאב שעלה בלהב השמימה והפסיק באמצע עבודתו לפני ה׳. כאשר הספדתי עליו במלים אחדים המספרים הרבה לפני יודעיו ומכיריו בשער הירחון כנסת ישראל שהסתדרות תלמידי ישיבתנו מוציאים לאור בש. ז. חושבי עוד לנבות דברים עם ידידנו יחיו, אולי יעלה בידם להיות נזכרם מהני מיל מעלייתא ממנו ועל אודותיו בהיותו בבחרותנו פה, ואם אמצא דבר נאה ומכובד בידנו אשתדל למהר למסור לכם בהקדם האפשרי. ואני תפלה וברכה לכם ולבניו היקרים נ״י וכל ב״ב יחיו, כי זכרונו הגדול יעמוד לכם להתנחם ולהצליח בחיים בתורה ובגדולה באושר ועושר וכטו״ס כל משאלות לבבכם וכברכת הדוש״ה.

יצחק אייזיק שער

הגאון ר׳ חיים העלער, שליט״א, וועלט־באַרימטער גאון און קעמפּער קעגן ביבל־קריטיק: —

לכבוד הרב יצחק צבי עווער הי״ו,

את הספר על חייו ומעשיו של חותנו הרה״ג זצ״ל, שהואיל כ׳ בטובו לשלוח אלי, קבלתי בתודה.

בברכת שלום רב,

חיים העלער

הרב ר׳ אברהם שמואל דוביצקי, זצ״ל, געוועזענער רב אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדאַ, שרייבט: —

אפריון נמטי׳ ותשואות חן חן להרב הגאון המפורסם סופר נעלה ומליץ מפואר, נצר מגזע ישישים וכו׳ במ״ר יצחק צבי עווער נ״י ויזרח לעד, מחבר ספר „הרב יהודא העשיל לעווענבערג ודברי יהודא הלוי״.

אחרי התודה והברכה לכת״ר ששלח לי את ספרו הנ״ל אתן תודה לד׳ על אשר נשאר נין ושורש להקים בזה מצבת זכרון נצח לנשמת גאון וצדיק מ״ר חותנו זי״ע ובעבור זה לא נאמר בו מיתה, רק שכיבה.

ילך כת״ר בדרכו זה שסלל לו ע״י מר חותנו זי״ע לחזק ידים רפות ולאמץ ברכים כושלות במוסר ומידות, בדעת ויראת ד׳.

הספר הזה יקר לי כמו ספר בחידושי תורה של סוגיות בש״ס ע״ד אמרם ז״ל בשבת על הפסוק והיה אמונת עתיך וגומר, אפי״ה אי יראת ד׳ היא אוצרו אין אי לא לא.

אולי יהי׳ כדאי ליסד ועדים באיזה עירות למכירת כתבי הגאון וצדיק זי״ע הנדפסים בכדי שנוכל להוציא לאור כל כתבי יד שלא נדפסו עוד ממנו. דהיינו בלאז אנדזשעלעס יהי׳ תחת השגחת הרב צירלין נ״י, אנכי מכירו עוד בהיותו באביב נעוריו בסאַסמאַקען סמוך לטאלסען, והיה סמוך על שולחני ודירה בעבור שלמד עם בני הבכור אהרן שהוא כעת פּראָפעסאָר בניו יאָרק. ועל מדינת קאַנאַדאַ הייתי מקבל על עצמי ההשגחה של המכירה הנ״ל, כי יש לי הרבה ידידים מהרבנים, חזנים ושוחטים בערי קאַנאַדאַ, כמו בוויניפּעג הרה״ג מ״ר דובער גינצבורג מי שהיה רב בדלהינוב, ועוד כמה וכמה בעיר ווינדזער וביחוד „די קורלענדער פעראיינען״ די בכל אתר ואתר.

הצעתי אשר ביום החופש של הגאון והצדיק הנ״ל שהוא ע״ש שירה הרבה שנים קודם וזה יהי׳ יום הלולא שלו בעד כל אוהביו, יודעיו ומכיריו, מכבדו מעריצו ומוקיר שמו הטוב.

לו הודיע לי כת״ר מקודם שבדעתו להדפיס הספר הנ״ל, כי אז יכולתי לשלוח לו עוד איזה ידיעות נחוצות, כי הייתי אז רב בסאַסמאַקען ונתתי להאחים לעווענבערג זי״ע מכתבים להראשי ישיבות שיתקבלו להישיבות הנ״ל ועד כדומה ידיעות נחוצות ומעילות שטוב היה לפרסמם ברבים.

ובזה הנני ידידו עוז המצפה לתשובתו היקרה בקרוב.

אברהם שמואל דוביצקי, חופ״ק הנ״ל

הרב ר׳ יהודה בראווער, שליט״א, געוועזענער רב אין קענזעס סיטי, איצט רב אין מעקסיקאָ, סיטי, שרייבט: —

כבוד ידידי ולכל היראים והחרדים לדבר ד׳ הרב הגדול ומשכיל מפורסם לתהלה כש״ת ר׳ יצחק צבי עווער שליט״א, חתנו של ידיד נפשי הגאון הצדיק אוצר התורה, היראה והמידות טובות כקש״ת ר׳ יהודא העשל הלוי לעווענבערג זצללה״ה.

אחדשה״ט באה״ר.

שמחתי לקראת הבשורה הטובה שכת״ר הוציא כבר לאור בשני חלקים הביאוגרפי׳ ורעיונות של כבוד חותנו הגה״צ זצללה״ה ורצוף ימצא המגיע תמורת ספר החשוב הנ״ל. ובזה עשה ציון גדול לזכר נשמתו הגדולה של כבוד חותנו זצ״ל ומי יודע יותר ממני נפשו העדינה שמסר נפשו על קדושת השם ותורתו. אהבת עולם אהבתיו וזה שלש שנים שבא לכאן עפ״י בקשתי לדבר לפני הבאנקעט של הישיבה דפה לחזק את הישיבה ודבריו היו חוצבים להבות אש לד׳ ולתורתו לעמו ולארצו.

מפני גודל טרדותי אקצר לע״ע ובעזהי״ת כשאקבל הספר המצוין הנ״ל אכתוב לו אז אם יהי׳ באפשרי לכתוב דבר מה בענין הספר הנכבד הנ״ל.

בברכת התורה ובברכת ציון וירושלים הבנוי׳,

יהודה בראווער

הרב ר׳ מרדכי אהרן קאפלאן שליט״א, רב פון דער בני יהודה שול אין באָראָ פּארק, מחבר פון אייניקע דרוש ספרים, שרייבט: —

כבוד ידידי הרב עדיו לגאון ולתפארת סופר חרוץ ומשכיל על דבר אמת ופה מפיק מרגליות מוהר״ר ר׳ יצחק צבי עווער שליט״א!

אחדשה״ט באה״ר!

ספרו היקר והנחמד „הרב לעווענבערג זיין לעבען און קאמף״, אשר בו מצאתי את „דברי הימים״ של אדם גדול וצדיק, שמסר נפשו הטהורה בעד תורתנו וכל היקר לנו, וכת״ר הציב מצבה רוחנית לדמותו וצלמו כמו שידעתיו אותו כמה שנים, ואתה כחתן התורה ידעת אותו בפנמיות הנפש, ובדקת בחורים ובסדקים שלה, ונתת לנו ספר שלם מילדותו ועד יום פטירתו. וה׳ הטוב ישלח לך את משכרתך כפולה ותזכה עם כל המשפחה הרמה לחיים טובים וארוכים.

בברכת חג כשר ושמח, ידידו בלב ונפש,

מרדכי אהרן קפלן, רב בבארא פארק, ברוקלין, נ. י.

הרב ר׳ משה דן שיינקאָפּף, שליט״א, רב הכולל פון ספרינגפילד, מאסס., שרייבט: —

לכבוד הרב יצחק צבי עווער, שלום וברכה!

את מכתבו קבלתי.

ידידו מברכו בהצלחה רבה במפעלו החשוב להנציח שמו וזכרו של חותנו הגה״צ המנוח זצ״ל.

בד״ש לכל המשפחה ובברכת חג כשר ושמח.

משה דן שיינקאָפּף

הרב ר' בצלאל כהן, שליט"א, רב פון פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי, שרייבט:

הרב יצחק צבי עווער הנכבד,

האמת אגיד לו כי אחרי רואי את החומר בספר הנני להביע את דעתי כי בשביל רבנים זה חשוב מאד שידעו מה נעשה בעולם הרבנות באמריקא.

בכבוד רב וידידות לכל המשפחה הכבודה וברכת שנה טובה ומאושרת,

בצלאל הכהן

הרב ר' צבי הירש הכהן שליט"א, רב פון בית מדרש הגדול תפארת ישראל פון ריווערסייד דרייוו, מחבר פון ספר „גנזי דרשות ורעיונות", שרייבט: —

כבוד האברך כפשוטו וכמדרשו הרה"ג המפו' וכו' כש"ת מוה"ר יצחק צבי עווער שליט"א.

רב יקר ונכבד:

אייער ספר „הרב י. ה. לעווענבערג און דברי יהודא הלוי" האָב איך ריכטיק ערהאלטן, און איך מוז צוגעבן דאָס דער ספר איז אַ מייסטער ווערק אין פולען זין פון וואָרט.

זייער לעבהאפט ווערט געשילדערט דער עקשנות'דיקער קאמף פון א העלד אין דער פּערזאָן פון דעם באוואוסטן רב און קעמפער פאַר חזוק התורה והיהדות המסורתית הרה"ג הגדול המפו' וכו' כש"ת מוה"ר יהודא העשל לעווענבערג ז"ל, וועלכער איז באמת א נאציאָנאלער סימבאָל פון די פילע אנדערע תורה טרייע רבנים, וועלכע זיינען קרבנות געפאלן פון געלד גייציקע און כבוד זוכענדע זאַגענאנטע שומרי החומות...

א וואונדערליכער מאָנומענט איז דער ספר — פאַר דער היסטאָריע פון רבנות אין אמעריקא — אַ פינסטער קאפּיטעל אין דער געשיכטע פון אמעריקאנער אָרטאָדאָקסיע וואו תורה אידעאלן און הויכע אידעאליסטישע נשמות ווערן געטראָטן מיט די פיס — נישט בלויז פון די עמי הארצים — נאָר דוקא פון אייגענע אחים בדעה.

די מוראדיקע שטערונגען קומען דוקא פון אַזעלכע וואָס מען האָט געקענט און גע־דארפט ערווארטן מיטווירקונג און רעאַלע שטיצע — וימררהו וישטמוהו וירובו... בעלי חצים — חבל על דאבדין.

א דבר גדול האָט איר ווירדיקער הרב עווער אויפגעטאָן דאמיט וואָס איר האָט פאר־אייביקט דעם זכרון פון אַ גרויסע פּערזענליכקייט, יהי זכרו לברכה.

מיט גרוס און בעסטן וואונטש, הנני חותם בכל הכבוד,

צבי הירש הכהן

הרב ר' דוד ראפאלין, שליט"א, רב פון מעקסיקאָ, שרייבט: —

לכבוד הרב הג' יצחק צבי עווער שליט"א

הרב דסאראטאָגא היברו צענטער, ברוקלין, נ. י.

אחדשה"ט!

מפני סבות שונות שלא היו תלויות בי, לא יכולתי להשיבו תיכף על מתנתו היקרה, בשלחו הספר „הרב לעווענבערג, זצ"ל".

ובזה אודה לו, ואמר לו שלו' ולכל הנלוים עמו.

והנני שלו,

דוד שלמה ראפאלין, אב"ד דמעקסיקא

הרב ר׳ שמואל אפרים טיקטין, שליט״א, רעדאקטאָר פון דער רבנישער ענציקלאָפּעדיע, שרייבט: —

שלמא רבא לכבוד הרב הגדול, סופר מהיר ומשכיל על דבר אמת כקש״ת מוהר״ר יצחק צבי עווער שליט״א, ברוקלין, נ. י.

אחדשה״ט בכבוד כראיו!

והנה זה היום עשה ה׳ אגילה ואשמחה בו. קבלתי את ספרו החשוב הנקוב בשם: הרב י׳ ה׳ לעווענבערג (זיין לעבן און קאמף ח״א; דברי יהודא (דרשות און רעיונות) ח״ב. ובחשבי את הספר הזה בתור תשובה על מכתבי אל כת״ר מחג הסוכות של השנה החולפת, הניח את דעתי עצהיו״ט ובאופן משביע רצון; ועקב זה אנכי מבי לו תודה רבה וברכה עמוקה.

ספרו החשוב הגיע לידי היום, ועוד טרם הספקתי לעיין בו די צרכו, ומבלעדי הכלל אשר מסרו בידינו חז״ל כי „חזקה על חבר שאינו מוציא מת״י דבר שאינו מתוקן (פסחים ט׳), הנה אם רק דפדפתי בו דפים אחדים, כבר תכנתי את רוחו החשוב וידעתי כי עבודה כבדה וכבודה עבד בספרו זה, וספרו זה קנה לו מקום חשוב בין ספרי תולדות הרבנים הנקראים בענג רב. אי״ה לכשאפנה מעט מעבודתי בספרי אשתדל לדבר אדותו ולתת את ערכו החשוב הראוי לו לפי עבודתו, באחד מהעתונים או הירחונים העברים בארצנו פה או בארצנו הקדושה.

והיה זה שלום וברכה מאת מוקירו ומכבדו המקוה לשמוע מאתו בקרוב.

והנני אנא עבדא דקוב״ה בברכת התורה ובכבוד דרבנן,

שמואל אפרים טיקטין

הרב ר׳ יצחק סילמאן, שליט״א, געוועזענער רב אין האקענסאק, איצט אין ברוקלין, שרייבט: —

לכ׳ הרב יצחק צבי עווער, שלום וברכה!

עינתי בספרו ומצאתי מלא גדוש ענינים נעלים וחשובים ובודאי לכבוד תהי׳ לכל יודע ספר להכניס ספר זה בתוך ביתו. באמת מזכרת עולם הוא לז״נ הג׳ זצללה״ה.

יהא רעוא שזכותו יעמוד לנו ולכ״י.

בברכת שלום וברכה,

ידידו הק׳ איסר בהגרי״א סילמאן, זצללה״ה

החופ״ק האקענסאק, נ. דזש.

הרב ר׳ טובי׳ גפן, שליט״א, מחבר פון אייניקע דרוש און הלכה ספרים, רב אין אטלאנטא, דזשאָרדזשיא, שרייבט: —

כבוד הרב הג׳ וכו׳ מו״ה יצחק צבי עווער נ״י

אחדשה״ט עם כל הנלוים אליו.

מכתבו קבלתי לנכון והנה אמת נכון הדבר שקבלתי את הספר אודות הרב לעווענבערג ז״ל ועיינתי בו והספר מצא חן בעיני אבל קשה עלי להוציא חמשה דאָלאר כהמחיר אשר הושת עליו, ולכן חכיתי עד אשר אקבל מכתב מכבודו ועתה כאשר קבלתי מכתבו חפץ אני להודיעו כי באמת יקר לי הספר הזה כי אני ידעתי את חותנו המנוח היטב ופעם אחת נסעתי עמו ביחד מאטלאנטא לסאוואנא לעזור אותו לאסוף כסף בעד הישיבה שלו, אבל כאשר אמרתי למעלה כי קשה עלי להוציא סכום כזה וגם בחינם איני רוצה להחזיק את

הספר ואם כבודו יסכים לקבל ממני תמורת הספר איזה מספרי אשר הוצאתי לאור בעזה״י ואשלח לו. ובזה או״ל לו ולכל אשר אתו ומברכו בחג כשר ושמח.

המוקירו כערכו,

טובי׳ גפן, חופ״ק הנ״ל

הרב ר׳ חיים דוב מאנטעל, שליט״א, רב אין ביינברידזש, מאסס., שרייבט:

כבוד ידידי החשוב הרב המושלם וכו׳ כש״ת מהור״ר יצחק עווער, שליט״א
הנני מאחל לכ״ת הצלחה מרובה ונתראה בקרוב.
אני קורא את הספר מדי שבת בשבתו ונהנה ממנו מאד.

בברכה לבבית,

חיים דוב מאנטעל

לשכת הספרים פון ישיבת רבנו ישראל מאיר הכהן, שרייבט: —

שלום וברכה להאי גברא רבה ידיד הד׳ הנודע ומפורסם בשערי הלכה מו״ה הרב יצחק צבי עווער, שליט״א.

אחדשה״ט בהוקרה.

הגיע לאזני בחורי הישיבה שכ׳ הוציא לאור ספר יקר ונחמד מלא יראת הד׳ טהורה מזכרת נצח להגאון הגדול כקש״ת הרב יהודא לעווענבערג זצוק״ל נבג״ע ומאד משתוקקים בחורי חמד לקרוא ספרו היקר ולהינות עונג רוחני מחייו ופעולותיו של איש גאון ענקי שמעשיו ומחשבותיו יוזכרו לנצח כי הרביץ תורה ואהבת תורה לאלפים ורבבות, ולפיכך הפצירו בני הישיבה שנשתדל בכל כחותינו להשפיע על כת״ר לנדב קרבן תורה ולזכות עשרות הבחורים המופלגים המחכים בכליון עינים לקרוא ספרו ששמו ותוכנו יצא למרחקים ורבים שבחו והללו אותו בשער בת רבים. המצב הכספי הדחק אין נותן לנו האפשרות לשלם בעדו ואין להאריך בדברים כי מי ככ״ת שלמד כ״כ שנים בין כותלי היכל התורה אשר בקליוולאנד מכיר ויודע מצב הכספי של ישיבה. ובטוחים אנו שכ״ת יענה לבקשתנו ויזכה אותנו בספר אחד שתעמוד בהיכלנו לזכרון נצח לאיש אלקי שהאיר העולם התורני והחרדי בחכמתו ותורתו וזכרו לא ימוש מקרבנו.

ברגשי תודה ובהוקרה ובהערכה נשארים אנו מעריכיו ומכבדיו כערכו הרם והנעלה.

ועד לשכת הספרים של הישיבה הק׳.

עמנואל לעווין, מזכיר

ר׳ זיסל גדלי׳ גוטקין, נ״י, ברוקלין, נ. י., שרייבט: —

כבוד הרב ר׳ יצחק צבי עווער, נ״י:

יואל נא כת״ר לקבל תודה וברכה ממני עבור המתנה המרובה אשר נתת לי הספר אשר חשוב ויקר לי מאד חלף ממני מתנה מועטה לפי כחי שלפי דעתי הלואי שיספיק מחיר הניר והכרך והספר גדול הכמות ורב האיכות יהי׳ לי למזכרת נצח.

ברגשי כבוד לכ׳ ולכבוד צאצאי חותנו הרב הצדיק זצ״ל.

זיסל גדלי׳ גוטקין

ר׳ יעקב לעווין, נ״י, אָנגעזעענער אָרטאָדאָקסישער כלל־טוער אין שיקאַגאָ, שרייבט: —

כבוד הרה״ג המופלג המופלא והחריף, כש״ת מו״ה הרב יצחק צבי עווער נ״י
ברוקלין, נ. י.

מעוטף בזה ימצא ר״מ המחאה ע״ס חמשה דולרים ($5.00) עבור ספרו של הגאון מהרי״ה הר—חיים, זצ״ל, הנקרא בשם „רבנו יהודה הלוי״. תחזקנה ידיכם להוציא לאור כל ספרי הגאון הנ״ל למען תשארנה לאות ומופת בישראל, וזכות הגאון והצדיקים המוצגים בספריו תגן בעד עמנו בעת הנוכחי, והמחיש יחיש ישע ופדות לעמו הנדכא במוקדם האפשרי. והאם לית אפשרות בידו?

בהערצה ובברכה לישועה ונחמה,

יעקב לעווין

ר׳ יעקב דוב הלוי פלאנצרייך, נ״י, געזעלשאפטליכער טוער אין ברוקלין, שרייבט: —

מיין ליבער הארציקער רבי יצחק צבי עווער, שליט״א!

איך בין איבעראשט פון דעם פיינעם געשמאק, שיין שרייבעריי, סיי דער טעסט, סיי דער אויסלייג פון ווערטער איז אַזוי ליטעראריש אַז מיר איז געווען זייער אנגענעם צו לעזן דעם צוזאמענשטעל אין סטיל. ס׳איז ממש צו באוואונדערן ווי ריין, גוט, אלעס איז אַרויסגעבראכט געוואָרן.

זעלטן ווען א בוך האָט געהאט אויף מיר אזא צוציאונגס קראפט פון ערשטן בלאט ביז דעם לעצטן. ס׳איז א שטיקעלע זשורנאליסטישע גרויסקייט סיי אַלס שריפטשטעלער און שיין שרייבן.

מיין וואונטש איז געבענשט זאָל זיין דער מוח און די האנט וואָס קען אזא ווערק אַרויסגעבן, אַזוי ערהאבן אין אינהאלט אויף שריט און טריט, עס פילט זיך דער לייב און לעבן, דער מוסר נפש, דער אויסדויער אין אַלע איינצעלהייטן.

מיין שרייבן איז מיט הארץ, ס׳איז גאָרניט דאָ וואָס צו קריטיקירן, אַלעס איז הונ־דערט פראָצענט גוט. יאָ, ס׳איז אַ בלעטל געשיכטע געשריבן פון א געבענשטער האנט.

זאָלן מיינע ווערטער אייך געבן מוט פאַר ווייטערע שאפונגען.

מיט כבוד און אכטונג,

יעקב דוב הלוי פלאנצרייך

THE UNITED ORTHODOX RABBINATE, Providence, R. I.:

"This letter will introduce Rabbi Isaac H. Ever who is in Providence at the present time for the purpose of presenting to the Jewish people of this city his new *literary work* on the Biography and Sermons of the late Rabbi J. H. Levenberg of New Haven.

Rabbi Levenberg, founder of the Yeshvath of New Haven was known to the Providence public for his rich and forceful sermons. There are many in our city who still remember Rabbi Levenberg as a leader in Jewish thought and Jewish life. We *recommend* this book as *an asset to any library.*

Sincerely yours,
THE UNITED ORTHODOX RABBINATE
Rabbi David Werner, President

RABBI SAMUEL YALLOW, Syracuse, N. Y.:

My dear Rabbi Ever:

"You have indeed done an excellent work in giving a lasting monument to your great father-in-law, of blessed memory, in picturing his fine deeds and his extraordinary abilities . . . Can you inform me the charges of this book, I will send you a small check for it, as my financial circumstances do not permit me to give as much as I would desire. . . . With kind personal rememberance from Mrs. Yallow and myself to your wife,

Sincerely
SAMUEL YALLOW

RABBI ABRAHAM HEFTERMAN, Manchester, N. H.:

This is to testify that Rabbi Isaac H. Ever, writer and scholar of Cleveland, Ohio, is the author of a book of *great literary merit* and *historiographical value,* the biography of Rabbi J. H. Levenberg."

ABRAHAM HEFTERMAN

RABBI NATHAN TARAGIN,

former Rabbi of Congregation Sons of Abraham, Providence, R. I. now Rabbi in Bronx, N. Y.:

"This is to testify that my colleague and dear friend, Rabbi Isaac H. Ever, of Cleveland, Ohio, author of the *monumental work* of his late father-in-law's *scholarly* and *literary biography,* the Rosh Ha-Yeshivah of New Haven and Cleveland, Rabbi Judah H. Levenberg, is at present prevailing in our city in the interest of selling his works. . . . I would deeply appreciate your kind generous co-operation in enabling Rabbi Ever to obtain a liberal monetary exchange for Rabbi Levenberg's *immortal book.*

RABBI NATHAN TARAGIN

ELIHU D. STONE, Well-known Zionist Leader, Dorchester, Mass.:

"Rabbi I. H. Ever, author of the biography of his father-in-law, the distinguished late Rabbi Judah Levenberg—the founder of the New Haven Yeshivah, is a book of great value. The "SEFER" could well be placed in the BETH H'AMEDRASH.

Respectfully,

ELIHU D. STONE
Pres. Cong. Mishkan Tefilah

SHULSINGER BROTHERS PUBLISHING CO.,

New York City:

"The book is exceptionally well written, and will interest not only those who were personally aquainted with Rabbi Levenberg, but Jewry in general. You have been highly successful in interpreting the ideals cherished by Rabbi Levenberg, which will serve as a guiding light to all Jewry. You have erected an everlasting memorial to the memory of a great Jew. As the publishers of this work, we have given the best in workmanship and paper, and as a result we feel sure that the book will be an ornament to every Jewish houshold.

SHULSINGER BROTHERS

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY, Office of the Director:

"Rabbi Isaac H. Ever, Dear Sir:

Will you be good enough to present to this library a copy of your work entitled "Harav Levenberg", Brooklyn, 1940? We feel sure this publication will prove of *interest to* the many readers in our Jewish Division, and we hope you may be able to grant our request . . . Please believe that any trouble you may take on behalf of the library in this connection will be greatly appreciated.

Very truly yours,

H. M. LYDENBERG, Director
THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

ELI H. EINBINDER, New Haven, Conn.:

"My dear Rabbi Ever:-

I want to take this opportunity to thank you for your Biography of your father-in-law, the late Rabbi J. H. Levenberg. It reminds me much of the past here in New Haven, and is a great inspirer to do good—fight for justice—and live the true Torah life . . . With many thanks again for making it possible to have this *great biography as a companion* of my home, I remain

Yours sincerely,

ELI H. EINBINDER

ISRAEL SMITH, Grand Rapids, Mich.:

"Dear Rabbi Ever:

Enclosed herewith please find a check to cover the cost of the book you sent to me. I will always *treasure it among my best of books.*

Yours very truly,

ISRAEL SMITH

FREDERICK MARGARETEN, New York City:

"My dear Rabbi Ever:

Pursuant to our conversation, I am herewith enclosing my check in payment of the book . . . I shall be very happy to read this book and feel certain that I will spend several hours of *very interesting reading* . . . Wishing you every success, I beg to remain

Very truly yours,

FREDEDICK MARGARETEN

I. MEHLER, College Knitwear Co., Brooklyn, N. Y.:

"Dear Rabbi Ever:

I exceedingly regret that I have delayed payment for the book you sent me . . . I have *enjoyed* reading this book *very much,* as I have known the late Rabbi Levenberg, of blessed memory, quite well . . . With kindest regards, I remain,

Sincerely yours,

I. MEHLER

JEWISH SOCIAL STUDIES, New York City:

"Schulsinger Brothers:

We are preparing material for the early issues of JEWISH SOCIAL STUDIES which is to be published by the Conference on Jewish Relations . . . We would like to have a review of HARAV LEVENBERG, by Rabbi Isaac H. Ever, in one of our early numbers. Could you please send us a review copy of this book?

KOPPEL S. PINSON, Managing Editor